STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01083

DER ONHOYB FUN DER YIDISHER LITERATUR IN AMERIKE

Kalmon Marmor

Permanent preservation of this book was made possible
by Gail & Bob Israel
in honor of
Regina & Tony Immarco

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע

(1870-1890)

קלמן מרמר

שרייבער־סעקציע ביים איקוף • ניו־יאָרק, 1944

דאָס בוך איז דערשינען דורך דער
שרייבער־סעקציע ביים איקוף
מיט דער הילף פון די אַטלאַנטער
איקוף־טוער אין אָנדענק פון דער
פרי־פאַרשטאָרבענער
דבורה סווערדלין

PRINTED IN THE U.S.A.
209

תקון־טעות

אין דער אָנמערקונג אויף זייט 9 דאַרף זיין:
„פ ר אָ פ ר י י ע ט אָ ר א ו נ ד פ ו ב ל י ש ע ר" (אייגנטימער און אַרויסגעבער), אָנשטאָט: „רעדאַקטאָר און אייגנטימער".
„ה ע ב ר ע ו נ ו י ע ס", אָנשטאָט: „העברעאַ ניועס".

פאָרוואָרט

דאָס בוך „דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" איז אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטן און ביי פאַר־שיידענע געלעגנהייטן. זיי זיינען געשריבן פאַר דעם ברייטן לייענער־קרייז, נאָר זייער מאַטעריאַל איז געוויינלעך אויסגעפאָרשט דירעקט פון די ערשטע קוועלן. די דאָזיקע זאַמלונג קאָן דעריבער אויך נוצלעך זיין פאַר די, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע און ליטעראַטור אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָר־הונדערט.

די דאָזיקע אַרבעט איז באַשרענקט אויף אַ טייל טעטיקייט פון אַ ריי שרייבער און צייטשריפטן אין די 70ער און 80ער יאָרן. ברייטער פון אַט די ראַמען ווערן דאָ באַשריבן נאָר די פיר פיאָנערן פונעם יידישן אַרבעטער־ליד, ווי אויך די צוויי רעדאַקטאָרן־אַרויסגעבער פון דער ערשטער וועכנטלעכער צייטונג אין יידיש, געדרוקט אין אַמעריקע.

קלמן מרמר

ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1943.

דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע

1

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ניט אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן פון אייראָפּע. זי איז אַרויסגעוואַקסן פון די באַדינגונגען פון אַמעריקאַנעם יידישן לעבן. איר סאַמע אָנהויב איז געווען די אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש.

די ערשטע יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, דאָס רוב פּאַקנ־טרעגער (פּעדלער) און באַלמעלאָכעס, זיינען אין זייער מערהייט באַשטאַנען פון פּראָסטאַקעס. זייער ווייניקע צווישן זיי האָבן געוואוסט פון אַ יידיש ביכל אָדער בכלל געהאַט אַ באַדערפעניש פאַר גייסטיקער שפּייז. עלטערע יידן, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין אַמעריקע מיט אַ קנאַפּן הונדערט יאָר צוריק, האָבן דעם שרייבער פון אָט־די שורות דערציילט, אַז נאָך אין די פערציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט קיין אינטעליגענטער ייד ניט געקאָנט געפינען קיין שום גייסטיקע באַשעפטיקונג צווישן די יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן אין אַמעריקע. ער האָט געמוזט ווערן אַ פּעדלער אָדער זיך אויסלערנען אַ מלאכה. ערשט אין משך פון די פופציקער און זעכציקער יאָרן וואַקסט אויס די פאָדערונג פון אַ רעליגיעזער אינטעליגענץ, פאַר אַ „כלי־קודש" (רבנים, מגידים, מלמדים, א. אַז. וו.).

צווישן די מיטגלידער פון די ערשטע יידישע רעליגיעזע חברות, מנינים און קהלות זיינען געווען פּשוטע האַרעפּאַשנע יידן, אי פון מזרח־אייראָפּע און אי פון מיטל־אייראָפּע (דייטשע, אונגאַרישע און בעמישע). זייער „יידיש־דייטש" האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון דעם יידיש פון די פּוילישע, ליטווישע און אוקראַינישע יידן. צום בעסטן האָבן זיך דעריבער צוגעפּאַסט צו אָט־דעם עולם יענע מזרח־אייראָפּיאישע לומדים און משכילים, וואָס זיינען געקומען פון די געגנטן נאָענט צו דער דייטשישער גרענעץ און גערעדט אַ מין „קאַלוואַריער דייטש". זיי האָבן זיך געקאָנט לייכט פאַרשטענדיקן אויך מיט די יידיש־רעדנדיקע יידן פון מיטל־אייראָפּע.

דער אויסברוך פון דער מלחמה צווישן פּרייסן און פראַנקרייך אין זומער פון 1870 רופט אַרויס אַ שטאַרקע פאָדערונג פאַר אַ צייטונג אין יידיש. די

פשוטע יידישע מאַסן, אַפילו יענע, וואָס האָבן אין זייער אַלטער היים געקענט אַ גוטן דייטש, זיינען געווען גענייטיקט צו לייענען און שרייבן אין אַט־דער שפּראַך בלויז דורך דעם יידישן אלף־בית. (פאַר אַזוינע יידן זיינען אויך צענדליקער יאָרן שפּעטער אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן אַרויס צייט־שריפטן אין דער דייטשישער שפּראַך מיט יידישע בוכשטאַבן.)

די פאָדערונג פאַר אַ יידישער צייטונג האָט באַלד אַרויסגעבראַכט דעם פּאַסנדיקן מענטשן פאַר דעם. דאָס איז געווען דער געשעפטסמאַן, למדן און משכיל צבי הירש בערנשטיין (1846־1907).

צבי הירש (העברי) בערנשטיין, אַ געבוירענער פון ניישטאָט־שירווינט (סואוואַלקער גובערניע), איז אַ דאַנק זיין היימישן דייטשמעריש אויך געווען שפּראַכלעך צוגעפּאַסט צו זיין רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון אַ צייטונג אין יידיש.

דער שפּעטערדיקער יידישער צייטונג־אַרויסגעבער כתריאל צבי שרהזאָהן דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט געהאַט גרויסע שפּראַך־שוועריקייטן צוליב דעם, וואָס „די מערסטע איינוואוינער זיינען געווען דייטשן, הערצאָג־טימער און פּאָלנישע יעהודים, אָבער זייער ווייניק ליטווישע און גאָר קיינע רוסישע" (אוקראַינישע). אין 1870 זיינען געווען אויך טעכנישע שטערונגען: עס האָבן געפעלט יידישע בוכשטאַבן און אַ יידישער שריפטזעצער... דער 24־יאָריקער בערנשטיין האָט אָבער מיט פּיאָנערישער עקשנות זיך ניט אָפּ־געשראָקן פאַר קיינע שוועריקייטן. ער שרייבט אויס יידישע בוכשטאַבן פון ווילנע און ווין און לאָזט אויסגיסן זייער גלייכן אין אַמעריקע. דערוויסנדיק זיך, אַז דער געלערנטער צבי גרשוני (העברי גערסאָני) קאָן אויך שריפט־זעצעריי, שליסט ער מיט אים שותפות... זיי ווערן דאַן ביידע די אַרויסגעבער און די רעדאַקטאָרן פון דער ערשטער פעריאָדישער אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש — „די פּאָסט (אויגוסט 1870).

צבי הירש גרשוני (1844־1897) איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין אַ מיוחסדיקער משפּחה, וואָס האָט אים געגרייט צו ווערן אַ רב, אַזוי ווי דריי פון זיינע ברידער. ער נעמט זיך אָבער צו בילדונג און שטודירט אין פּעטער־בורגער אוניווערזיטעט. דאָרט פאַרליבט ער זיך אין זיינער אַ פּריצישער שילערין. דאָס באַוועגט אים אָנצונעמען איר קריסטלעכע אמונה... ער האָט באַלד חרטה און אַנטלויפט קיין דייטשלאַנד. פון דאָרט קומט ער קיין לאָנדאָן און פּאַריז, וואו ער לעבט איבער שטאַרקע פיזישע און גייסטיקע יסורים. אין 1868 טרעט ער אַרויס אין דער העברייאישער פּרעסע מיט אָן עפנטלעכן ווידוי. ער בעט דעם יידישן פאָלק ער זאָל אים מוחל זיין זיין יוגנט־זינד און אים ווידער אָנערקענען פאַר אַ יידיש קינד... אין יולי 1869 קומט ער קיין אַמעריקע. לויט זיין לומדות און בילדונג האָט גרשוני געקאָנט פאַרנעמען אַ רייכע

ראַבינער־שטעלע. ער איז אָבער צו ערלעך צו חנפענען די שטאַרקע און איינ־פלוסרייכע, ציט ער זיין חיונה מערסטנס פון שריפטשטעלערישער אַרבעט. ער איבערזעצט רוסישע קלאַסיקער אין ענגליש (צוויי בענד פון זיינע טורגעניעוו־איבערזעצונגען זיינען אַרויס אין בוך־פאָרם). ער פאַרעפנטלעכט אויך אין ענגליש אַ בוך סקיצן פון יידישן לעבן. אַ געוויסע צייט העלפט ער אַרויס די אָרטאָדאָקסישע יידן דורך איבערגעבן אין אַ זעלטן־שיינעם ענגליש זייער „רב־הכוללס" דרשות", וועלכע זיינען געווען מער זיינע, גרשוניס, ווי יענעמס, רב יעקב יוספס...

אין דער יוגנט האָט גרשוני געשריבן לידער אין יידיש. אין ליד זיינס: „דער צימבל", אין 20 סטראָפעס, האָט הירש ניסן גאָלאָמב פאַרעפנטלעכט מיט נאָטן (אינעם לידער־בוך „מנצח בנגינות", ווילנע, 1883, זייטן 78־80). אין יענעם ליד דערציילט דאָס יידישע פאָלק, אַז אין זיין אייגענעם יידנלאַנד האָט עס געקעמפט מיטן שווערד, ווערנדיק באַזיגט פאַרבייט עס די שווערד אויף דער האַרפע. שפּעטער אָבער, ווען מען פאַרטרייבט אים פון שפּאַניע, גייט זיין האַרפע פאַרלוירן. „אויף איר שטעלע" — זינגט דאָס יידישע פאָלק — „האָב איך דעם צימבל גענומען". —

„פון היספּאַניען טראָג איך דיר מיין צימבל אַהער;
איך זינג דיר מיין ליד — זעץ זיך און הער!
מיין ליד איז שוין לאַנג באַקאַנט אין דער וועלט;
מען וויל איר ניט הערן — די אויערן פאַרשטעלט."

„דער הייליקער קלאַנג פון האַרפע וואָס אַנטציקט
איז אין די האַרטע טענער פון צימבל פאַרשטיקט;
דאָך קלינגט נאָך עטוואָס מיט מאַכט, מיט געוואַלד
פון דעם ליד וואָס איז שוין צוויי טויזנט יאָר אַלט." *)

אין פאַרלויף פון די יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין פּעטערבורג, בערלין, לאָנדאָן, פּאַריז און ניו־יאָרק, האָט גרשוני ווייניק גערעדט זיין ווילנער יידיש און די אַלע יאָרן געשריבן אין אַנדערע שפּראַכן. אין זיין סביבה אין ווילנע, לומדים און משכילים, האָבן מענער געלערנט ספרים אָדער געלייענט השכלה־ביכער אין העברייאיש. ער האָט דעריבער געמיינט, אַז ביכלעך אין יידיש ווערן געשריבן בלויז פאַר פרויען. אין זיינעם אַ מאַנוּ־סקריפּט אין העברייאיש: „ספר וסופר וספור" (בוך, שרייבער און דערציילער) פירט דורך גרשוני אַזאַ פּאַראַלעל צווישן דער העברייאישער און דער יידישער ליטעראַטור:

*) אַלע ציטאַטן ווערן דאָ געגעבן אין דער נייער אָרטאָגראַפיע.

„דאָס וואָס עס ווירקן די ביכער „אהבת ציון", „עיט צבוע", „האבות והבנים" און דער גליכן, אויף דאָס האַרץ פון דעם ישיבה־בחור, וואָס זיצט אין אַ ווינקל פון בית־המדרש און זעט ניט און קען ניט דעם גאַנג פון דער וועלט און דאָס מענטשלעך האַרץ, אַזוי ווירקן אויך די דערציילונגען „רב חייציקל אַליין", „דער גוט־יום־טוב ביטער", „רב חיימל קאַצין" און דער גליכן אויף די הערצער פון די יידישע טעכטער."

און ער באַמערקט דערצו אַזוי:

„לאָמיר דאַנקבאַר זיין די שרייבער, וואָס קוקן ניט אויף זייער כבוד, נאָר ווענדן זיך צו דאָס גוטע און נוצלעכע, צו לערנען זייערע שוועסטער — — — אין דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען. אין זייער ווירקונג אויפן קומענדיקן דור וועלן זיי געפינען זייער לוין."

„די פאָסט" איז ניט פאַראַן אין קיין עפנטלעכער ביבליאָטעק אין אַמעריקע. מיר קענען זיך אָבער פאָרשטעלן, אַז די שפּראַך איז געווען דייטשמעריש, אַזוי ווי די שפּעטערדיקע צייטונגען פון די זיבעציקער יאָרן. דאָס האָט געמוזט אַזוי זיין, ווען צווישן זייערע לייענער האָבן זיך געפונען אויך דייטשישע און אונגאַרישע יידן. מוסטערן פון גרשוניס און בערנשטיינס יידיש געפינען זיך פון שפּעטערדיקע יאָרן. אין גרשוניס אַ בריוו צו זיין שוועסטער שרייבט ער אַזוי:

„עס טוט מיר בלויז הנאה, וואָס דו אָן עין־הרע אין דער בילדונג זאָ וויט געבראַכט האָסט, דאָס דו שוין ווייסט וואָס אין דער געלערנטן וועלט פאַרהאַנדלט ווירד."

אין בערנשטיינס אַ בריוו צום „טאַגעבלאַט" באַנוצט ער אַזאַ יידיש:

„איך קאָן נור ערווידערן, דאָס איך האָב נור די ריינע וואַרהייט געשריבן און איך וואר זאָגאר זייער מילד אין מיין שרייבן — — — איך וועל נאָך שפּעטער פיליכט אין אַ ספר מיוחד נאָך איין מאָל איבער יענער צייט שפּרעכן."

גרשוניס מיינונגען איבער דער נוצלעכקייט צו שרייבן יידיש און איבער זשורנאַליסטישער עטיק מאַכט אונדז באַזונדער ליב אָט־דעם ערשטן רעדאַק־טאָר פון דעם ערשטן אַמעריקאַנעם וואָכנבלאַט אין יידיש. אין אַ בריוו צו פּרץ סמאָלענסקין, דעם רעדאַקטאָר פון פּראָגרעסיוון העברייאישן זשורנאַל „השחר" (געגרינדעט אין 1866 אין ווין), שרייבט גרשוני, אַז זיין שטרעבן איז „אויפצוהויבן ווי אַ שופר" זיין שטים „צו פּראָטעסטירן ביטער קעגן יעדער שטרויכלונג און שטרויכלער, קעגן אַלע פינצטערלינגס". ער דערקלערט דערביי:

„איך בין פריי פון די בענדער פון געמיינדע און משפּחה, נאָר איך בין געבונדן מיט די בענדער פון ליבע צו מיין פאָלק — — — איך וועל ניט

פאַרשווייגן קיינעמס פאַרברעכן אויב ער האָט געזינדיקט קעגן כלל. ווייל איך האָב אויך מיין אייגענעם פאַרברעכן ניט פאַרשוויגן. איך וועל ניט שרייבן צווייזדייטיק וועגן קיין פילאַנטראָפּ, ווייל חנפענען קען איך ניט — — — מיין גייסט איז פול מיט קאַמף קעגן אָט־די אַלע. . . .״

דער שותפות צווישן בערנשטיין און גרשוני האָט אָנגעהאַלטן בלויז פיר וואָכן. אַזוי גיך ווי עס איז געקומען אַ זעצער פון ווילנע (הירש קאָטאָן) האָט זיך וואַרשיינלעך דער פיין־פילנדיקער גרשוני צוריקגעצויגן, כדי די צייטונג זאָל ניט ליידן צוליב זיין יוגנט־זינד...

ווי בערנשטיין דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט „די פּאָסט״ עקזיסטירט איבער אַ האַלב יאָר. זי האָט געהאַט אַ סך קויפער, אַבאָנענטן און אַנאָנסירער („אַדווערטייזער״), ניט בלויז אין ניו־יאָרק, וואו ער גיט אָן די צאָל פון 80,000 יידישע נפשות, נאָר אויך אין באָסטאָן און אַנדערע שטעט. זי האָט געהאַט אַלע אויסזיכטן אויף דערפאָלג. ער (בערנשטיין) האָט אָבער זי אַליין אומגעבראַכט, ווען ער האָט פאַר זיך געזען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן מיט אַ שותף, מר. קאָהן, אַ גרעסערע צייטונג — „די העברעאַ ניועס״ („דהי היברו ניוס״ — יידישע נייעס).*)

לויט אַ באַריכט אינעם „יובילעאום־נומער״ פונעם „טאַגעבלאַט״, אין 1910, איז די מעשה מיט אָט־דער צייטונג אַזוי געווען:

„יעקב קאָהען, אַן אַלט־מאָדישער ייד פון סואוואַלקער גובערניע, איז „געלאָפן״ אַלס „סופּערווייזער״ אויף דעם דעמאָקראַטישן טיקעט און ער האָט געהאַפּט, דאָס דורך פיר לשונות, לשון־הקודש, יידיש־דייטש, ענגליש און „הויך־דייטש״, וועט ער קריגן אַלע יידישע „וואוטס״ [שטימען]. ער איז ניט עלעקטעד געוואָרן און די צייטונג איז גלייך נאָך עלעקשאָן אונטער־געגאַנגען.״

ענלעכס ווערט דערציילט אין די „גאַזעטן״, בלויז מיט דער אונטערשייד, אַז קאָהען איז „געלאָפן״ פאַר „גרויס־אָלדערמאַן״ און מיט דעם צוגאָב, אַז נאָך

---

*) אַ פערטל יאָרגאַנג „העברעאַ ניועס״ געפינט זיך אינעם באַזיץ פונעם ייוואָ. דער ערשטער נומער איז דאַטירט 5טן אַפּריל, דער 13טער — 14טן יולי, 1871. דער אַבאָנאַמענט־פּרייז איז 5 דאָלער אַ יאָר, אַן איינצל־נומער — 10 סענט. יאַקאָב קאָהען ווערט אָנגערופן רעדאַקטאָר און אייגנטימער. בערנשטיין ווערט ניט דער־מאָנט. דער גרעסטער טייל לייענשטאָף איז אין ענגליש. די זאַכן אין „לשון הקודש״, „יודיש־דייטש״ (דייטש מיט יידישע בוכשטאַבן) און „הויך־דייטש״, זיינען דאָס רוב איבערגעדרוקטע. דער פאָרמאַט איז ווי דער פון די דעמאָלטיקע העברייאישע וואָכנבלעטער.

* * *

דעם ווי „די יידישע נייעס״ האָט „אויסגעגעבן״ מזומן $10,000 איז זי אין אַנטוישונג געשטאָרבן. . . .״

דער דורכפאַל פון דער רייכער פיר־שפּראַכיקער „יידישע נייעס״ האָט ניט אָפּגעשראָקן אַן אַנדער אימיגראַנט פון סואוואַלקער גובערניע, דעם אויבן־דערמאָנטן שרהזאָהן, אַרויסצוגעבן בשותפות מיט אַ דרוקער אַ קורצע צייט נאָך דעם די „ניו־יאָרקער יודישע צייטונג״.

כתריאל צבי שרהזאָהן (1834־1905) איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער משכיל, אַזוי ווי צבי הירש בערנשטיין. אין יוני 1871 האָט ער אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק אַ „מפּה״ (לאַנד־קאַרטע) מיט געאָגראַפישע און סטאַטיסטישע ידיעות. ער פלעגט אויך שרייבן קאָרעספּאָנדענציעס אין דער העברייאישער פּרעסע. אין בריוו זיינער פון ניו־יאָרק איז געשריבן נאָך אָנהייב יוני 1867. זיין „ניו־יאָרקער יודישע צייטונג״ איז, לויטן „טאַגעבלאַט״, אַרויס „עטלעכע מאָנאַט״ — „אין 1871 אָדער 1872״. לויט די „גאַזעטן״, האָט זי עקזיסטירט „פיר־ פינף חדשים״. „זי איז געווען שיין דייטש געשריבן אונד פיין געדרוקט אונד די מערסטע אַבאָנענטן דייטשישע אונד פּוילישע האָבן עס גערנע גע־לעזן — — — זי איז אונטערגעגאַנגען וועגן געוויסע אורזאַכן״ און „דער עקס־פּערימענט ביז טויזנט דאָלער האָט געקאָסט״. דאָס האָט פאַר אַ פּאָר יאָר פּאַראַליזירט שרהזאָהנס אונטערנעמונגס־גייסט. זיין צווייטע צייטונג איז ערשט אַרויס אין 1874.

אין 1870 איז אויך אַרויס ליטאָגראַפירט „דיא יודישע צייטונג״ פון י. ק. בוכנער (אין ענגליש: „דהי ניו־יאָרק היברו טיימס״ — „אַ וואָכנבלאַט פאַר פּאָליטיק, רעליגיע, געשיכטע, וויסנשאַפט און קונסט״). זי פלעגט אַרויס, ווי יחזקאל שרהזאָהן האָט דערציילט דעם שרייבער פון אָט־די שורות, ביי געוויסע געלעגנהייטן, ווי אַ וואַל־קאַמפּאַניע פאַר אַ געוויסן קאַנדידאַט (דאָס רוב פון טעמעני האָל) אָדער אַ סענסאַציאָנעלע געשעעניש, ווי דער מאָרד פון אַ יידיש מיידל דורך איר יידישן חתן (אין 1872) און דער גלייכן.*)

י. ק. בוכנער האָט געהאַט אַ סך פּרנסות. אין אַפּריל 1872 האָט ער אַנאָנ־סירט, אין „הצופה בארץ החדשה״, אַז ער גיט מאַשינען „נייע קנאָפּלעכער, שניידער אָדער לעדי סיאונג מאַשינען, אויף מאָנאַטלעכע אָפּצאָלונגען״. צו גלייך גיט ער אָן זיין אַדרעס: „אַמעריקאַן היברו אינסטיטוטיאָן״, „260 דיוויז־

---

*) דאָס „טאַגעבלאַט״ („יובילעאום-נומער״, 1910) שרייבט וועגן דעם אַזוי: „בוכנערס צייטונג קאָן אויך ניט גערעכנט ווערן פאַר אַ „רעגעלע״ צייטונג. ווייל זי איז דערשינען צווישן די יאָרן 1873 און 1877 נאָר צו עטלעכע מאָל און אַפילו נאָר איינמאָל אַ יאָר. ער פלעגט „ערשיינען״ מיט אַ ליטאָגראַפישע צייטונג עלעקשאָן־צייט אָדער ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, ווי דער פּסח ניסן רובינשטיינס פּראָצעס, אָדער ביי דער רוסיש-טערקישער קריג״.

שיאָן סט.״ אין אויגוסט 1876 פאַרעפנטלעכט ער (אין די „יידישע גאַזעטן״) אַזאַ אַנאָנס:

„פאַרלאַנגט יידישע לערער, חזנים, שוחטים ומוכרי ספרים, היר און אין דער קאַנטרי, צו פאַרקויפן ניי־יאָר ווינשן אויף קארטן בריוו־פאַפיר, אויך קידוש־טיכער און רויטע וואָלענס אונד זיידנצייג. איין אַרטיקל דער יעצט מיט גוטעם פראָפיט צו פאַרקויפן איזט.״

* * *

אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע הויבט זיך אָן מיט שרהזאָנס צווייטער צייטונג, „די יודישע גאַזעטן״ (1874), וואָס איז אויסגע־וואַקסן צו אַ צייטונגס־טראָסט און האָט עקזיסטירט איבער אַ האַלבן יאָר־הונדערט.

אַחוץ די „גאַזעטן״ זיינען אַרויס אין די זיבעציקער יאָרן אויך דער „נויא־יאָרקער יזראַעליט״ (זומער 1875), רעדאַקטירט פון סאַראַזאָנס אַ פריערדיקן שותף, מרדכי יהלמשטיין (אין 1872 איז ער געווען דער אַגענט פון „ווינער איזראַעליט״, אַ דייטשישע צייטונג מיט יידישע בוכשטאַבן). לויט די „גאַזעטן״, איז דער „יזראַעליט״ „געלעזן געוואָרן פון מער דייטשישע און גרויס־פּאָלנישע יידן אַלס פון ליטוואַקעס. זיד־רוסישע יידן זיינען נאָך דעמאָלט אין ניו־יאָרק ניט געווען״. די צייטונג איז אַרויס בלויז עטלעכע חדשים. לענגער האָט אָנ־געהאַלטן די שיקאַגער צייטונג „איזראַעליטישע פּרעסע״ רעדאַקטירט פון דעם אַרויסגעבער נחמן בער (בענדזשאַמין) עטלזאָהן און ש .ל. מאַרקוס. זי איז אַרויס אין שיקאַגאָ פון 1877 (ביים אויסברוך פון רוסיש־טערקישן קריג) ביז 1880 און נאָכדעם אין ניו־יאָרק ביז 1885. אין ניו־יאָרק האָט די „איזראַעליטי־שע פּרעסע״ זיך אַנאָנסירט אַלס „די פיינסטע יידישע דייטשישע צייטונג אין דער וועלט״. אויך, אַז „זי האָט מער לעזע־שטאָף אַלס אירגענד איינע אַנדערע יידישע צייטונג״. זי האָט אַחוץ נייעס געגעבן אַרטיקלען, דערציילונגען און היסטאָרישע ראָמאַנען אין פאָרזעצונגען (אַלע מיט אַ רעליגיעזן מוסר־השכל).

די שענסטע און פּראָגרעסיווסטע אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש פון די זיבעציקער יאָרן, אין פאָרם און אינהאַלט, איז געווען „די יידישע פאָלקס־צייטונג״, אַרויסגעגעבן פון דרוקער מ. טאָפּאָלאָווסקי און רעדאַקטירט פון גוסטאַוו לאַנדאַו (וועגן וועלכן עס איז פאַרלויפיק ניטאָ קיין שום ידיעות). די צייטונג איז געווען רייך אין בעלעטריסטיק, דאָס רוב איבערזעצונגען.

שרהזאָהנס „יידישע גאַזעטן“ האָט צוערשט זיך באַנוגנט מיט נייעס און מיט חקירות (אין איר העברייאישן אָפּטייל). סוף 1876 האָט זי אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אויך ראָמאַנען און דערציילונגען, ווי „די אנוסים“ (פון קאָנ־טאַניסטן־לעבן) פון קאַרל עמיל פראַנצאָז און אַנדערע (אַלע מיט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער טענדענץ). אַ געוויסע צאָל פון אָט־די דערציילונגען זיינען פון איר שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרם. דהיינו: „שמעון און מרים“ (דריי טיילן), „בוסתנאי“ (צוויי טיילן), „דער יודישער אינקוויזיטאָר“, „אַ געהיימער יהודי“, „טריי ביז אין טויט“, „דער פאַרשטעלטער בחור“, „די פאַרוועקסלונג“, און אַזוי ווייטער. אַלע וואַרשיינלעך איבערזעצט אָדער פאַר־יידישט פון דייטש.

(דאָס איבערזעצן פון דייטש איז געווען זייער לייכט, אַזוי לאַנג ווי מען האָט געשריבן אין די יידישע צייטונגען אויף דייטשמעריש. מען האָט געקאָנט געבן דעם זעצער, געוויינלעך אַ געלערנטער מענטש, אַ דייטשישן בוך, אַז ער זאָל פון דאָרט זעצן מיט יידישע בוכשטאַבן... אַזוי האָט מען אויך אין יענע יאָרן פאַקטיש געזעצט נייעס דירעקט פון דער דייטשישער פּרעסע אין אַמע־ריקע. עס פאַרשטייט זיך, אַז נאָך לייכטער איז געווען צו איבערדרוקן נייעס, אַרטיקלען און דערציילונגען פון אַזוינע יידישע צייטונגען אין דייטשלאַנד און עסטרייך, וואָס זיינען אַרויס אין דער דייטשישער שפּראַך מיט יידישע בוכ־שטאַבן.)

די „יידישע גאַזעטן“ האָט, אַחוץ אירע אייגענע אויסגאַבעס, אויך געהאַלטן צום פאַרקויפן היימישע „מעשה־ביכלעך“, וואַרשיינלעך פון אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזן אינהאַלט. שוין אין זומער 1876 האָט די „גאַזעטן“ אַ פּאָר מאָל אַנאָנסירט, אַז ביי אירע אַרויסגעבער זיינען דאָ „צו פאַרקויפן שיינע יידישע מעשה־ביכלעך, וואַרשעווער אונד ווילנער אין דער יידיש־דייטשישן שפּראַכע“. קענטיק, אַז ס׳זיינען געווען גענוג בעלנים צו לייענען אָט די „שיינע יידישע מעשה־ביכלעך“, ווייל עטלעכע חדשים שפּעטער באַקלאָגט זיך די רעדאַקציע, אַז מען באַשטעלט ביי איר אַחוץ די „גאַזעטן“ אויך „מעשה־ביכלעך און אויס־לענדישע צייטונגען“ (העברייאישע און יידישע) און דערביי שיקט מען איר ניט דעם „סובסקריפּשיאָן פּרייז“, אַמווייניקסטנס פאַר דריי מאָנאַטן.

2

זומער 1876 באַווייזט זיך אין די „יידישע גאַזעטן“ אַ ליטעראַרישע שאַפונג געשריבן אָריגינעל אין יידיש, אַ פּאָעמע אין דריי פאָרזעצונגען (יולי 28, אויגוסט 4 און 19), מיטן נאָמען: „די דריי פּרינציפּן דער תורה אָדער עולם התהו“, פון יעקב צבי סאָבעל.

יעקב צבי סאָבעל (1913-1831) איז געבאָרן געוואָרן אין א רבנים־הויז אין שאַוועל (קאָוונער גובערניע, איצט ליטע). אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ ראש־ישיבה אין קאָוונע, אַ רב אין סלאָבאָדקע און אַ מגיד אין ווילנע. ער ווערט אָבער אָנגעשטעקט מיט ראַדיקאַלע אידייען און באַזעצט זיך מיט זיין הויז־געזינד אין אָדעס. דאָרט עפנט ער אַ קינדער־שול און אַ ליי־ביבליאָטעק אין פאַרשיידענע שפּראַכן. גלייכצייטיק שטודירט ער מאַטעמאַטיק אין אָדעסער אוניווערזיטעט, קאָרעספּאָנדירט מיט רוסישע און דייטשישע געלערנטע, חברט זיך מיט די דאָרטיקע משכילים, ליליענבלום, צעדערבוים און אַנדערע; אַרבעט מיט אין העברייאישע צייטשריפטן. דער פּאָגראָם אויף יידן אין אָדעס (פּסח, אַפּריל 9, 1871) צעשטערט זיין ליי־ביבליאָטעק און צעראַבירט זיין גאַנצן פאַרמעגן. ער מאַטערט זיך נאָך דעם עטלעכע יאָר אין איראָפּע און אין יולי 1876 וואַנדערט ער איין אין אַמעריקע.

זיין פּאָעמע „די דריי הויפּט־פּרינציפּן דער תורה אָדער עולם התוהו" הויבט אָן סאָבעל מיט אַ „זעאונג". אין זיין פאַנטאַזיע זעט סאָבעל דעם „געניוס" פון יידישן פאָלק. יענער דערקלערט אים, אַז ער האָט די יידישע „נאַציאָן" געגעבן אַ „רעליגיאָן", אַז „זיי דאַרפן זיין פריי און קיינע שקלאַפן, ווילדע פעלקער ניכט נאָכאַמען, ניכט אַפּען"; אַז די הויפּט־פּרינציפּן פון אָט דער תורה זיינען „דריי": 1) זיך דערווייטערן פון „שווערמעריי" (אַבערגלויבן), 2) „טאָלעראַנץ און הומאַניזם", 3) אויסראָטונג פון „פּויפּעריזם" (קבצנות), און אַזוי לאַנג ווי יידן וועלן אָט־די דריי געזעצן ניט „היטן זייער שטרענג", אַזוי לאַנג וועט זיי זיין „זייער שלעכט און ענג"...

סאָבעל שילדערט דאַן דעם פּאָגראָם אין אָדעס אין אַפּריל 1871. ווען די פּאָגראָמשטשיקעס צעשמעטערן זיין מעבל און נעמען זיך צו זיינע ביכער, בעט ער זיי מיט טרערן: נעמט אַלץ, נאָר שענקט מיר מיינע שריפטן און ביכער, „פיר מיך איין שאַץ, פאַר אייך ניכטס, זייט זיכער!" דער רעזולטאַט איז, אַז ער פאַרלאָזט זיין הויז אַ צעבלוטיקטער, „מיט אַנגסט און מיט שרעקן", און זוכט אַ ווינקל וואו זיך צו „פאַרשטעקן". ער הערט דעם „ווילדן גערויש" פון „ווייטן" און גלויבט אַז עס האָבן זיך אומגעקערט „כמעלניצקיס צייטן". ווען עס ווערט רואיקער און ער גייט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש הערט ער געוויינען און קלאָגן: טויזנטער פאַמיליעס זיינען „באַרויבט" — „אין דעם ניינצן יאָר הונדערט, ווער האָט עס געגלויבט!"... ער פרעגט זיך: „בין איך אין עולם התוהו? אין כאַאָס?" און ער הערט דעם ענטפער פון „געניוס", אַז בלויז דאַן, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט זיין אייניק, פריי פון פאַנאַטיזם און ניט דערלאָזן ביי זיך קיין פּויפּעריזם וועט עס קיין שונא ניט קענען באַזיגן...
ער הייסט אים אויסוואַנדערן אין אַ „לאַנדע", וואו יידן זיינען פאַרבונדן מיט

אַ פעסטן „באַנדע“. ער באַזוכט רומעניע, גאַליציע, דייטשלאַנד און „ברי־טאַניע“, און באַמערקט:

„איך זאַ [האָב געזען] פיל יודן גליקלעך ווי אין שפּאַניע,
יודן באַנקירן און יודן דאָקטאָרן,
יודן פּראָפעסאָרן און כענאַטאָרן,
לײדער אָבער פּלאַצט אין מיר שיר די גאַל,
אַן עולם התוהו זע איך איבעראַל,
אַרמוט אונד עלענד זינד [זײנען] ביי אינען [זיי] געשטיגן,
זיי האָסן זיך זעלבסט ווי שפּינען, ווי פליגן,
אונד זאַ אין יעדעם לאַנד ביי יעהודים,
ציוויליזירטע, מתנגדים, חסידים.
זי זינד דאָרט רעפאָרמער און אָרטאָדאָקסן,
מען שטויסט זיך צווישן זיך ווי ווילדע אָקסן.
שפּיץ רעפאָרם, האַלב רעפאָרם און גאַנץ,
שפּיץ אָרטאָדאָקס און אָנע טאָלעראַנץ.
נאַציאָנאַל געפיל, איז ביי זיי פאַרלאָשן,
די הערלעכע שפּראַך איז ווערט אַ גראָשן.
איין קליינעם פאָלק און דאָך אַ זאָ פאַרשידן,
דער פּאָלנישער האַסט דעם רוסישן יידן.
דער קאַלטער דייטשישער יודע האַסט זיי ביידן,
ווייל זי ניכט דייטשן רעדן אונד זיך דייטשן קליידן.
דער בריטישער יודע שטאָלצירט קעגן אַלע צוזאַמען,
ווייל זי פיליכט אויס פּאָרטוגאַל שטאַמען...“

צום שלוס פון זיין לאַנגער פּאָעמע, געשריבן אַ צען טעג נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, שילדערט סאַבעל מיט וועלכע געפילן ער איז אָנ־געקומען אינעם נייעם לאַנד. קוים האָט ער באַטראָכטן דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, האָט ער אויסגעשריען: „עס לעבע אַמעריקע! „עס לעבע גרענט!“ (דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן). ער איז געפאַלן צו דער ערד און זי „געקושט פיל“ און געזאָגט, אַז נאָר דאָ זאָל זיין זיין „אַזיל“. ער ווערט אָבער ביטער אַנטוישט, ווען ער זעט ווי די נייע אימיגראַנטן ווערן אַרומגערינגלט פון „יודישער יוגנט“ — „אָן ערציאונג, אָנע זיטן אונד טוגנט“... יענע שרייען נאָך: „הוראַ גרינע“. אים פאַרזענלעך האָבן זיי ביט „געגנעקט“, ווייל „פאַר איינעם קורצן ראָק האָבן זיי רעספּעקט“...

זיין אַנטוישונג שטייגט ווען ער, סאַבעל, באַקאַנט זיך מיט די פאַרשיידענע טיפּן יידן, וואָס ער טרעפט אין אַמעריקע פון די זיבעציקער יאָרן און הערט זיי זידלען איינע די אַנדערע:

„דו ווילדער חסיד מיט דעם לאַנגן גאַרגל,
דו מיט דיינע מיידלעך און מיט דעם אָרגל,
דו ליטוואַק צלם־קאָפּ מיט דער גמרא !
דו דייטשל שפּאַלט טוויגסט נאָר פאַר איינע כפּרה...״

ער געפינט אויס, אַז אויך אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין אחדות ביי יידן. און דער ניי־געקומענער יחיד איז הילפלאָז ער זעט, זאָגט ער, אַז ער גייט דאָ צו „גרונט״, נאָר ניט צוליב זיך אַליין ברענט זיין „וואונד״ —

„מיינע וואונדע ברענען, דאָנער און וועטער,
אויך פאַר כייקלען, פאַר יאָקלען, אויך פאַר מר. פעטער,
איך ווייס זעלבסט ניכט אויף וועלכע וועלט איך דאָ בין,
נור זאָ פיל ווייס איך דאָס איך בין זייער גרין.
איך ביטע לעזער דעם רעטזעל [די רעטעניש] צו באשיידן,
בין איך אין עולם התוהו אָדער אין גן־עדן ?״

די דאָזיקע פּאָעמע איז מעגלעך געווען דאָס ערשטע געזאַנג פון אַ יידיש־רעדנדיקן עמיגראַנט אויפן אַמעריקאַנעם באָדן. אַלנפאַלס איז ניט באַקאַנט קיין אַנדער דיכטער אין יידיש אין אַמעריקע פאַרן אַרויסטריט פון יעקב צבי סאָבעל.

אין דעם זעלביקן יאָרגאַנג „יידישע גאַזעטן״ זיינען שפּעטער פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אויך אַ פּאָר לידער פון אַנדערע דיכטער: מיכאַלאָווסקי — „די פאַרשטערטע שבתים״ און א. ע. — „דעם כהן־גדולס קינדער״ (געבויט אויף אַ מדרש). א. ע. איז מעגלעך פּראָפעסאָר א. ב. ערליך, דער שפּעטער־דיקער ראָמאַנען־שרייבער פון אָט־דער צייטונג. די שפּראַך פון זיין ליד איז מער דייטש ווי יידיש.

3

אין 1877 באַווייזן זיך שוין אין ניו־יאָרק בעלעטריסטישע ביכלעך, גע־דרוקט דאָ אין לאַנד. איינס פון זיי איז „דאָס לעבן און טויט פון ישוע הנוצרי״ פון א. זילבערשטיין (70 זייטן, געבונדן, פּרייז 25 סענט).

א. זילבערשטיינס ביכל איז געווען באַזירט אויף די ספרים „תולדות ישוע הנוצרי״ און „תם ומועד״. ער שילדערט יעזוסן אַלס אַ „יונגן יידישן מאַן״ פון ירושלים, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען „לתרבות רעה״ און געוואָרן אַ „פושע ישראל״, איז „מחלל שבת בפרהסיא געווען״ און צו לעצט „פאַרפירט אַ וועלט און פילע געמאַכט צו נאַרן״, אַז ער איז „גאָטס אייגענער זון״.

אינעם אַנאָנס וועגן פאַרקויף פון אָט־דעם ביכל, דערקלערט די „גאַזעטן״, אַז א. זילבערשטיינס „לעבן און טויט פון ישוע הנוצרי״ איז געשריבן אין

אַ לייכטער און פאַרשטענדלעכער יידישער שפּראַך און איז „פיל וואונדער־לעכער אַלס [ווי] די אומגלויבלעכע מעשיות און פאַבלען און מערכען אונד אינטערעסאַנטער אַלס באָבע־מעשה, אָדער טויזנט און איין נאַכט״... דערצו קען מען זיך פון דאָרטן אַראָפּנעמען אַ מוסר, „ווי ווייט מענטשן קאָנען זיך פאַרנאַרן און פאַרפירן לאָזן״.

* * *

פון אַן אַ שיער העכערן ליטעראַרישן ווערט איז דאָס ביכל לידער פון דעם אויבן־דערמאָנטן דיכטער, יעקב צבי סאָבעל.

סאָבעלס ביכל לידער איז געשריבן אין צוויי שפּראַכן: העברייאיש און יידיש, און האָט צוויי נעמען: „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן״ און „ישראל דער אַלטע״ (ניו־יאָרק, 1877). פאַראַן דאָרט פיר לידער אין העברייאיש, פון וועלכע די ערשטע דריי זיינען איבערגעדיכטעט אין יידיש. צום סוף קומען אריין אַ פּאָר חקירות, פון וועלכע איינע אַנטהאַלט די אויסערסט־ראַדיקאַלע מיינונג, אַז דער תנך איז געשלאָסן געוואָרן ערשט אין דער קריסט־לעכער צייט־רעכענונג...

דאָס ערשטע ליד, „די ביענע״ (די בין), איז דעם דיכטערס דעקלאַראַציע וועגן דעם מאָטיוו פון זיין שאַפן. ער דערקלערט, אַז ער שרייבט ניט צוליב אַ תכלית, נאָר ער איז אַזוי ווי די בין געשאַפן, זיך אַליין און אַנדערע צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן... ער דריקט דאָס אויס פאַבלמעסיק אין אַ פראַגע און אַן ענטפער צו און פון דער בין:

„וואָצו דו ביענע ווילסט דו נו בעשטרעבען
פון דיינעם האָניגע אַנדערען צו געבען?
ווייסט דו דען ניכט אַלע ווערדען עס נאַשען,
און דיך פיליכט פאַר הונגער שטערבען לאַסען?״

און די בין ענטפערט:

„איך וויים עס, איך בין אָבער זאָ געשאַפען,
זיך פערגעניגען אונד פערגעניגען פאַרשאַפן.״

צום סוף קומט דער מוסר־השכל, אַז דער גורל פון יידישן שרייבער איז ענלעך צו דעם פון דער בין. מענטשן וועלן נאַשן פון זיין האָניק, אָבער אים וועט דערפון גאָרניט אַרויסקומען. מען וועט אים אפשר לויבן, אַז ער האָט „טאַלענט״, ער וועט אָבער פון זיינע לידער ניט „פּראָפיטירן איין סענט״... דערצו וועלן זיך נאָך געפינען אַזעלכע יידן, וואָס וועלן זיין ביכל „לייען״, עס „לעזן שטיל״ און נאָך דעם „שרייען״: איך לייען קיין מאָל ניט קיין „יידישע ליטעראַטור״, „דען איין בריטע [אַן ענגלענדער] בין איך אָדער גאָר איין

מור"... ער (סאָבעל) אָבער שרייבט, ווי געזאָגט, אי צוליב זיין אייגענעם פאַרגעניגן און אי כדי אַנדערע פאַרגעניגן צו פאַרשאַפן...

אינעם צווייטן ליד — „ישראל דער אַלטע", וועמעס נאָמען דאָס ביכל טראָגט, זינגט סאָבעל אַ הימן צום יידישן פאָלק, מיט וועלכן דער אויפגעקומענער גראָב־יונגישער יידישער „אַלרייטניק" האָט שוין דעמאָלט זיך אָנגעהויבן צו שעמען... דאָס יידישע פאָלק דערקלערט דורך סאָבעלס ליד שטאָלץ:

„איך בין דער אַלטע ישראל, אַלט פיר טויזנט יאָר;
איין דזשו, איין זשיד, איך זאָג עס אָפן און קלאָר.
איך בין איזראַעליט, איך וויל זיך ניט מאַסקירן;
דער אַלטער ר' יודל, איר מוזט אים רעספּעקטירן."

אין אָט דעם לאַנגן ליד פון 23 זעקס־שורהדיקע סטראָפעס באַשרייבט יעקב צבי סאָבעל די גרויסע צרות, וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען אין פאַרשיידענע צייטן און לענדער, באַזונדערס אונטערן קריסטנטום. ער קומט צום אויספיר, אַז דאָס לאַנד וואָס איז גוט צו יידן ווערט דורך זיי „באַלעבט און רייך", און פאַרקערט — דאָס לאַנד וואָס פאַרפאָלגט יידן, הויבט אָן גיין באַרג־אַראָפּ.

אין דעם זעלביקן ליד ווייזט אויך אָן סאָבעל, אַז דער אָפּגרונט צווישן די רעפאָרמער און די אָרטאָדאָקסן אין אַמעריקע איז ניט בלויז אַ קולטורעלער. ער פאַלט אָן אויף די רעפאָרמער ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון העברייאיש, וועלכע איז פאַר אים, דעם משכיל, „די פירסטין דער שפּראַכען", נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי דינען דעם „גאָלדן קאַלב"...

דאָס באַדייטנדסטע ליד אין סאָבעלס לידער־ביכל איז „דער פּאָלנישער תלמיד־חכם אין אַמעריקע".*) סאָבעל שילדערט דאָרט די אַנטוישונג פון דעם פּוילישן למדן אָדער ליטווישן משכיל, וואָס קומט צו פאָרן קיין אַמעריקע מיט גרויסע דערוואַרטונגען. ער איז דאָך עפּעס אינעם „פרייען לאַנדע", וואו דער ייד איז ניט „צו שאַנדע", וואו אַלע האָבן „גלייכע רעכט" און דער האָר איז „גלייך ווי דער קנעכט", „ביטאָ קיין שקלאַפן און קיין גראַפן, קיין פוילער יחוס, פּאַני וועלמאַזי, קנאה, שנאה, חוצפה, העזה". ער האָט ביי זיך נאָר „איין סענט"; ער טרייסט זיך אָבער, אַז זיין זון קאָן דאָ זיין „פּיליכט פּרעזידענט". ער פאַנטאַזירט פון אַ נייעם פּראָדוקטיוון לעבן פון ערד־אַרבעט, מלאכה און בילדונג. אַלע זיינע שיינע חלומות ווערן אָבער שנעל צערונען און ער דערפילט אויף זיינע מידע פּלייצעס דעם שווערן פּעדלער־פּאַק...

---

*) דאָס גאַנצע ליד, צוועלף 12-שורהדיקע סטראָפעס, מיט דערקלערונגען, האָב איך פאַרעפנטלעכט אין „פּנקס" פונעם אַמטאָפּטייל ייוואָ, ניו־יאָרק, 1927.

יעקב צבי סאָבעל שילדערט דאָס לעבן פון די יידישע קאַראַבעלניקעס, פעדלער און פּאַקנטרעגער אין די זיבעציקער יאָרן אין אַמעריקע. דער פּעדלער שלעפּט זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג מיט דעם שווערן פּאַק אויף זיין „ריקן" און האָט ניט מיט וואָס זיך צו „דערקוויקן"; ער קלאָגט:

„אַך אוי, ווי איז מיר!
איך קריכע אויף אַלע פיר,
צו נאַכטן אירגענד ביי איינעם פּאַ[ר]מער,
איך שטיי אויף מאָרגן,
פול קומער, פול זאָרגן,
עס איז איין עלענד, איין יאַמער!"

און ביז דער פּעדלער אַרבעט זיך אַרויף מאַטעריעל, זינקט ער אַרונטער גייסטיק. דער אַרויפגעאַרבעטער פּעדלער טרעט אַריין אין אַ קלוב וואו עס געהערן „בייזאַמען" פּוילישע און דייטשישע „דזשענטלליט און דזשענטל־וואומענס, הערן און דאַמען". דאָרט קריגט מען זיך אַרום ווער עס איז מער „יינקי" (יענקי). איינער זאָגט ער איז עס, וויל ער רופט אָן זיין ווייב — „וויף", אַ צווייטער זאָגט אַז ער האָט דערצו מער רעכט, וויל ער ווייס „ביים עסן ווי צו האַלטן „פּאָרק ענד נייף" (גאָפּל און מעסער)". אַ דריטער באַרימט זיך, אַז ער גייט „סאַנדיי" (זונטיק) אין „צאָרץ" (קירך). און אַ פערטער, אַז ער קייט טאַבאַק און „קענדע זיסע" און לייגט „אויף דעם טיש ביידע פיסע". זיי באַרימען זיך אויך מיט זייערע כלומרשט יענקיזירטע ווייבער און קינדער: מיט אַ „מיסעס", וואָס „קען ווי איין יינקי קוויצען", אָדער אַזאַ, וואָס „פלוידערט אונד רעדט פוילע וויצען!" און מיט אַ זון, וואָס אויף אים „מיינט מען ער זיי אַ קריסט!" ניט געקוקט אָבער אויף אָט־דער „יענקיזירטקייט", מישטיינס געזאָגט, האָבן די יידישע פּעדלער פון די זיבעציקער יאָרן געזוכט צו געבן זייערע קינדער אַ געוויסע יידישע דערציאונג, וועלכע סאָבעל שילדערט אַזוי:

„מיט דער יוגענט היר איז שוין געווים אַלרייט,
תורה מיט חכמה איז ביי אינען זאָ וועיט,
דאָס זיי קענען ביז פּרשת בשלח,
און נאָך אין ענגליש — דאָס קען נור איין מלאך..."

און ווען מע האָט אָט די יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן געזאָגט, אַז „מען דאַרף זיין אויך אין יידיש געלערנט", האָבן זיי געענטפערט: „מיט דעם ווערט מען דאָך חלילה אויפגעקלערט"... וואָרים ניט געקוקט אויף זייער אויסער־לעכער יענקיזירונג, זיינען זיי געבליבן די זעלביקע צוריקגעשטאַנענע קליינ־שטעטלדיקע „צדיקים", וואָס אין דער אַלטער היים, שבת הייצן זיי ניט דעם אויוון — „שבת שיטן מיר צו נור קוילן"... זיי „גלויבן אין רוחות און אין

מזיקים" עסן קוגל און טשאָלנט, „נור איין צדיק איז דאָך אויך זינדיק זאָ שטאָפּט יעדער אויף פּסח אָן אינדיק"...

יעקב צבי סאָבעל לאַכט אויס גוטמוטיק די צוריקגעשטאַנענקייט פון די יידישע אימיגראַנטן פון די 70ער יאָרן. ער ווערט בייז נאָר, ווען ער דערמאָנט די יידישע גבירים, וואָס דינען מיט אָרגל צום גאָלדענעם קאַלב, פאַר וועלכן זיי בויען אויף אַ טעמפּל וואָס „קאָסט אַ מיליאָן" דער „יידישער אָרעמער נאַציאָן". ניט אומזיסט האָט דער פאָלקיסטיש-סאָציאַליסטישער דיכטער יהל"ל רעקאָמענדירט צו אהרן ליבערמאַן סאָבעלן אַלס אַ רעוואָלוציאָנער.*)

אַ חוץ יעקב צבי סאָבעל האָבן זיך געפונען אין די זיבעציקער יאָרן נאָך אַ צוויי צענדליק יידישע שרייבער: אייזיקס, אייזנשטיין, בוכנער, בערנשטיין, גרשוני, א. זילבערשטיין, יהלמשטיין, ג. לאַנדאַו, מאַרקוס, מיכאַלאָווסקי, עטלזאָן, עליאַסאָף, ערליך, מ. ראַבינאָוויטש, שרהזאָן, און נאָך עטלעכע, וואָס האָבן געשריבן מער אין העברייאיש ווי אין יידיש (אין די 70ער יאָרן האָט כמעט יעדע צייטונג אין יידיש אויך געהאַט אַן אָפּטייל אין העברייאיש). פון די אַלע שרייבער האָט אָבער בלויז איין סאָבעל עפּעס וואָס בייגעטראָגן צו דער שאַפונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, און אויך סאָבעל צייכנט זיך אויס בלויז דורך די עטלעכע שטריכן, אין וועלכע ער האָט געמאָלן דעם שטייגער לעבן פון דעם יידיש-רעדנדיקן פעדלער-ישוב אין אַמעריקע פון די זיבעציקער יאָרן.

צווישן די יידישע אימיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די 70ער יאָרן האָבן זיך אויך געפונען אַ געוויסע צאָל יידישע פאַבריק-אַרבעטער. זיי זיינען אָבער געווען צו-ווייניק צו האָבן אַ וועלכן עס איז איינפלוס אויף דעם יידישן לעבן אינעם נייעם לאַנד. די צעשטויבטע באַדנלאָזע פעדלער און פּאַקנ-טרעגער האָבן אויך ניט געקאָנט שאַפן קיין באָדן פאַר אַ מאָדערנעם יידישן קולטורעלן לעבן און פאַר אַ נייער יידישער ליטעראַטור. דאָס האָט ערשט געקאָנט באַווייזן די יידישע אַרבעטערשאַפט אין די אַכציקער יאָרן. אַרויסטרעטנדיק אין קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן, פאַראייניקן זיך די יידישע אַרבעטער אין מאַסן; שמידן זיי אויס פון זייער יידישער שפּראַך אַ מעכטיקן קאַמף-וואָפן און לייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט אין דער גאַנצער לאַנגער יידישער געשיכטע.

---

*) סוף 80ער יאָרן, ווען ראַדיקאַלע משכילים אין אַמעריקע פּלאַנירן אַ סאָ-ציאַליסטישע צייטונג אין העברייאיש, ווערט פאָרגעשלאָגן אַלס רעדאַקטאָר „דער געלערנטער פרייזענקער סאָבעל" („פאָלקס-אַדוואָקאַט", 14טן יוני, 1889).

4

די עמיגראַציע־כוואַליע פון רוסלאַנד, פאַרשטאַרקט דורך די צאַרישע פּאָגראָמען אויף יידן אין 1881, ענדערט דעם כאַראַקטער פונעם יידיש־רעדנדיקן ישוב אין אַמעריקע. די נייע אימיגראַנטן געפינען שוין אַנדערע באַשעפטיקונגען ווי פּעדלעריי. זיי ווערן אַריינגעצויגן אין פאַרשיידענע אַמעריקאַנער אינדוסטריעס. דאָרט ווערן די פריערדיקע באַלמעלאָכעס, קליין־הענדלער, האַנדלס־אַנגעשטעלטע, ישיבה־בחורים, סטודענטן און לערער פאַרוואַנדלט אין אַרבעט־הענט און מאַשין־שרייפלעך — אין אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריער. דער פּראָצעס פון אָט דער פאַרוואַנדלונג איז געווען פאַרבונדן מיט אומגעהויערע ליידן פאַר די פאַרוואַנדלטע. גלייכצייטיק איז אָבער אין זיי שוין געבאָרן געוואָרן דער כח אַרויסצוטרעטן פּאַראייניקט אין קאַמף צו פאַרבעסערן זייער לעבן. עס האָט זיך בלויז געפאָדערט, זיי זאָלן ווערן באַוואוסט פון זייער מאַכט, כדי זיי זאָלן קאָנען קעמפן און זיגן.

די נייע אומשטענדן ברענגען אַרויס „נייע זינגער" מיט „נייע לידער". עס הויבט זיך אָן בויען אַ נייע יידישע ליטעראַטור, עטאַבלירט אויף אַ נייעם לעבנס־שטייגער, אין אַ סביבה וואָס איז פריי פון די פעאָדאַליסטישע פענטעס און צאַמען פון דער אַלטער היים. אירע שרייבער רעקרוטירן זיך פון אַזוינע אינטעליגענטע כחות, וואָס אין מזרח־אייראָפּע וואָלטן זיי געשריבן אויף לשון־קודש אָדער אויף דער לאַנד־שפּראַך, נאָר ניט אין יידיש. אין דער נייער וועלט און אונטער די נייע אומשטענדן דערנענטערן זיי זיך אָבער צו די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. זיי ווערן פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע בויער און שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע, וואָס איז ביי יידן פריער ניט געווען. דאָס נייע לעבן פון די יידישע מאַסן אַלס אינדוסטריעלע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן פאַר שכירות אין פאַבריקן און שעפּער, האָט געפאָדערט גאָר אַן אַנדער פרעסע ווי די, וועלכע האָט געקאָנט געשאַפן ווערן עפּנטלעך אונטערן האַלב־פעאָדאַלן רעזשים אין מזרח־אייראָפּע פון די 80ער יאָרן. די פּאָליטישע פרייהייט צו רעדן און שרייבן אָן אַ צענזור, אַרויסצושטעלן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָדערונגען, צו סטרייקן און דעמאָנסטרירן איז געווען אַ נייע דערשיינונג סיי פאַר די יידישע מאַסן און סיי פאַר דער יידישער אינטעליגענץ.

דאָס איז געווען אַן אומגעהויערע שווערע אַרבעט. אפילו די יעניקע פון זיי, וואָס זיינען געווען מער־ווייניקער באַקאַנט מיט דער ליטעראַטור פון די פּאָלקיסטישע משכילים, האָבן פון זיי ניט געקאָנט נעמען קיין מוסטער. יענע האָבן דאָרט געפירט אַ קאַמף קעגן בעל־טאַקסעס און וואַכערניקעס, און דאָ האָט מען געמוזט אַרויסטרעטן קעגן דער גאַנצער סיסטעם פון לעבן אויף

דעם צווייטנס חשבון. פאַר דעם האָט מען שוין לייכטער געקאָנט געפינען אַ וועלכן עס איז מוסטער ביי די סאָציאַלע נביאים, אין דער טויזנטער יאָר אַלטער ביבל אין מערב־אַזיע, איידער אין די דעמאָלט־מאָדערנע העברייאישע און יידישע ליטעראַטורן אין מזרח־אייראָפּע. מען האָט דעריבער געמוזט שאַפן עפּעס נייעס, וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר אַ מאָדערנעם אינדוסטריעלן יידישן אַר־בעטער. דאָס האָט געמאַכט די דאָזיקע שאַפער פאַר פּיאָנערן פון אַ נייער יידישער דיכטונג און אַ נייער יידישער פּראָזע.

דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איז אויסערלעך ניט געווען קיין דירעקטער המשך פון דער יידישער ליטעראַטור אין מזרח־אייראָפּע, נאָר פון יענער, וואָס איז אויפגעקומען אין דעם קליינעם ישוב פון איינגעוואַנדערטע יידן אין ענגלאַנד. די דאָרטיקע יידישע שרייבער האָבן געצויגן זייער השפּעה פון אינטערנאַציאָנאַלן קוואַלן. זייערע מוסטערן האָבן זיי גענומען ביי די פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע שרייבער פון די אינ־דוסטריעלע אַרבעטער־מאַסן אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

דאָס איז ניט געווען דערפאַר, ווייל אַט די יידישע פּיאָנערישע שרייבער זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט דער אַלטער יידישער קולטור־ירושה, אָדער זיי האָבן זיך פון איר אָפּגעזאָגט. אויף זייער וועג וואָלטן דעמאָלט געמוזט אויך גיין די יידישע קלאַסיקער פון מזרח־אייראָפּע, ווען זיי וואָלטן אין די 80ער יאָרן געקומען קיין ענגלאַנד אָדער קיין אַמעריקע. זייער הייסער פאַר־לאַנג צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן דאָס יידישע לעבן, וואָלט זיי באַווירקט זיך אויסצודריקן אין אַן אַנדער פאָרם און אינהאַלט, ווי אין דער אַלטער היים. דאָס לעבן אין די אינדוסטריעלע דעמאָקראַטישע לענדער מיט זייערע יידישע שאַפּ־ און פאַבריק־אַרבעטער וואָלט אָן ספק דיקטירט די יידישע קלאַסיקער צו רעדן צו זייערע פאָלקס־מאַסן אויף אַ נייעם שטייגער. וואָרים אין אַט־דעמען זין (דאָס פאַרלאַנג צו אַרבעטן פאַרן וואוילזיין פון די יידישע פאָלקס־מאַסן) איז דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ווי פריער אין ענגלאַנד, אַ המשך פון אירע פּראָגרעסיווע שאַפונגען אין דער אַלטער היים.

די גרונטלייגער פון דער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור אין דער אַלטער היים זיינען געווען באַזעלט פון געזעלשאַפטלעכע אידייען. צוערשט איז ביי זיי געווען דער עיקר דאָס אָפּראַמען דעם מיטלאַלטערלעכן שטויב פון דער „יידישער גאַס”; שפּעטער, אונטער דער ווירקונג פון די נייע סאָציאַלי־שטרעמונגען אויף דער וועלט, ווערן זיי דורכגעדרונגען פון פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג און אומגערעכטיקייט. זיי מאָלן אָפּשרעקנדיקע בילדער פון די, וואָס לעבן „פון דעם אָרעמאַנס בלוט” (קליין־מענטשעלעך, בעל־טאַקסעס, כאַפּערס, וואָכערניקעס און אַלערליי אַנדערע מינים בלוט־צאַפּערס). זיי מייס־

טערן אויס די רחמנות־דערוועקנדיקע געשטאַלט פון דער יידישער אָרעמ־שאַפט, די בידנע „קליאַטשע", וואָס ווערט געפּייניקט פון אייגענע און פרעמדע. זיי זעען אָבער ניט קיין אויסוועג פון אַט־דער לאַגע.

די אויסגעזויגענע קליינע הענדלער און „פאַר זיך"־אַרבעטנדיקע באַל־מעלאָכעס האָבן זיך ניט געקאָנט פאַראייניקן אין קיין געמיינזאַמער אַקציע קעגן זייערע אונטערדריקער. ניט אומזיסט האָבן זייערע „וועקערס" געמוזט אַנטלויפן פון קאַמף־פּלאַץ.

דאָס ווערט ערשט מעגלעך מיטן אויפקום פון אַן אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט, אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט, אירע טרייד־יוניאָנס, אירע „אַרבעטער־פאָרטבילדונגס־פאַר־איינען", קלובן און ביבליאָטעקן, און שפּעטער אויך אַלערליי אַנדערע קולטור־אַנשטאַלטן, האָבן צעמענטירט דאָס פאָלק און געשאַפן אַ יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט, וואָס האָט פאַרגעזעצט דאָס נאַציאָנאַל־יידישע לעבן, כאָטש זי איז געווען אין איר טענדענץ אינטערנאַציאָנאַל.

די אייגנטלעכע באַשאַפערין און טרעגערין פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע, און דערמיט אויך פון דער יידישער ליטעראַטור, איז געווען די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט.

אירע פּיאָנערישע אַרבעטער־דיכטער און סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן ווערן די גרונטלייגער פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור. די דאָזיקע פּיאָנערן זיינען, מיט ווייניק אויסנאַמען, געווען ניט בלויז סאָציאַליסטן, אינעם ברייטן זינען פון אַט דעם וואָרט, נאָר אויך באַזעלט פון אַ שטאַרקן יידישן נאַציאָנאַל־געפיל. זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען פון דעם פאַרלאַנג אויפ־צוקלערן די יידישע מאַסן און זיי אויפצוהויבן אויף אַ העכערן קולטור־מצב.

די שווידערלעכע לאַגע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין די אַכציקער יאָרן באַוועגט די יידישע פּיאָנערן זיך אָפּצוגעבן דער עיקר מיט סאָציאַלע מאַטיוון. די יידישע סוועט־שאַפּ־באַסעס שטרענגען אָן אַלע זייערע כחות ניט צו דערלאָזן צו דער אָרגאַניזירונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. זייער כלומרשט־נאַציאָנאַליסטיש־אָרטאָדאָקסישע פּרעסע און כלי־קודש זוכן אָפּצו־שרעקן די צוריקגעשטאַנענע יידישע אַרבעטער, אַז געהערן צו אַ יוניאָן און קעמפן פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען איז אַ זינד קעגן גאָט. זיי שטעמפּלען די סאָציאַליסטישע רעדנער און שרייבער פאַר מיסיאָנערן און די טרייד־יוניאָנס פאַר מיסיאָנערסקע קרייזלעך.

דער אָנטייל פון אַט־די כלומרשטע יידישע נאַציאָנאַליסטן און אָרטאָדאָקסן אין די העצעס און בלבולים פון די סוועט־שאַפּ־באַסעס קעגן זייערע אָרגאַני־זירטע יידישע אַרבעטער פאַרטיפט נאָך מער דעם אָפּגרונט צווישן זיי און דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון פאַר־

שאַרפטן קלאַסנקאַמף ביי דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט האָט דעמאָלט ניט געקאָנט זיין קיין רייד פון דער נאַציאָנאַלער קרובהשאַפט צווישן די אונטערדריקערישע באַסעס און זייערע פאַרשקלאַפטע אַרבעטער, צווישן דעם יידישן אָלרייטניקטום און דער יידישער אָרעמשאַפט. אָן אַ שיער וויכ־טיקער איז דעמאָלט געווען דאָס אויפקלערן די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן איבער דער גרויסער באַדייטונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַ־רישקייט צווישן די אַרבעטער פון אַלע פעלקער. זי (די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט) און אירע פיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע האָבן דעריבער — ניט געקוקט אויף זייער שטאַרקן יידישן נאַציאָנאַל־געפיל — אָנגענומען דעם נייעם „כל בעלי המלאכה חברים" (אַלע אַרבעטער זיינען חברים (די מאָטאָ פון דער ידישער שניידער־יוניאָן פון די זיבעציקער יאָרן אין לאָנדאָן), אָנשטאָט דעם אַלטן „כל ישראל חברים", וואָס איז געוואָרן אַ חוזק אין די מיילער פון די הויט־שינדערישע יידישע סוועט־שאַפּ־באַסעס און זייערע כלומרשטע יידישע נאַציאָנאַליסטן און פרומע לייט.

אָט דער לעצטער מאָטיוו האָט אויך געווירקט, אַז די זעלביקע פיאָנערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ היפשע מאָס פיעטעט פאַר דער יידישקייט פונעם פשוטן פאָלק, זאָלן זי ביטער באַקעמפן, ווען זי ווערט אַ שעדלעכער וואָפן אין די הענט פון די באַסעס קעגן די אינטערעסן פונעם יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק.

* * *

ווי שוין פריער דערמאָנט, האָבן די אינטעליגענטע כחות פונעם יידישן לוין־אַרבעטער אין אַמעריקע געפונען אַ גרויסע הילף, אין זייער שווערער אַרבעט, אין דעם יידישן פראָלעטאַרישן קולטור־צענטער אין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן האָט זיך אָנגעהויבן די אינדוסטריאַליזירונג פון די איינ־געוואַנדערטע מזרח־אייראָפּייאישע יידישע מאַסן נאָך אין אָנהויב פון די 70ער יאָרן. דאָרט זיינען שוין דעמאָלט געמאַכט געוואָרן פּרוואון זיי צו אָרגאַניזירן אין טרייד־יוניאָנס. אין לאָנדאָן פון די 70ער יאָרן האָט אויך געווירקט דער ערשטער פּראָפּאַגאַנדיסט פון סאָציאַליזם צווישן יידן, אהרן ליבערמאַן (1843—1880). ער האָט דאָרט אָרגאַניזירט אַ „יידישן סאָציאַליסטישן פאַראיין" און אַ שניידער־יוניאָן נאָך אין זומער 1876.

אהרן ליבערמאַן איז געווען אַ גלענצנדיקער סטיליסט אין העברייאיש. ער האָט מיטגעאַרבעט אין די סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס פון די 70ער יאָרן אין רוסיש און אין דייטש. צו די יידישע מאַסן האָט ער זיך געווענדט אין יידיש. זיינע יידישע שאַפונגען האָט ער דעמאָלט ניט געהאַט וואו צו דרוקן.

זיינע לאָנדאָנער חברים האָבן אָבער פון זיי געוואוסט, און זייַנען פון אים באַווירקט געוואָרן אויך אויסצופרואוון זייערע כחות צו שאַפן אין יידיש.

פון איין דערציילונג ליבערמאַנס, „מעשה שטן” (אַ טייוולאָנישע פאַר־בלענדעניש), וואָס געפינט זיך אין מאַנוסקריפט, איז צו זען, אַז ער האָט פאַר יענער צייט געשריבן גאָר אַ פיינעם יידיש. אָט איז זיינע אַ באַשרייבונג, ווי אַזוי פרימיטיווע מענטשן האָבן געלעבט איידער דער טייוול האָט זיי פאַרפירט זיך צו יאָגן נאָך געלט:

„די מענטשן לעבן זיך אַלע ווי ברידער. איטלעכער איז זיך מתעסק אין וואָס זיין האַרץ גלוסט. וואָס זיין כח סטייעט, און ווי ווייט זיין שכל קאָן באַנעמען. דער אַקערט זיך און פאַרזייט אַ שטיק ערד; דער שניידט אַרום פרוכט־ביימער; דער פאַנגט פיש און דער פיטערט בהמות וואָס ער האָט צוגעוואוינט צו זיך. עטלעכע קליגערע האָבן זיך גענומען אַן אַרבעט צו מאַכן זיך גרינגער דאָס לעבן און מיט מער רחבות.”

דאָס וואָס אהרן ליבערמאַן האָט ניט געקאָנט דורכפירן אין די זיבעציקער יאָרן האָבן זיינע חברים און נאָכפאָלגער אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן אין די אַכציקער יאָרן. דער באַדייטנדיקסטער פון זיי איז מאָריס ווינטשעווסקי (1856—1932), וואָס איז געקומען קיין לאָנדאָן אַלס פאָליטישער עמיגראַנט אין 1879. אין זיין ליטווישער היים, אין קאָוונע, האָט ער געשריבן לידער אין העברייאיש. אַרבעטנדיק אין קעניגסבערג, אַלס בוכהאַלטער אין אַ באַנק, ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער דייטשישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער שרייבט דעמאָלט פאָליטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין העברייאיש און דייטש און אַמאָל אויך אין יידיש. ער שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט ליבער־מאַנס סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת”, און ווען יענער גייט אונטער, רעדאַק־טירט ווינטשעווסקי אין קעניגסבערג אַ זשורנאַל אין העברייאיש. ווען די דייטשישע רעגירונג פירט דורך אין 1878 איר אַנטי־סאָציאַליסטישן געזעץ, ווערט ווינטשעווסקי אַרעסטירט, געמשפט, און דעפּאָרטירט. אין לאָנדאָן לעבט ער צוערשט פון פריוואַטע אורעקן, און זינט 1880 — ווידער פון זיין בוכ־האַלטעריי אין אַ באַנק. אין 1884, ווען עס ווערט אין לאָנדאָן געגרינדעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע, דערנענטערט זיך ווינטשעווסקי צו אירע פירער. באַזונדערס צו וויליאַם מאָריס און צו קאַרל מאַרקס׳ טאָכטער, עלינאָר, און איר מאַן. דעם זעלביקן יאָר העלפט ווינטשעווסקי גרינדן אין לאָנדאָן דעם יידישן וואָכנבלאַט „דער פוילישער אידל”, פון וועלכן ער ווערט רעדאַק־טאָר. ער הויבט אָן שרייבן זיינע אַרבעטער־לידער, וואָס ווערן אַ מוסטער אויך פאַר אַמעריקע. דאָס ערשטע אַרבעטער־ליד זיינע איז אַ פרייע איבער־זעצונג פון ענגליש („דאָס ליד פונעם העמד”, נאָך טאָמאַס הוד). עס קלינגט אָבער ווי אַן אָריגינעלע שאַפונג אין יידיש:

„שטעך—שטעך—שטעך !
אין הונגער און דלות פאַר אַלעמען פרעמד,
און דאָך מיט אַ רירנדער שטים אין דער הויך,
זינגט זי זיך דאָס ליד פון העמד.
„ניי ! פּראַצעווע—האָרעווע—ניי !
ביז איך קאָן מיין קאָפּ ניט דערלאַנגען אַ דריי !
און ניי ! אָבער ניי—ווידער ניי !
ביז מיינע געשוואָלענע אויגן טועז וויי.
די מערלע, דער זוים אונד די באַנד ;
די באַנד און די מערלע, דער זוים !
איך פאַל אויפן נאָז מיט די קנעפּלעך אין האַנט
און ניי זיי אָן, עס דאַכט זיך מיר, אין אַ טרוים.״

ווינטשעווסקיס צווייטעס אַרבעטער־ליד, „אַ חודש אָן אַרבעט״ (אָקטאָבער 1884), איז שוין אָן אָריגינעלע שאַפונג, געשריבן אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש, און רעדט דירעקט פון די יידישע שוסטער, שניידער און סטאָליער. ער פּראָ־קלאַמירט דאָרט דעם יחוס פון אַרבעט און גרייט־צו די אַרבעטער־לייענער פאַר זיינע נאָכפאָלגנדיקע וועק־לידער און קאַמף־לידער. אַזוי ווי אינעם „ליד פון העמד״, לאָזט ער אויך דאָרט דעם אַרבעטער־מענטש רעדן פאַר זיך אַליין. דער יידישער באַלמעלאָכע דערקלערט :

„איך בעט ניט קיין שלישי,
קיין מפטיר, קיין שישי,
איך וויל ניט אין מזרח־וואַנט שטיין ;
אויף נאַרישע גאווה
בין איך קיין בעל־תאווה,
מיין שטאָלץ איז מיין האַנטווערק אַליין.
די נאָדל, דער הובל —
זיי שאַפן דעם רובל,
זיי שאַפן דעם שילינג, דעם פראַנק.״

אַ געוויסע צייט שילדערט ווינטשעווסקי בלויז דעם עלנט פון באַלמעלאָכע, וואָס אַרבעט פאַר זיך, ווי די נייטאָריק, דעם שיך־פּוצער, די „מיידעלע אין דער סיטי״, וואָס פאַרקויפט „מעצעס״ (שוועבעלעך), און אַנדערע אַזוינע גע־שטאַלטן פון דער מאָדערנער גרויסשטאָט. דאָס רוב פון זיינע בילדער זיינען אינטערנאַציאָנאַלע. זיי זיינען אויך ניט באַשרענקט בלויז אויף דער אימי־גראַנטישער באַפעלקערונג. פאַרקערט, ער שילדערט צום גרעסטן טייל די נויט פון די עכט־ענגלישע אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע ער האָט געזען אומ־קומען פון הונגער און קעלט אין זייער רייכן פאָטערלאַנד ניט ווייניקער ווי די איינגעוואַנדערטע האָרעפּאַשניקעס. אין ווינטשעווסקיס בילדער־גאַלעריי פון

דער לאָנדאָנער אָרעמשאַפט געפינען זיך דעריבער וויניקער פּאָרטרעטן פון יידישע אימיגראַנטן ווי ס'איז געווען פון אים צו דערוואַרטן.

זיין באַרימטקייט אין אַמעריקע שטייגט מיט דער גרינדונג פון „אַרבייטער פריינד" (לאָנדאָן, יולי 1885) — די ערשטע צייטונג אַרויסגעגעבן דירעקט פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט. דער „אַרבייטער פריינד" ווערט אַרום פינף יאָר נאָכאַנאַנד טיכטיק פאַרשפּרייט צווישן די יידישע אַר־בעטער אין אַמעריקע. עס גרינדן זיך אַפילו ספּעציעל ראַדיקאַלע אָרגאַני־זאַציעס אים צו שטיצן מאַטעריעל.

ווינטשעווסקיס לידער אין „אַרבייטער פריינד" מאָלן ניט דעם לעבן־שטייגער פון די יידישע סוועט־שאָפּ אַרבעטער, נאָר וועקן זיי צום קאַמף קעגן זייערע אויסזויגער און אונטערדריקער. אין זיין ערשטן ליד דאָרט: „צום אַרבייטער פריינד" (יולי 1885), שטעלט פעסט ווינטשעווסקי, אַז די „וואָס זעגן און הובלען און שניצן טאָג־טעגלעך, וואָס ציען די דראַטווע און קנעטן די ליים — — — לעבן, פון דעסטוועגן, אָרעם און קלעגלעך, און האָבן קיין הויז ניט און האָבן קיין היים"; אַז די, „וואָס אַקערן, זייען און באַקן די ברויט — — — קאָנען, פון דעסטוועגן, ברויט ניט געפינען, ווען סלעק אָדער קראַנק־הייט זיי שטירצט [וואַרפט אַריין] אין אַ נויט"; אַז די, „וואָס שפּינען די וואָלע, און נייען די קליידער, וואָס בויען די הייזער מיט שוויס און מיט מי . . . וואוינען אַליין אין אַ פינצטערן חדר צוזאַמענגעשטאָפּט, ווי אין שטאַלן די פי". ער פאַרענדיקט מיט דער פאַראויסזאָגונג, אַז „אַרבעטן וועט זיין אַן ערע און לײדיק אַרומגיין אַ שאַנד מיט דער צייט".

נאָך קרעפטיקער קלינגט ווינטשעווסקיס שטים אין זיין קאַמפס־ליד „עס רירט זיך" (יוני 1886). דאָרט הערט זיך אויך אַ ביבלישער טאָן:

„זעט איר, קינדער, ווי ס'וואַרפט זיך
ציטערנדיק די גאָלדן־קאַלב?
דען זי הערט שוין ווי עס שאַרפט זיך
אונדזער חלף איר אַנטהאַלב [צוליב].
איר, די קאַלב, די געצן־רינדער
און די טומאה פון כנען
וויל ער איצטער, ליבע קינדער,
אויסראָטן — דער אַרבעטסמאַן!"

ווינטשעווסקיס קאַמפס־ליד האָט ניט פאַר זיך קיין מוסטער פון דער פריערדיקער יידישער ליטעראַטור אין העברייאיש און אין יידיש. זי ציט איר השפּעה פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע, פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט. ער איז באַווירקט פון שעלי, דזשאָנס און מאָריס אין ענגלאַנד; פון הוגאָ, פּאָטיע און בעראַנזשע אין פראַנקרייך; פון היינע,

הערוועג און פרייליגראַט אין דייטשלאַנד. דער עיקר אָבער איז ווינטשעווסקי באַווירקט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן גופא, פון זייערע נויטן, האָפענונגען און קאַמפן.

און וויל ווינטשעווסקי אַמאָל אָנקלינגען אַ סטרונע פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי נעמט ער ניט דעם מאָטיוו פון יציאת מצרים. דער גע־וועזענער משכיל וויס צו גוט, אַז לויט דער יידישער טראַדיציע איז יענער אוראַלטער זמן חרותינו ניט געקומען דורך אָרגאַניזאַציע און קאַמפס־מוט פון אויפגעקלערטע שקלאַפן, נאָר דורך אויסערלעכע כוחות. ווינטשעווסקי דער־מאָנט דעריבער גערנער, דעם פרייהייט־קאַמף פון די מאַקאַבייער. אין זיין „מאַרסעליעזע" (מערץ 1887) דערקלערט ווינטשעווסקי די יידישע אַרבעטער אַזוי:

„איר וואָלט אַפילו אינעם „לאַנד דער העברייער"
בלייבן שקלאַפן ביי דעם מאַן פון געלט!
נון, וואָלאַן [וואויל] דען! ווייזט דער וועלט,
אַז איר שטאַמט אָפּ פון די מאַקאַבייער."

בכלל איז אָבער ווינטשעווסקיס קאַמפס־ליד דורכאויס אינטערנאַציאָנאַל. ער איז, אַזוי ווי די סאָציאַלע נביאים פון אַמאָל, אַ „פעלקער־נביא". ער אַדרעסירט זיין ליד אין יידיש צו די אַרבעטער פון אַלע פעלקער און פון אַלע לענדער. אין זיין ליד „אַ בעזים און אַ קער" (אָקטאָבער 1889) רעדט ווינ־טשעווסקי פאַר דער אַלוועלטלעכער קעמפערישער אַרבעטערשאַפט, וואָס וועט אויסקערן מיט איר מעכטיקן בעזים פון דער רעוואָלוציע „אַלע דאַרמאָיעד־ניקעס" (אומזיסטע פרעסער) און מאַכן גרייט זייערע „נאָסלעדניקעס" (יורשים) „צו לעבן אין דער קינפטיקער געזעלשאַפט מיט דער צייט, ווי ערלעכע פאַר־נינפטיקע און ברידערלעכע לייט". און צום שלוס פון די אַכציקער יאָרן טרעט ארויס ווינטשעווסקי מיט זיין „נבואה" צו די פעלקער אינעם נאָמען פון „פרייהייט גייסט", וואָס קומט באַפרייען „די נאַציאָנען פון קאַנאָנען, פון אַר־מייען און שפּיאָנען"; זיי „לערן" די אַרבעט צו „ערן" און צו לעבן אין „גליק און פרידן" — „צווישן היידן, קריסטן און יידן".

ווינטשעווסקיס אַרבעטער־לידער און קאַמף־לידער אין די אַכציקער יאָרן זיינען געשריבן אין אַ געשליפענעם יידיש, און אין אַלערליי ריטמען. זיי האָבן אָרגאַניזירט און געפירט די יידישע אַרבעטער אינעם קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן און צו־גלייך אַנטוויקלט זייער חוש פאַר שיינקייט, פאַר ריטם און קלאַנג. זיינע לידער, דראַמאַטישע פאָעמעס, סאַטירעס, פאַראָדיעס און פעליעטאָנען, ווי אויך זיינע ראָמאַנען־איבערזעצונגען פון יענע יאָרן, האָבן באַרייכערט די יידישע שפּראַך דורך נייע ווערטער און ווענדונגען און געשאַפן

מוסטערן פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אין אַלע אירע פאָרמען. ווען ער קומט שפּעטער אַריבער קיין אַמעריקע אין דער ערשטער העלפט פון די ניינציקער יאָרן, ווערט ער באַגעגנט פון ברייטע לייענער־מאַסן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אידייאיש און עסטעטיש אויף זיינע שאַפונגען פון די אַכציקער יאָרן.

5

מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען די באַדייטנדיקסטע קראַפט פונעם לאָנדאָנער פּראָלעטאַריש־יידישען קולטור־צענטער. ער איז אָבער ניט געווען דער איינציקער צו האָבן באַווירקט די באַשאַפונג פון אַ יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. צוזאַמען מיט אים האָבן דאָרט געווירקט אין ד'י אַכציקער יאָרן פיליפּ קראַנץ, בנימין פייגנבוים, י. יאַפּפּאַ, אייזיק סטאָון, נתן בערלין, סיימאָן פרימאַן און אַ ריי אַנדערע. די מערסטע פון זיי זיינען פריער־שפּעטער אַריבערגעקומען אָדער אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע.

אייזיק סטאָון (יצחק שטיין), אַ שניידער, און נתן בערלין, אַ רעגנמאַנטל־מאַכער, זיינען ביידע געווען מיטגלידער פונעם ערשטן „יידישן סאָציאַליסטישן פאַראיין", געגרינדעט פון אהרן ליבערמאַן אין 1876. ביידע האָבן געשריבן אין דער יידישער פּרעסע פון די זיבעציקער יאָרן און ביידע זיינען געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטער אין ווינטשעווסקיס „פּוילישער אידל". ביידע האָבן אַרויסגעגעבן די ערשטע ביכלעך דערציילונגען פון סוועט־שאָפּ. דעם ערשטנס ביכל הייסט:

„איין קורצע לעבנס־באַשרייבונג פון איין לאָנדאָנער שניידער, וואָס האָט זיך נעבעך געמוטשעט עטליכע יאָר ביי די שווערע אַרבעט אין לאָנדאָן און ביי זיין מאַטערן זיך האָט ער אַ ברוסט־פעלער באַקומען, פון וועלכן ער איז זייער שנעל פון דער וועלט אַוועק. פאַר זיין טויט האָט ער זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע באַשריבן, אום צו וויזן אַ ריכטיקן מוסטער פאַר די אַלע שניידער אַרבעטער. פאַרפאַסט פון אייזיק סטאָון, אַרויסגעגעבן פון די יידישע שניידער אַרבעטער פאַראיין. בשנת יידישע אַרבעטער דענקט וועגן אייער שלעכטע לאַגע לפּק." (ס'מיינט תרמ"ד—1884.)

אַלס הקדמה גיט סטאָון אַן עלף־סטראָפיק ליד מיטן נאָמען „דער פאַר־שלאָפענער יידל". דאָס ליד איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן עטלעכע חדשים פריער ווי מאָריס ווינטשעווסקיס ערשטע דיכטונג. עס איז דעריבער מעגלעך, אַז אייזיק סטאָון איז געווען דער ערשטער צו שרייבן אַן אַרבעטער־ליד אין יידיש. ער באַנוצט זיך מיט דעם משכילישן נוסח פון אליקום צונזער און זיינע צייט־חברים. אַלס שניידער־אַרבעטער ברענגט ער אָבער דאָרט אַריין, ווען

אַפילו אומבאַהאָלפן, אַ קלאַסן־קאַמף־מאָטיוו. פאַר די משכילים האָבן „נאַכט" און „שלאָף" געמיינט: פעאָדאַליזם און מיטלאַלטער. „דערוואַכונג" און „טאָג" — קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע. דער שניידער־אַרבעטער סטאָון האָט אָבער געקענט דעם קאַפּיטאַליזם דורך זיינע שוויץ־פאַבריקן, שניידער־מייסטער (באָסעס), לענדלאָרדס, פּיין־שעפּער (לאָמבאַרדס) א. ד. גל. פאַר אים האָט גע־מיינט שלאָפן — ניט זיין אָרגאַניזירט. און דערוואַכן — געהערן צו דער יוניאָן און קעמפן פאַר אַ בעסערן לעבן. סטאָון וועקט דעריבער זיין פּראָלע־טאַריזירטן ייד צו דערוואַכן און עפענען די אויגן. דער עיקר דערפאַר, וואָס „ווילדע חיות" לעקן זיין „טרוקענעם ביין", וואַשן זיך מיט זיין שווייס און זיין „בלוט טוען זיי זויגן".

די סיבה פאַר דער ניט־אָרגאַניזירטקייט פון די אימיגראַנטישע יידישע אַרבעטער אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן זעט סטאָון אין זייער גלויבן, אַז זיי מוזן ליידן, ווייל יידן זיינען אין גלות. טרעט ער אַרויס קעגן אָט־דעם גלויבן. ער טענהט אַזוי:

„אָבער הער נאָר יידל: עס איז פאַלש וואָס דו טראַכסט,
קיינער איז יעצט אין גלות, אַז ער איז נאָר אַ מאַן,
און דאָס איז גאָר קיין גלות, וועלכן דו דאַכטסט
געגן דעם גאַנצן אַרבעטער גלות, וואָס עס איז פאַראַן."

סטאָונס ביכל אַנטהאַלט אַ רייע שילדערונגען פון דעם לאָנדאָנער יידישן אַרבעטער־קוואַרטאַל און די סוועט־שעפּער פון יענער צייט, וואָס זיינען געווען אין פיל פּרטים ענלעך צו די יידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין די גרויסע שטעט פון אַמעריקע אין די אַכציקער יאָרן.

ווען דער גרינער שניידער זעצט זיך עסן פרישטיק, ברויט מיט קאַשע, נאָך היפּשע עטלעכע שעה אַרבעט, באַמערקט דער מייסטער: „מיסטערכע . . . ביי די שניידער עסט מען ניט אַזוי בהרחבה. מען מוז עסן און נייען..." ווען דער זעלביקער אַרבעטער אַרבעט אָפּ פון באַגינען ביז 12 אַזייגער ביינאַכט און וויל אָוועקגיין, זאָגט צו אים דער מייסטער:

„מיסטערכע . . . ביי די שניידער איילט מען זיך ניט זאָ פרי אַוועקצוגיין.
ביי מיר אַרבעט אַ גרינער ווי איר זיינט ביז איינס אור ביינאַכט..."

פרייטיק פאַרנאַכט, ווען דער אימיגראַנטישער אַרבעטער פאַרלאַנגט זיינע שכירות, זאָגט דער מייסטער: „מיסטערכע!... איר וועט קומען זונטיק, וועל איך אייך באַצאָלן זילבערנע פערציקערס." און ווען דער אַרבעטער דערלעבט שוין קוים דעם זונטיק, קריגט ער קוים אַרויס פון זיין מייסטער 16 פּענס (אַרום 32 סענט) פאַר איבער אַ 100־שעהדיקער וואָך אַרבעט.

אין אָט־דער לעבנס־געשיכטע פון אַ שניידער־אַרבעטער ווערט דערציילט ווי ער איז געקומען פון דער אַלטער היים „אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, וואָס וואָלט געקענט מויערן ברעכן״. אָבער נאָך צען יאָר שניידער־אַרבעט אין סוועט־שאַפּ זיינען אַלע זיינע גלידער געוואָרן צעדרייט און זיינע פיס דאַר ווי שטעקלעך און אָן אַ טראָפּן בלוט אין זיי. ער באַמערקט דערצו:

„די בלוט פון מיינע הענט און פיס, גאָט וויים אין וואָס פאַר אַ שול מיין מייסטער האָט עם מנדר געווען, בכדי אַז ער זאָל אַ גבאי ווערן און ער זאָל האָבן כבוד איבער זיין נאָז. . . . מיינע טראָפּנס שוויים האָט מיין מייסטער דיסטילירט אויף גאָלד און האָט אוים דעם גאָלד געפלאָכטן אַ קייט פאַר זיך און פאַר זיינע פרוי.״

די דערציילונג ענדיקט זיך מיט אַ פלאַמענדיקן רוף צו די אַרבעטער ניט צו זיין מער קיין בהמות און ניט צו לאָזן זיך מער שינדן די הויט, נאָר זיך פאַראייניקן אין אַ יידישן שניידער אַרבעטער־פאַראיין צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן.

* * *

נתן בערלינס ביכעל הייסט:

„די אמתע וועלט, אָדער איין רייזע אין גיהנום, לטובת הכלל. דאָ ווערן פאָרגעשטעלט בילדער פון גיהנום און פון זיינע וויזיטאָרס, די בעלי־טובות־הכללניקעס פון לאָנדאָן און פּראָווינצן, פון נ. בערלין, לאָנדאָן, תרמ״ו.״

אין גיהנום, ווערט דער רעגנמאַנטל־מאַכער אַרבעטער אַרומגעפירט פון אַ טייוולאָנישער באַשעפעניש „פול מיט אויגן, מיט 50 קעפּ, מיט 100 הענט. אין איין האַנט האַלט ער אַ פייער־רויטן פרעס־אייזן און אין דער אַנדערער אַ גרויסע שער...״ ער ווייזט דעם אַרבעטער בילדער, ווי אַזוי אַ שניידער־מייסטער אַרבעט זיך אַרויף, ווי אַזוי אַ מאַשינער (אַן אָפּערייטאָר, אַ שטעפּער) אַרבעט פאַר אים 20 שעה אין טאָג. ער ווייזט אים ווי עס קומען אַריין אין שניידער־שאַפּ „פרישע, געזונטע, פריילעכע יונגע לייט״ און גייען אַרויס מיט „מאָגערע, דאַרע, מעלאַנכאָלישע פּנימער״. דער מייסטער שיקט אַוועק די אויסגעאַרבעטע און נעמט אַריין פרישע, רייסט אַרונטער די שכירות, זידלט, וואַרפט אַרונטער פון די טרעפּ. עס הערן זיך קולות:

„גוואַלד, גזלן! איך האָב דאָך געאַרבעט אַלס פּרעסער פון פיר מאָרגן ביז עלף נאַכט. סטייטש, פון מיינע אָרעמע זיבן שילינג, נאָך אַ זעקס פּענס אָפּגעריסן. גוואַלד! מייסטער! אין גאָטעס ווילן. איך האָב אַ ווייב מיט קליינע קינדער. גוואַלד! גוואַלד! זיי גייען אַוועק מיטן גוואַלד און ער, דער שניידער־מייסטער, בלייבט ביי די געלט...״

אַנדערע סצענעס ווייזן ווי אַזוי דער שניידער־אַרבעטער „גיט אַ ביס איין מאָל אַ שטיקל ברויט און הונדערט מאָל אַ דריי דעם ראָד פון זיין מאַשין". די פּרעסער „שטייען ביי אַ גרויסן פייער און קלאַפּן מיטן 24־פונטיקן אייזן גאַנץ גיך". צו לעצט ווערט געוויזן אַ סימבאָליש בילד, ווי אַזוי דער שוויס פון אַלע אַרבעטער צוזאַמען ווערט פאַרוואַנדלט אין „גאָלד־שטיקער".

נתן בערלין ווייזט ניט קיין אויסוועג פון דער שלעכטער לאַגע, ווי דאָס טוט אייזיק סטאָון. זיינע בילדער פון סוועט־שאַפּ גיהנום האָבן אָבער רעוואָל־טירט די אַרבעטער און זיי געוועקט צום קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג.

* * *

די צוויי באַדייטנדיקסטע סאָציאַליסטישע שרייבער, אין לאָנדאָן, נאָך ווינטשעווסקין, וואָס האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, זיינען פיליפּ קראַנץ און בנימין פייגנבוים.

פיליפּ קראַנץ (1858—1922) האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין רוסיש (אונטער זיין היימישן נאָמען, יעקב ראָמבראָ). מאָריס ווינטשעווסקי ווירקט אָבער אויף אים צו שרייבן יידיש, צוערשט אין „פּוילישן אידל", נאָך דעם אין „אַרבעטער פריינט", פון וועלכן ער ווערט אויך רעדאַקטאָר. זיינע באַלערנדיקע אַרטיקלען און בראָשורן און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אָריגינעלע און איבערזעצטע, מאַכן אים פּאָפּולער אויך אין אַמעריקע, וואו ער ווערט אַריבערגעבראַכט אַלס דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער יידישער סאָציאַליס־טישער „אַרבעטער־צייטונג". זיינע ביישטייערן צו דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע זיינען באַדייטנדיקע. מער אָנזעענדיק זיינען די אויפטואונגען פון בנימין פייגנבוים (1860—1932). אַ שרייבער אין העברעיִש און אין יידיש נאָך אין דער אַלטער היים, ווערט פייגנבוים, וואוינענדיק אין בעלגיע, אַ סאָציאַליסט. ער הויבט אָן פון דאָרטן מיטאַרבעטן אין לאָנדאָנער „אַר־בעטער פריינט" און ווערט נאָך דעם אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער. זיינע סאָציאַליסטישע און אויפקלערערישע אַרטיקלען, געשריבן אין אַ פאָלקסטימ־לעכן יידיש, ווי אויך זיינע פיל פּאָפּולער־געשריבענע לומדישע, וויסנשאַפט־לעכע אָפּהאַנדלונגען און בראָשורן, פאַראַדיעס און פעליעטאָנען, מאַכן אים, נאָך ווינטשעווסקין, פאַר אַ באַדייטנדיקן איינפלוסרייכן כח אין דער בויאונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואוהין ער ווערט אויך שפּעטער אַריבערגעבראַכט.

איינער פון די באַדייטנדיקסטע פּובליציסטן פון אָט־דער נייער יידישער ליטעראַטור איז געווען קאָנסטאַנטין גאַלאָפּ (1862—1892), וואָס האָט אַריינ־געבראַכט אין דער לאָנדאָנער יידישער אַרבעטער־פּרעסע און, דורך איר, אין

דער אַמעריקאַנישער, די פלאַמענדיקע, פּאַטאָספולע שפּראַך, וואָס צינדט אָן מוחות און רירט אויף הערצער.

פאַרדינסטן האָבן אויך אַזוינע שרייבער, ווי דער דיכטער מלבי״ש און אַ פינף יאָר שפּעטער מ. באַראַנאָוו א. אַ., וואָס האָבן געוועקט די אימיגראַנטישע יידישע אַרבעטער דורך אויסלאַכן זייער צוריקגעשטאַנענקייט און לייכטזיניקייט. אין זיין ליד „געלעבט אין דער וועלט“ („דער פּוילישער אידל“, סעפּטעמבער 1884), שילדערט מלבי״ש ווי אַזוי אָט די אַרבעטער פטרן אַוועק דעם שבת, זייער איינציקן רו־טאָג, נאָך אַ שווערער וואָך אַרבעט, אין טרינקען און פאַרשפּילן דערביי זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע שכירות אין פערד־רייסעס און אין קאָרטן. ער פאַרענדיקט זיין ליד אַזוי:

„נאָך שבת ווערט ווידער געאַרבעט שווער,
געשניטן, געקלאַפּט און געדרייט,
געדרייט די מאַשין און געקלאַפּט מיטן שער,
פאַרשמייעט, פאַרדאַגהט, צעשטרייט.

פון „גלייך נאָך הבדלה“ ביז פרייטיק צונאַכט
ווערט נאָר אַרום שבת פאַרגעניגן געטראַכט.“

* * *

סיימאָן פרימאַן, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער, שרייבט אין „אַרבעטער פריינט“ אי־לידער און אי פּראָזע, אין וועלכער ער שילדערט דעם עלנט פונעם אַרבעטער און פאַראורטיילט זיין דולדן צו זיין אַ קנעכט, וואָס „וויל ניט הערן און לאָזט זיך שערן און זאָגט עס מוז זיין שלעכט“. צוגלייך רופט ער אים צום קאַמף זיך באַלד צו דערהויבן קעגן „טיראַנען הערשאַפט“ און מאַכן „איין ענד מיט קנעכטשאַפט“. ער שרייבט אויך סאַטירישע לידער. אין איינעם אַזאַ ליד, „310“ — אַ דיאַלאָג צווישן קאַפּיטאַליסט און אַרבעטער, פאַרענטפערט דאָרט דער ערשטער זיין עקספּלואַטאַציע דערמיט, וואָס ער קריגט פאַר דעם בלויז אָט „די איינציקע וועלט“, בעת „דו [אַרבעטער] באַקומסט דאָרט, אין היילקן אָרט, וועלטן פאַר דיר — גאָר אָן אַ שיער“. „דאָס מוזטו „גישטען“ (צוגעבן), אַז „דריי הונדערט און צען *) איז מער ווי איינס.“ דער אַרבעטער אָבער ענטפערט:

„די וועלט האָב איך געמאַכט רייך,
איך שטייג אַרויס פון די גריבער
און נעם אַלץ איבער
און לאָז יענע וועלטן פאַר אייך...“

* * *

*) לויט דער אמונה, אַז אַ צדיק ווערט באַלוינט נאָכן טויט מיט 310 וועלטן.

יוסף יאַפּפּאַ הויבט אָן שרייבן אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד" אין 1885, נאָך וואוינענדיק אין פּאַריז, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון דאָרטיקן רוסיש־יידישן אַרבעטער פּאַראיין, וואָס צווישן זיינע גרינדער זיינען אויך געווען פיליפּ קראַנץ און אָסיפּ צעטקין (וועמעס דייטשע פרוי, קלאַראַ צעטקין, ווערט שפּעטער אַ וועלט־באַרימטע אַרבעטער־פירערין). יאַפּפּאַ קומט באַלד אַריבער קיין לאָנדאָן, וואו ער שרייבט אַ חוץ טעאָרעטישע אַרטיקלען וועגן אַנאַרכיזם, אויך דערציילונגען און ראָמאַנען. שפּעטער ווערט ער אַריבער־געבראַכט קיין אַמעריקע אַלס רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער „וואַרהייט" (1889). ער רעדאַקטירט אויך אין ניו־יאָרק דעם „הויז־פריינד" (1889), דעם „ליטוואַקל" (אַ הומאָריסטיש וואָכנבלאַט, 1890) און אַנדערע אויסגאַבעס. די מערסטע פון יאַפּפּאַס דערציילונגען און ראָמאַנען זיינען פרייע איבערזעצונגען אָדער באַאַרבעטונגען פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. ער ברענגט אָבער אַריין סאָציאַלן פּראָטעסט און סאָציאַלן שטרעבן. ער באַמיט זיך אויך צו שרייבן „אין איינפאַכן, פּראָסטן מאַמע־לשון", און ווייזט אַרויס ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך. ער העלפט אויך אָרגאַניזירן די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער אין אַ „זשאַרגאָן ליטעראַטן פּאַראיין" (1889).

אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ אין דער בויאונג פון אַ יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַרנעמט לעאָן זאָלאָטקאָף (1866—1938), וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען דער דרוקער פון לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינט" און דאָרט געשריבן רעוואָלוציאָנערע זאַכן אונטערן נאָמען „יענער" אָדער אונטערן בוכשטאַב „ז". אין 1887 קומט ער אַריבער קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט איינער פון די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון דער בירגערלעכער פּרעסע. ער צייכנט זיך אויס אין די אַכציקער יאָרן מיט זיין עכטן און פיינעם יידיש, פון וועלכן ער איז דעמאָלט, נאָך ווינטשעווסקין, דער באַדייטנדיקסטער מייסטער. זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט אין „אַרבעטער פריינט" איז געווען אַ „וויג־ליד פון אַן אַרבעטער־פרוי" (סעפּטעמבער 1886). די אַרבעטער־פרוי פאַרוויגט איר קינד מיט אַ געזאַנג פון הונגער און נויט:

„זיבן יאָר אין צער געלעבט
האָב איך מיט דיין אָרעמען טאַטן;
אין פאַבריק האָט ער געוועבט,
אין שטוב פלעג איך נייען און לאַטן."

דאָס לעבן איז געווען זייער שווער, אַפילו ווען דער טאַטע האָט געאַרבעט איבער די כחות. די לאַגע איז אָבער געוואָרן גאָר שלעכט, ווען ער האָט אין פאַבריק „זיך אַ האַנט אָפּגעריסן". איצט גייט ער אַרום ווי אַ בעטלער, „ווייי און ווינד". ער זוכט נעבעך אומזיסט „אַ שטיקעלע ברויט פאַר זיין קינד".

אין זיין פּראָזע פון יענער צייט, פּאַראָדיע און הומאָר, האָט זאָלאָטקאָף זיך ניט באַנוגנט מיט שילדערן די נויט, נאָר גערופן צו רעוואָלוציאָנערע מעשים. אין זיין פּאַראָדיע אויף דער „הגדה“, וואָס איז אַרויס אין אַ באַזונדער ביכל אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, טייטשט ער דאָרט אַריין אַזוינע געדאַנקען: „באותות—זה המטה — אַרבעטער, נעם דעם שטעקן! ובמופתים—זה הדם! . . . אומשולדיק בלוט זאָל דורך בלוט אָפּגעווישט ווערן...“

און אין זיינע בילדער פון די „ימים נוראים“ (אָקטאָבער 1886) דערקלערט זאָלאָטקאָף, אַז „ניט נאָר ביי יידן, נאָר אין דער גאַנצער וועלט, מאַכט מען איצט פּאָרברייטונגען צו ימים נוראים, אָבער פון אַ גאַנץ אַנדערן אַרט.“ ער פאַרזיכערט אויך, אַז אָט־די נייע פּאָרכטיקע טעג וועלן ברענגען דערצו, אַז „דער טייוול וועט פאַרלירן זיין מאַכט איבער דעם מענטשן“ און עס וועט איינגעפירט ווערן גלייכהייט און ברידערלעכקייט איבער דער גאַנצער וועלט. און ער פאַרענדיקט מיט דעם רוף:

„קום, אָ קום, גרויסער, שרעקלעכער טאָג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן!“

6

אין דער ערשטער העלפט פון די אַכציקער יאָרן איז אין אַמעריקע ניט אַרויס קיין שום פּראָגרעסיווע צייטונג, שוין ניט צו רעדן פון אַזאַ סאָציאַליסטישן אָרגאַן, ווי דער לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינט“. אין יענע יאָרן איז די „יודישע גאַזעטן“ געווען די מעכטיקסטע אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש. נאָך אַ פּאָר ניט־געלונגענע פּרואוון זי אַרויסצוגעבן טעגלעך (יוני־יולי 1881 און אַפּריל 1883), גרינדן אירע אַרויסגעבער דאָס „יודישעס טאַגעבלאַט“ אוןביידע צוזאַמען שלינגען איין יעדע אַנדערע יידישע צייטונג אין ניו־יאָרק און קאָנטראָלירן אויך די עטלעכע יידישע צייטונגען אויף דער פּראָווינץ. ערשט אין 1886, אונטער דעם איינפלוס פון דער אַגיטאַציע פאַר דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, דעם גענעראַל־סטרייק פון ערשטן מאַי 1886, און די פאַרורטיילונג צום טויט פון די סטרייק־פירער אין שיקאַגאָ (כלומרשט אַלס אַנאַרכיסטישע באָמבע־וואַרפער), וואָס רירט אויף די יידישע אַרבעטער־מאַסן, הייבן זיך אָן פּרואוון פון ראַדיקאַלע יחידים אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט מיט אַ סאָציאַליסטישער טענדענץ. דער ערשטער פּרואוו, „די נייע צייט“ (9טן יוני, 1886) פון אב. קאַהאַן און טשאַרלס ראַיעווסקי האַלט ניט אויס אַפילו איין חודש. מער דערפאָלג האָט געהאַט דאָס וואָכנבלאַט „די ניו־יאָרקער יודישע פאָלקס־צייטונג“, וואָס האָט געהאַט צוויי אַרויסגעבער, ברוקס און קאַנטאָר, און צוויי רעדאַקטאָרן, אבא בראַסלאַווסקי און מאָזעס מינץ. (דער ערשטער אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און דער צווייטער אַ פּאַלעסטינעץ, אָדער „חובב־ציון“.)

די „ניו־יאָרקער יודישע פאָלקס־צייטונג" איז דערשינען נאָענט פון דריי און אַ האַלב יאָר, פון 25טן יוני, 1886 ביזן 20טן דעצעמבער, 1889. איר טענדענץ איז געווען נאַציאָנאַליסטיש־סאָציאַליסטיש, אָדער, ווי זי אַליין האָט עס אָנגערופן, „סאָציאַליסטיש און יידיש". זי האָט צוגעזאָגט צו געבן „אינ־טערעסאַנטע, אָריגינעלע דערציילונגען און גוטע איבערזעצונגען פון די נייסטע שריפטשטעלער". (פאַקטיש איבערזעצט זי קודם־כל קאַרל עמיל פראַנצאָז, וועמען די „יודישע גאַזעטן" האָט אָנגעהויבן איבערזעצן מיט אַ צען יאָר פריער. זי פאַרענדיקט אָבער מיט דעם דעמאָלט ניי־דערשינענעם אוטאָפּיסטישן ראָמאַן פון עדוואַרד בעלאַמי, „לוקינג בעקוואָרד".) זי איבערזעצט אויך ווערק פון רוסיש, צווישן זיי אויך פּיסאַרעווס „די בינען" און פאַרעפנטלעכט אויך אין פאָרזעצונגען קאַרל מאַרקס: „לוין־אַרבעט און קאַפּיטאַל", ווי אויך פּאַול אַקסלראָדס אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מאַרקס „קאַפּיטאַל", און אַ גאַנצע ריי נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ווערק. זי גיט אויך רעצענזיעס איבער די פּיעסן פון גאָלד־פאַדען, שמ"ר און אַנדערע, ווי אויך איבער דאָס שפּילן פון אדלער, מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, מאַדאַם ליפּצין, א. אַ.

אין דער „ניו־יאָרקער יודישע פאָלקס־צייטונג" האָבן געשריבן ישראל באַרסקי (בן־עולם), אבא בראַסלאַווסקי (דר. א. ברעסלאַו), דוד גאָלדשטיין, ז. גוטעסווילן, דוד גרינבערג (זאַהיק), אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, מאָריס הילקאָ־וויטש (הילקוויט), ד. מ. הערמאַלין, יהושע וואַגמאַן, ב. ווײנשטײן, רובענס וויסמאַן, פּ. וו. (פּעטער וויערניק), [דר.] הלל זאָלאָטאַראָף, לעאָן זאָלאָטקאָף („יענער"), ז. זאַסלאַווסקי, פּיליפּ זאַקס, משה זייפערט, שלום יוסף זילבערשטיין, געאָרג (געצל) זעליקאָוויטש, ס. יאַ. (ש. יאַנאָווסקי), יוסף יאַפּפאַ, ר. ג. לואיס, א. מאגיל, יוסף מאָגיליאַנסקי, [דר.] מאָזעס מינץ, [דר.] י. א. מעריסאָן („שר של ים"), יוסף מוזיקאַנט, בערטאַ נאַגלע, ח. ספּיקאַוקאָווסקי (דר. חיים ספּיוואַק), דוד עדעלשטאַט, יוסף פּעטריקאָווסקי, דר. מיכאל קאָהן, סיימאָן קאָהן, מאיר ראַבינאָוויטש, מאָריס ראָזענפעלד, טשאַרלס ראַיעווסקי, א. ראָכליס, דוד רוקח (אַפּאָטעקער), ס. שור און צענדליקע אַנדערע דיכטער, דער־ציילער, פעליעטאָניסטן, וויסנשאַפטלער, קריטיקער און פּובליציסטן, וועלכע האָבן שפּעטער זיך דערוויטערט פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע.*)

*) אַ געוויסע צייט נאָכדעם ווי די „ניו-יאָרקער פאלקס-צייטונג" איז אונטער-געגאַנגען, האָט אַ פריערדיקע קאָנקורענץ-צייטונג, דער „פאָלקס-אַדוואָקאַט" (אויגוסט 1894), געשריבן, אַז „טויזנטער מענטשן" האָבן באַדויערט איר אונטערגאַנג. אירע רעדאַקטאָרן זיינען געווען „ערלעכע אונד געטרייע פאָרשטייער אויף דעם זשאַרגאָניש-ליטעראַרישן פעלד, מיט הויכע בילדונג, וויסנשאַפט, פּויאַקייט. ——— זיי זיינען געווען געאַכטעט פון אַלע אינטעליגענטן אונד זאָגאַר איינפאַכע יידן פון די פאַר-איייניקטע שטאַטן אונד אויך פון פילע לעזער פון די איבעריקע וועלט-טיילן."

אין 1887 קומט אַריבער קיין אַמעריקע דער „פּאָעטער פון יידישן טעאַטער״, אברהם גאָלדפאַדן. דאָס קאָמערציעלע טעאַטער לאָזט אים אָבער ניט ווערן טעטיק אויף זיין געביט. פּרוּווט ער זיין גליק אין צייטונג־אַרויסגעבעריי. ער גיט אַרויס די צוויי־וועכנטלעכע „ניו־יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג״, פון וועלכער עס איז אַרויס אַ פּראָבע־נומער (אָקטאָבער 22, 1887) און ווייטערע 17 נומערן (נאָוועמבער 15, 1887 — יולי 12, 1888). אין זיין שיין־אַרויס־געגעבענער און געשמאַקפול־רעדאַקטירטער „אילוסטרירטע צייטונג״ האָבן מיטגעאַרבעט, אַ חוץ גאָלדפאַדען אַליין, אויך הארקאַווי, הערמאַלין, זייפערט, זעליקאָוויטש, פעטריקאָווסקי און אַנדערע, און די שווישפּילער וויסמאַן, טאָמאַס (פּנחס טאָמאַשעווסקי), פיינמאַן און אַ ריי קאָרעספּאָנדענטן פון דער פּראָווינץ, ווי אויך פון ענגלאַנד (נתן בערלין).

פון מער דויער איז געווען דאָס (צוערשט) פּראָגרעסיווע וואָכנבלאַט „דער פאָלקס־אַדוואָקאַט״, אַרויסגעגעבן פון מיכאל (מייקל) מינץ און קאָמפּאַניע און רעדאַקטירט די ערשטע אַנדערהאַלבן יאָר (יולי 1888—דעצעמבער 1889) פון געצל זעליקאָוויטש. דאָרט האָבן געאַרבעט אין די אַכציקער יאָרן די מערסטע שרייבער פון דער „ניו־יאָרקער יודישע פאָלקס־צייטונג״, ווי אויך אייזיק אָרטמאַן, יוסף אָשמיאַנסקי, ה. ו. בורשטיין, נתן בערלין, אברהם גאָלדפאַדן, יוסף לוקאָווסקי, טויבע סעגאַל, יאָהאַן פּאַליי, יהודה פּין, אב. קאַהאַן (אב־שד), יצחק ראַבינאָוויטש און אַ ריי אַנדערע. אין יאַנואַר 1890 הייבט אָן זעליקאָוויטש רעדאַקטירן דעם „יידישן העראָלד״. ער דרוקט דאָרט לידער פון ל. בערנסאָן, א. י. טאַנצמאַן, י. לעווין, ה. מאַלאַכאָווסקי, ג. ראָזענצווייג, א. אַ. ס׳אַרבעטן אויך מיט וו. שור, רעד. פון „הפסגה״, דער יידישיסט דר. י. סאָלאָווייטשיק און דער שפּעטערדיקער ביבליאָגראַף א. ז. פריידוס. אַרום יענער צייט (1889) דערשיינט אויך די הומאָריסטישע „גרויסע בייטש״, רעדאַקטירט צוערשט פון דוד אַפּאָטעקער און נאָכדעם פון יוסף פּעטריקאָווסקי.

דער יידישער ישוב פון מזרח־איירָאָפּייאישע אימיגראַנטן האָלט דעמאָלט כסדר אין וואַקסן. זינט 1886 האַלט אויך כסדר אין שטייגן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1889 הייבט זי זיך שוין אָן צו דיפערענצירן. דאָס וואָכנבלאַט „די וואַרהייט״ (15טן פעברואַר, 1889), געפּלאַנט אַלס אַן איבער־פּאַרטייאישע אַרבעטער־צייטונג, אַנטוויקלט זיך אונטער יוסף יאַפּפּאַס רעדאַקציע צו אַ דורכאויס־אַנאַרכיסטישער. אירע מיטאַרבעטער, אַ חוץ מאָריס ראָזענפעלד, זיינען אַלע געווען באַקאַנט אַלס אַנאַרכיסטן, ווי (דר.) מאַקס גירדזשאַנסקי, דר. ה. זאָלאָטאַראָף, ש. יאַנאָווסקי, יוסף יאַפּפּאַ, ר. לואיס, דר. י. א. מעריסאָן, דוד עדעלשטאַט, מ. קאַטץ, א. ד. גל. ווען זי גייט אונטער נאָך דעם 20טן נומער, זוכן שוין די סאָציאַליסטן אַרויסצוגעבן זייערן אַן אייגענעם פּאַרטיי־אָרגאַן: „די אַרבעטער־צייטונג״ (מערץ 1890), אונטער דער רעדאַקציע פון

פיליפּ קראַנץ און מיט דער נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט פון הילקוויט, זאַמעטקין, זעליקאָוויטש, מילער, קאַהאַן, ראָזענפעלד. דאָס צווינגט די אַנאַרכיסטן זיך אָנצושטרענגען ווידער אַרויסצוגעבן אַן אַנאַרכיסטישן אָרגאַן: „די פרייע אַרבעטער שטימע" (יולי 1890).

פון דעם איבער אַ צענדליק אומפּאַרטייאישע יידישע צייטונגען פון סוף אַכציקער יאָרן האָבן בייגעטראָגן צו דער יידישער ליטעראַטור באַזונדערס צוויי וואָכנבלעטער — „הויז־פריינד" (סעפּטעמבער 1889—יאַנואַר 1890), רעדאַקטירט צוערשט פון יוסף יאַפּפּאַ און נאָך דעם פון יוסף פּעטריקאָווסקי, און דער „מאָרגנשטערן" (יאַנואַר־יוני 1890), רעדאַקטירט פון דר. אבא ברעס־לאַווסקי און צולעצט אויך פון יוסף יאַפּפּאַ און אבנר טענענבוים. דאָרט האָט אויך דוד עדלשטאַט געשריבן כמעט אין יעדן נומער אַ ליד אונטערן נאָמען „פּאַסקאַרעל". דער „הויז־פריינד" (אַ „וועכנטלעכע צייטונג פיר ליטעראַטור, וויסנשאַפט און אונטערהאַלטונג") האָט געגעבן, אין „איינפּאַכן, פּראָסטן מאַמע־לשון", אַ חוץ איבערזעצטע ראָמאַנען („גראַף מאָנטע־קריסטאָ" פון אַלעקסאַנדער דיומאַ און „הללס הויז" פון מאַקס רינג), אויך אָריגינעלע דערציילונגען (ער האָט אַפילו אָנגעבאָטן „צען דאָלער דעם יעניקן, וועלכער וועט אָנשרייבן אַ גוטע לעבנס־סקיצע אָדער גאָוועלע פאַר דעם 'הויז־פריינד' "). ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, דערציילונגען און ביאָגראַפיעס פון הילקאָוויץ (הילקוויט), וואַגמאַן און פּעטריקאָווסקי; אַרטיקלען פון מיכאל קאַהן, א. ראַכליס, א. אַ. דער „הויז־פריינד" האָט אויך מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן דעם אויבן־דערמאָנטן יידישן שרייבער־פאַראיין אין ניו־יאָרק.

[די ערשטע באַאַמטע פון אָט־דעם יידישן „ליטעראַטן־פאַראיין", פון אָקטאָבער 1889, זיינען געווען: פּאָרזיצער — א. ראַכליס, קאַסירער — י. יאַפּפּאַ, סעקרעטאַר — י. זילבערבערג, קאָמיטע אויסצואַרבעטן סטאַטוטן: י. באַרסקי (ישראל בן־עולם), ד. אַפּאָטעקער, פּעטריקאָווסקי, מאָריס ראָזענפעלד און יאָהאַן פּאַליי. אַ חוץ די דערמאָנטע, האָבן צום פאַראיין אויך געהערט אַלס מיטגלידער בוקאַנסקי, גוטעסווילן, האַרקאַווי, הערמאַלין, זייפערט, זעלי־קאָוויטש, לואיס, טוביע סעגאַל, מיכאל קאַהן, א. אַ. אַ פּאָר יאָר שפּעטער שליסן זיך אין אים אויך אָן יעקב גאָרדין, מ. דאַליצקי, לואיס מילער, אליקום צונזער, א. שאַרקאַנסקי, שמ"ר א. אַ.]

7

פון די אומגעפער 70 יידישע שרייבער פון די אַכציקער יאָרן האָבן פולע צוויי דריטל מער־ווייניקער בייגעטראָגן צו דער בויאונג און שאַפונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. זיי האָבן זיך אַלע אין יענער צייט גרופּירט

אַרום דער פּראָגרעסיווער אָדער אַרבעטער־פּרעסע. די ערשטע שפּראָצונגען פון דער נייער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע באַווייזן זיך דעריבער אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקס־צייטונג“, וואָס איז ביי איר גרינדונג געשטאַנען נאָענט צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער ערשטער דערציילער פון יידישן אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע איז געווען משה זייפערט (1845—1922). פון דער היים, אַזוי ווי זיין פאָטער, אַ געשטודירטער פעלדשער (ער פלעגט זיך אין אַמעריקע אויך אָנרופן „דאָקטאָר“). אַ משכיל און אַ קענער פון עטלעכע אייראָפּייאישע שפּראַכן, האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין ליטע נאָך אין די זעכציקער יאָרן. ער האָט דאָרט געשריבן אין העברייאיש, רוסיש, און צולעצט אויך אין יידיש. קומענדיק אין אַמעריקע אין 1886 ווערט ער מיטגעריסן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און הייבט אָן שרייבן אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקס־צייטונג“ דערציילונגען פון אַמעריקאַנער יידישן אַרבעטער־לעבן. זיינע דערציילונגען דאָרט זיינען באַזעלט פון מיטלייד און ליבשאַפט צו די קרבנות פון סוועט־שאַפּ און פון צאָרן און שנאה צו זייערע אונטערדריקער. ער אַגיטירט פאַר אַרבעטער־אייניקייט און טרייד־יוניאָניזם. ער רופט אָבער ניט צו סטרייקס, נאָר צו קאָאָפּעראַטיזון און פּראָפיט־טיילונג. אין זיין ערשטער דערציילונג „אומדערוואַרטע הילף—אַ לעבנס־בילד פון דער אַרבעטער־וועלט“ (2טן יולי, 1886), שילדערט זייפערט די נויט און עלנט פון אַ שניידער־אַרבעטער אין ניו־יאָרק. אין דער אַלטער היים איז אָט־דער אָפּעריי טאָר (שטעפּער) געווען אַ לערער. זיין באָס איז דאָרט געווען אַ „זינגערל ביי אַ קליינשטעטלדיקן חזן“. אין אַמעריקע אָבער ווערט דער זינגערל אַ דערפאָלג־רייכער באָס, ווייל ער פאַרשטייט „די קונסט זיינע מיטמענטשן אויסצוזויגן, לעבן פון פרעמדער שמאַלץ און פון פרעמדע בלוט, טרינקען יענעמס שוויס און דעריבער איז ער אַלץ פעטער און פעטער געוואָרן און זיינע אַרבעטער מאָגערער און דינער“. זייפערט אילוסטרירט אויך דורך אַ ריי בילדער דעם קאָנטראַסט צווישן די שוידערלעכע אַרבעט־באַדינגונגען אין דעם שניידער־שאַפּ און דעם לוקסוס און פּראַכט ביים שניידער־באָס אין הויז. ער מאָלט אויך אָפּ דאָס אָנטאָן פון באָס ווען ער גייט אין טעאַטער:

„ער האָט געטראָגן אַ פיינעם ראָק און הויזן פון די בעסטע פראַנצויזישע דראַפּ. אויף זיין ווייסער וועסט פון ענגלישער פּיקע האָט געגלאַנצט אַ שווערע גאָלדענע קייט. אין זיינע העמד־לעכער און אויף זיינע פינגער האָבן געפינקלט אין אַלע רעגנבויגן־פאַרבן גרויסע בריליאַנטן און אין קנאָפּ־לאָך פון זיין שוואַרצן פראַק איז געזעסן אַ פרישע ראָזע.“

דער אָרעמער שניידער־אַרבעטער און זיין הויזגעזינט ווערן געראַטעוועט פון אונטערגאַנג דורך זייער פריינט, דער „סאָציאַליסט“, ניט דורך דעם וואָס

יענער אָרגאַניזירט די אַרבעטער און העלפט זיי דורכפירן בעסערע באַדינגונגען אין זייערע שעפער, נאָר דורך אַ נס: דורך דעם וואָס ער געווינט אין דער לאָטעריי... וואָרים זייפערטס סאָציאַליסט איז ניט קיין קלאַסנקעמפער, נאָר אַ סאָציאַל־רעפאָרמער. צום ביישפּיל, ער דערקלערט, אַז

„די צוויי לייט: קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל — — — זיינען פאַר אונדזערע אַרבעטער די זעלביקע וואָס משה רבינו איז אַמאָל געווען פאַר אונדזערע עלטערן אין מצרים. משה רבינו האָט די יידן געגעבן אַ רעליגיאָן און קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל האָבן אַראָפּגענומען די שווערע קייטן פון דעם גאַנצן מענטשנטום און האָבן אים געגעבן אַן אַנדער רעליגיאָן, וואָס זי הייסט פרייהייט, גלייכהייט און ברידערשאַפט."

אַלס גוטהאַרציקער פילאַנטראָפּ עפנט דער דאָזיקער לאָטעריי־געווינער אַ שניידער־שאַפּ, וואו ער טיילט די פּראָפיטן מיט די אַרבעטער און נעמט אַריין זיין פריינט, דעם אינטעליגענטן אָפּערייטאָר פאַר אַ שותף...

די שטימונג פון די יידישע אַרבעטער פון די אַכציקער יאָרן ווערט אויך אויסגעדריקט פון אַ שרייבער, וואָס האָט געשריבן דערציילונגען אונטערן נאָמען יעקב בן דוד. זיין מאָנאָלאָג „אַ קליינע געשיכטע" (30טן יולי, 1886) שילדערט אַ קראַנקן אַרבעטער, וואָס איז שטאַרק באַזאָרגט איבער דער צו־קונפט פון זיינע קינדער. מיט אַמאָל זאָגט מען אים אָן די בשורה, אַז אַלע אַרבעטער פון זיין שאַפּ זיינען אַרויס אין סטרייק. זיין שאַפּ־חבר, וואָס זאָגט עס אים אָן, פרייט זיך: „מיר וועלן מער קיינע שקלאַפן זיין." דער חולה אָבער ווערט צוערשט שטאַרק אומרואיק. דאָס וואָרט סטרייק שטייט פאַר זיינע אויגן ווי אַ „שרעקלעכע באַשעפעניש". עס דערשרעקט אים און פאַראַלי־זירט אים. עס קומט אים אויפן זינען „די שרעקלעכע לאַגע" פון זיין הויז־געזינט: „אָן געלט, אָן אַרבעט, מיט אַ פרוי און פינף קליינע קינדערלעך." זיין פרוי אָבער טרייסט אים: „לאָמיר טראָגן דעם שווערן לאַסט מיט אַלע אַרבעטער גלייך און נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך." אָבער אויך זי איז אין פּרינציפּ קעגן סטרייק. זי האַלט, אַז מיט דעם געלט, וואָס די יוניאָן דאַרף אויסגעבן אויפן סטרייק, זאָל מען ליבער גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוו שאַפּ...

דעם קראַנקן איז דער פּלאַן געפעלן. ער מאַכט צו די אויגן און הויבט אָן חלומען. ער זעט בילדער פון לעבן און קאַמף: מענטשן מיט „וואָלפישע אויגן" באַפאַלן דעם אַרבעטער און „רויבן אַוועק די פּרוכטן פון זיין שווערער, בלוטיקער מיהע". דער אַרבעטער שלאָגט זיך פאַר זיינס, אָבער די ווילדע חיות זיינען שטאַרקער. . . . אָבער נאָך דעם ווי די אַרבעטער פאַרבינדן זיך אין אַ „בונד פון ברודערשאַפט", אין אַ יוניאָן, וואַקסן אויס אין זייער מיטן צוויי מעכטיקע באַשעפענישן: אַ לייב, וואָס אַ „גרויסער, פייערדיקער וואָרט שיינט אויף זיין שטערן: „סטרייק!" און אַ טיגער, וואָס „פלאַמטז פייער

וואַרפט ער פון זיין מויל. די אויגן ברענען ווי צוויי הייסע קוילן און אַ רויטער וואָרט ׳באָיקאָט׳ גלינצערט אויף זיין קאָפּ״...

מיט די צוויי מעכט, „סטרייק״ און „באָיקאָט״, וואַרפט זיך דער אַרבעטער אויף זיינע שונאים. זיי וואָלטן זיכער באַזיגט געוואָרן, זיי קריגן אָבער הילף פון דער פּאָליציי און פון געריכט... ניט געקוקט אָבער אויפן פּאַרלויפיקן נצחון פון דעם אַרבעטערס שונאים, זעט דאָך דער קראַנקער דעם אָנקום פון „ליכ־טיקערע און גליקלעכערע טעג: אָרגאַניזאַציאָן, אייניקייט און פרייהייט זיינען מיט רויטע בוכשטאַבן אויפגעשריבן אויפן הימל״...

(דאָס בילד פון דעם לייב, וואָס אויף זיין שטערן שיינט דאָס פייער־וואָרט „סטרייק״, איז אַן צווייפל גענומען פון דעם אַלט־יידישן פאָלקלאָר, אַז אויפן הימל געפינט זיך אַ חיה, וואָס בייטאָג איז אויפגעשריבן אויף איר שטערן „אמת״ און ביינאַכט — „אמונה״.)

דעם אַרבעטערס שרעק פאַרן סטרייק איבער דער אַריינמישונג פון דער פּאָליציי און דעם געריכט אויף דער זייט פון באָס, און דעם אַרבעטערס חלום אויסצומיידן דעם קלאַסנקאַמף, דאָס סטרייקן און פּיקעטן דורך אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַטיווע שעפּער, פאַרשווינדן ביידע מיט דעם וואוקס פון דער יוניאָן און מיט דער פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק. אין די אַכציקער יאָרן אָבער, אין דער צייט פון די ערשטע פּרוּוון צו אָרגאַניזירן דעם אימי־גראַנטישן סוועט־שאָפּ אַרבעטער, האָבן זיך אַזוינע שטימונגען געפילט אין פיל אַרבעטער־שאַפונגען.

* * *

אין די אַכציקער יאָרן האָט אויך געשריבן פּראָזע דער דיכטער דוד גרינ־בערג פון סינסינעטי. אין דער אַלטער היים, אונטער זיין פריערדיקן נאָמען דוד זאַהיק, האָט ער געשריבן אין העברייאיש, יידיש און רוסיש. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ משכילישע פּיעסע: „די ראָזע צווישן די דערנער״ — „איין טהעאַטער אין 4 אַקטן״. צענזורירט אין קיעוו 1883, געדרוקט אין פּעטריקאָוו, 1884. קומענדיק אין אַמעריקע אין די אַכציקער יאָרן ווערט ער, ווי אַ ריי אַנדערע שרייבער פון יענער צייט, מיטגעריסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין זיין „דאָס יאָרן־באַגעגעניש״ (13טן נאָוועמבער, 1886), אַ דיאַלאָג צווישן דעם פאַרגאַנגענעם יאָר (תרמ״ו) און אָנקומענדיקן (תרמ״ז), מאָלט גרינבערג מיט שוואַרצע פאַרבן די „פאַלשע, וויסטע וועלט״ פון יענער צייט, וואו עס געפינען זיך „טייוולען אין מענטשן־געשטאַלט״:

„מר. ׳אמת׳ ליגט ניין איילן אין דער ערד באַגראָבן און מר. ׳שקר׳ איז דאָך געשטיגן ביז צום זיבעטן הימל, אין וועלכן עס זיצט דער קאַפּי־טאַליסטישער גאָט־דאָלאַר אין אַ גאָלדענעם פּאַטעל און לעבן אים זיצן זיינע

צוויי מיניסטאָרן : 'עקספּלואַטירונג' (אויסבייטונג) און 'עגאָאיזמוס' (אייגן־ליבע), וועלכע זינד אויך די טרעגער פון דעם שענדלעכן, מערדערישן, מיט בלוט־געשריבענע פיר ווערטער : 'אָלה־כּחש־רצח־וגנב' (פאַלש־שווערן, פאַר־לייקענען, מאָרדן און גנבענען)."

די דיכטונג אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקס־צייטונג" איז די ערשטע פּאָר חדשים געווען שוואַכער ווי די פּראָזע. דערפאַר אָבער באַווייזט זיך דאָרט סוף יאָר 1886 אַ דיכטער, וואָס איז געשטיגן העכער פון יאָר צו יאָר ביז ער שטייגט אויך אַריבער זיינע לאָנדאָנער מייסטער. דאָס איז געווען דער שניידער־אַרבעטער מאָריס ראָזענפעלד.

8

מאָריס ראָזענפעלד (1862—1923) איז געווען דער ערשטער באַדייטנדיקער דיכטער פון פאַבריק־ און שאַפּ־לידער אין דער יידישער שפּראַך. געבאָרן אין ליטע ביי אַ פּאַטער אַ שניידער, אין אַ דאָרף נאָענט פון סוואַלק, נעמט זיך ראָזענפעלד אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן פאַר דער זעלביקער אַרבעט אין דער עמיגראַציע, פריער אין ענגלאַנד און נאָך דעם אין אַמעריקע. ער אַרבעט אַרום 20 יאָר מיט נאָדל און אייזן — אַלס אָפּערייטאָר (מאַשין־שטעפּער) און פּרעסער אין די שניידער־פאַבריקן און סוועט־שעפּער אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק.

אין לאָנדאָן ווערט מאָריס ראָזענפעלד אַריינגעצויגן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. קומענדיק אין אַמעריקע אין הארבסט 1886, שליסט ער זיך אָן אין די האַלב־אַנאַרכיסטישע גרופּעס „פּיאָנערן פון פרייהייט" און „ריטער פון פרייהייט", וואָס פלעגן זאַמלען פאָנדן פאַר דער דעמאָלט־באַליבטער יידישער אַרבעטער־צייטונג אין לאָנדאָן, „דער אַרבעטער־פריינט".

אַלס שאַפּ־אַרבעטער אין לאָנדאָן האָט מאָריס ראָזענפעלד, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, פאַרפאַסט אַלערליי אַרבעטער־לידער. זיי זיינען געזונגען און דעקלאַמירט געוואָרן פון מאַסן אַרבעטער. ער האָט אויך געמאַכט אַ פּרואוו אָנצושרייבן זיינע לידער אויפן פּאַפּיר און האָט זיי געשיקט צום „פּוילישן יידל" און צום „אַרבעטער־פריינט". די רעדאַקטאָרן פון יענע צייטונגען, מאָריס ווינטשעווסקי און פיליפּ קראַנץ, האָבן אָבער געהאַלטן ראָזענפעלדס ערשטע לידער פאַר ניט־דרוקבאַר. זיינע הענט האָבן דעמאָלט מער זיך אויס־געטייגט צום נייען און פּרעסן, איידער צום שרייבן. דערצו זיינען אים דעמאָלט נאָך אויך פרעמד געווען אַפילו די סאַמע עלעמענטאַרסטע כּללים פון פּאָעזיע. ביסלעכווייז אָבער האָט מאָריס ראָזענפעלד דערלערנט ווי אַזוי ריכטיק אָנ־צושרייבן זיינע לידער און קומענדיק אין אַמעריקע קריגט ער די מעגלעכקייט זיי צו פאַרעפנטלעכן אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקס־צייטונג".

אין זיינע ערשטע לידער דאַרט גיט נאָך ניט ראָזענפעלד קיין שאַפּ־ביל־דער. ער זינגט, אויף ווינטשעווסקיס שטייגער, וועק־לידער און קאַמף־לידער. זיין ערשטע ליד וועגן דעם פאַרגייענדיקן יאָר (17טן דעצעמבער, 1886), איז אַ וועק־ליד. ער וועקט דאָס יידישע פאָלק אויפצושטיין „געשווינט״ פון שלאָף. ראָזענפעלד אונטערשיידט זיך דאָרט אָבער ראַדיקאַל פון די משכילימשע וועקער. ער רופט ניט, ווי זיי, לויט צונזערס אויסדרוק, „איינצואוואַשן זיך—מיט זייף און בילדונג־קלאָסן״ און „ווערן אייראָפּייאיש אויסגעקליידט״. דער שאַפּ־אַרבעטער מאָריס ראָזענפעלד רופט זיין פאָלק, דאָס פאָלק וואָס פּראָצעוועט, צום „וועלט־קאַמף״ מיט אַלע „ברידער״ (אַרבעטער) צוגלייך, כדי אַ סוף צו מאַכן „צו אָרעם און רייך״. אויך זיין אַטאַקע קעגן די רבנים מאַכט מאָריס ראָזענפעלד ניט פון די פּאָזיציעס פון דער בירגערלעכער השכלה, נאָר פון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף. ער אַטאַקירט די רבנים הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווייל „זיי שפּילן פאַרשטעלט זייער ראָליע אַצינד״ און רעדן איין דאָס פאָלק, אַז עס ליידט פאַר זיין „זינד״...

אין פרילינג 1888 הייבט אָן ראָזענפעלד מיטאַרבעטן אויך אין „אַרבעטער־פריינט״. אָבער אויך אין זיינע לידער דאָרט שילדערט ער נאָך ניט דעם שאַפּ. ער טרעט דאָרט אַרויס שאַרף קעגן דער „אַלטער סיסטעמע״, ער רופט די „אַרבעטסלייט״ ניט צו זיין „פאַרשלאָפן״, ווייל זיי האָבן ניט אויף וועמען צו האָפן, נאָר צו קעמפן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער וואָרנט די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע, אַז איר „יוסטיץ־מאָרד אין שיקאַגאָ״ (די באַקאַנטע „הימאַרקעט־טראַגעדיע״) וועט איר ניט ברענגען קיין גוטס, ווייל די פיר מענער, וואָס זי האָט געהאַנגען, זיינען ניט „פאַרגאַנגען״. און ער מאַכט דעם אויספיר: „נאָר דעם קערפּער האָט איר געקוועלט״ (געמוטשעט), „דעם גייסט קאָנט איר ניט פאַרניכטן״. מיט זיינע שאַפּ־לידער טרעט אַרויס מאָריס ראָזענ־פעלד צום ערשטן מאָל אין זיין ביכל „די גלאָקע״ (ניו־יאָרק, 1888).

אין יענער צייט איז אין אַמעריקע נאָך ניט געווען קיין מחיצה צווישן פּאָעזיע און פּובליציסטיק אין דער יידישער פּרעסע. אַזוי האָבן דעמאָלט גע־שריבן לידער אויך אַזוינע זשורנאַליסטן ווי האַרקאַווי, הילקוויט, הערמאַלין, וויערניק, מעריסאָן, פּאַליי, ראַיעווסקי, קאַהאַן, שור א. ד. גל. ס׳איז דעריבער געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז מאָריס ראָזנפעלד זאָל האָבן באַלד דערפילט, אַז זיינע לידער שטייען פיל העכער פון די פּובליציסטישע פערזן פון אַנגעזעענע משכילים און אינטעליגענטן.*) ער וואָגט דעריבער שוין אין האַרבסט, 1888,

*) יאָרן שפּעטער האָט מאָריס ראָזענפעלד אַפילו אַמאָל געזאָגט צו ווינטשעווס־קין: „איר שרייבט בעסער פון מיר, נאָר איך בין אַ גרעסערער דיכטער פון אייך.״ („מאָריס ווינטשעווסקי, זיין לעבן און שאַפן״, פון קלמן מרמר, פאַרלאַג „פרייהייט״, ניו־יאָרק, 1928, זייט 303.)

קאַרגע צוויי יאָר ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן, אַרויסצוטרעטן מיט אַ ביכל לידער. דער לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" האָט דאָס ביכל באַצייכנט אַלס „זאַמלונג פון רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע" און באַטיטלט דעם דיכטער אַלס „יונגער רעוואָלוציאָנערער פאָלקס־פּאָעט".

די „גלאָקע", ראָזענפעלדס ערשטלינג־ביכל, אַנטהאַלט נאָענט פון 30 לידער. עס האָט מאָטאָס פון היינע און בערנע, וויליאַם מאָריס און אַלבערט פּאַרסאָנס. די מערסטע לידער זיינען רעוואָלוציאָנערע. צווישן זיי כמעט אַלע לידער, וואָס ער האָט געדרוקט אין „אַרבעטער־פריינט". דאָס נייע אין זיינע לידער דאָרט איז דער אָפּטייל „לעבנס־בילדער", וואו ער שילדערט שוין אויך דעם שניידער־שאַפּ. פאַראַן שוין דאָרט זיין באַרימט ליד פון דער ניו־יאָרקער יידישער אָרעמשאַפט, „די ליכט־פאַרקויפערין".

די ליכט־פאַרקויפערין, אַן אָרעמע אַלמנה, דערציילט דאָרט ראָזענפעלד, איז געזעסן „אין העסטער סטריט לעבן אַ באַרל [פעסל] פול מיסט" און גע־רופן: „יודן, קויפט ליכט!"" — „קויפט, יודן, ליכט לכבוד שבת וועגן!" — „שבת־ליכט, ווייבער, פינף פאַר דריי סענט!" — „קויפט, ווייבערלעך, קויפט!" דערביי באַמערקט דער אַרבעטער־דיכטער, אַז ווען דער ליכט־פאַרקויפערינס מאַן האָט „געלעבט, געאַרבעט, פאַרדינט", פלעגט די דאָזיקע יידישע אַר־בעטער־פרוי אַ גאַנצע וואָך שפּאָרן כדי דעם שבת „צו באַשיינען". די שוואַכע אויסגעהונגערטע אַלמנה ברעכט צוזאַמען פאַרקויפנדיק, ריכטיקער, ניט קאָנענדיק פאַרקויפן אירע שבת־ליכט. דער אַרבעטער־דיכטער באַנוצט אָבער ניט די דאָזיקע טראַגעדיע פאַר אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. ער באַקעמפט ביטער די פאַלשע רעליגיעזע פירער, וואָס שטייען אויף דער זייט פון די סוועט־שאַפּ־באָסעס. ער איז אָבער זייער מילד צו דער פרומקייט פון די ערלעכע אויפריכטיקע יידישע פאָלקס־מאַסן. ער באַשולדיקט זיי ניט אין האַרצלאָזיקייט פאַר זייער ניט אָפּשטעלן זיך לעבן דער אלמנה צו קויפן ביי איר שבת־ליכט, ווייל „לכבוד דעם הייליקן שבת איילט יעדער געשווינד". ער שילדערט אויך מיט פּיעטעט די רעליגיעזע אַטמאָספערע, וואָס האָט גע־הערשט אויף דער יידישער „איסט־סייד" אין די אַכציקער יאָרן:

„דערווייל פון הויכן הימל קומט צו שוועבן
די ליבע מלכה—שבת אין איר פולן פּראַכט,
באַגייסטערט, מילד ווערט דאָס יידיש לעבן,
הימל־רייך שיינט די שול פּרייטיק צו נאַכט..."

נאָכן דערשיינען פון מאָריס ראָזענפעלדס ערשטן לידער־בוך ווערט זיין דיכטונג אַלגעמיין אָנערקענט. עס עפענען זיך פאַר אים אַלע יידישע אויס־גאַבעס. ער ווערט דער הויפּט־דיכטער פון דעם דעמאָלט־פּראָגרעסיוון

„פאָלקס־אַדוואָקאַט" (1888—1890). ער שרייבט אויך גלייכצייטיק מיט עדעל־שטאַטן אין דער אַנאַרכיסטישער „וואָרהייט" און אין דעם אומפּאַרטייאיש־סאָציאַליסטישן „מאָרגנשטערן" און אין דער דעמאָלט ניי־געגרינדעטער „אַרבעטער־צייטונג". ביים סוף פון די אַכציקער יאָרן האָט ראָזענפעלד שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט איבער 150 לידער, צווײ ביכלעך פּאָעזיע („די גלאָקע" און „די בלומענקעטע") און אַ צענדליק זאַכן אין פּראָזע, צווישן זיי עטלעכע רעאַליסטישע שניידער־דערציילונגען.

* * *

מאָריס ראָזענפעלדס שניידער־דערציילונגען פון די אַכציקער יאָר צייכע־נען זיך אויס מיט זייער רעאַליזם. ראָזענפעלד טרייבט ניט איבער די שלעכטסקייט פונעם יידישן שניידער־באָס, כאָטש ער, דער אַרבעטער־דיכטער, האַסט אים און אַגיטירט פאַר דעם אונטערגאַנג פון דער בלוטזויגערישער „סועטינג"־סיסטעם. פון דער אַנדער זייט שאַנעוועט אָבער אויך ניט ראָזענ־פעלד די צוריקגעשטאַנענע יידישע אַרבעטער, וועמעס לעבן ער וויל זען פאַרבעסערט און פאַרשענערט. מאָריס ראָזענפעלד באַשרייבט די ווילדקייט פון די „וואוילע יונגען" אינעם שאַפּ, וועלכע טוען אָפּ אַלערליי שפּיצלעך צו די אָרעמע פעדלער, וואָס קומען דאָרט פאַרקויפן זייער ביסל וואַרע. ער מאָלט אָפּ דעם ליידאַק, וואָס שטעלט זיך דאַוונען אין שאַפּ און רעדט דערביי גראָבע רייד; וואָס קושט די תפילין און טשעפּעט זיך גלייכצייטיק צו די אַרבעטער־מיידלעך.

אין זיין דערציילונג „דער נאַכט־וואַנדלער" — „אַ בילד פון די שניידער־אַרבעטער" („וואָרהייט", 19טן אַפּריל, 1889), שילדערט ראָזענפעלד, ווי דער אַפּערייטאָר גייט פאַרטאָג צו דער אַרבעט און פאַרשווינדט אין דער פינצטער־קייט פון שמוציקע געסלעך. אין אַן אַנדער שניידער־דערציילונג, „דער וואָרק־שאַפּ" (דאָרט, 3טן מאַי), באַשרייבט ראָזענפעלד אַ פרימאָרגן אינעם ענגן סוועט־שאַפּ: „אָרעמע מיידלעך זיצן איינגעהויקערט און נייען זייער שנעל."
ווען דער באָס קומט אָן, שרייט ער פון דעסטוועגן: „גיכער, גיכער!"

פאַרבנרייכער איז ראָזענפעלדס בילד פונעם סוועט־שאַפּ אין זיין שניידער־דערציילונג „אַ קריסטמעס־פּרעזענט" („פאָלקס־אַדוואָקאַט", 24טן יאַנואַר, 1890). ער שילדערט דאָרט אַ „דאַנערשטיק ביינאַכט, אין וועלכער מען מוז די אַרבעט ענדיקן", אינעם סוועט־שאַפּ, אויפן „טאַפּ־פלאָר" (דאַך־שטיבל) פון אַ „פאַררויכערטן און פאַרשמוצטן טענעמענט־הויז פון העסטער סטריט" — „פאַרוואָרפן ווייט פון לופט און ליכט". דאָרט „פינדעשט" (פאַרענדיקט) מען איצט (די נאַכט פאַר קריסטמעס) „דעם דריטל טאָג אַרבעט, אויף וועלכער מען אַרבעט שווער און ביטער פון זונטיק אָן. די גאַז איז אין שאַפּ איז אָנגעצונדן, עס איז ליכטיק. די מאַשינען לויפן מיט אַ טייוולשער געשווינדקייט! די

פּרעסער קלאַפּן מיט די שווערע אייזנס. — — — אין א ווינקל זיצט אַ שניידער, פאַרדרייט די היטלקע אויף הינטן און זינגט דאָס ליד פון „שבת מאַכן". אַ ביסעלע ווייטער שטייען עטלעכע בייסטערס און צאַפּלען זיך ווי פאַרן טויט... זיי פּרעסן און נייען צוגלייך און טוען אויך פון צייט צו צייט אַ ביס אַ שטיק טרוקענע ברויט — — — זיי טוען אַ ביס און אַ פּרעס; אַ פּרעס, אַ ביס און אַ קרעכץ... דער עלטסטער אַרבעטער אינעם סוועט־שאַפּ, „מאַקס דער אָפּערייטאָר", וועמענס „רויטע און קראַנקע אויגן זיינען יעצט פאַרדעקט מיט אַ פּאָר בלויע ברילן, ווייל זיי קאָנען שוין מער אין ליכט ניט קוקן", שרייט אויס, שפּעט ביינאַכט:

„העי! סטאַפּט [הערט אויף] מיט די מאַשינען! העי, סעי, ברידער, איר ווייסט, אַז נאָך שבת מיטוואָך איז ניי יאָר [1890] ? און וועגן אַ קריסט־מעס־פּרעזענט פאַרן באָס איז נאָך ניט גערעדט געוואָרן? זאָגט: ער האָט עס אפשר ביי אונדז ניט פאַרדינט?"

„אָ, יעס, אָ יעס!" שרייען אויס אַלע אַרבעטער און אַן אָפּערייטאָר, וועל־כער הינקט אויף אַ פוס, כאַפּט אונטער: „געוויס מוז מען מאַכן אַ קריסטמעס־פּרעזענט פאַרן באָס, ווען ניט וועט מען מיינען, אַז מיר זיינען גרינהאָרנס..." אַן אַנדער אַרבעטער, וועלכער מעקעט צו אַ ביסל, זאָגט: „מיין פאָרשלאָג איז, מען זאָל קויפן דעם באָס אַ גאָלדענעם רינג אויף וועלכן עס זאָל שטיין אויסגעקריצט זיין נאָמען און דער נאָמען פון דער מיסעס."

אַ מיידל, „אויסגעדאַרט און אויסגעבלייכט, וועלכע האָט ביז איצט גע־זונגען דאָס ליד: „וועהער דיד יו געט טהאַט העט?", באַמערקט, אַז אַזאַ מין פּרעזענט „האָבן מיר דאָך פאַראַיאָרן געמאַכט". דער איינציקער סאָציאַליסט אינעם סוועט־שאַפּ — „אַ דאַרער, אויסגעבלייכטער פּרעסער, וועלכער האָט שטילערהייט געקרעכצט די פראַנצויזישע „מאַרסעליעזע", רופט דאַן אויס מיט אַן ערנסטן טאָן:

„ברידער, וואָס טויגן אייך דיזע אַרגומענטן מיט די פּוסטע רייד? מאַכט בעסער אַ סוף פון דער אַרבעט און גייט צוהיים אָפּרוען אייערע קראַנקע גלידער. פאַרגעסט ניט, אַז דער זייגער איז שוין באַלד צוועלף."

ווען עס ווערט פאַר די אַרבעטער קלאָר, אַז אָט דער פּרעסער איז קעגן דאָס קויפן אַ קריסטמעס־פּרעזענט פאַרן באָס, שרייען אויס עטלעכע פון זיי, אַז ער איז אַ „ציציליסט", איינער פון די „באַלניקעס", פון די „יום־כפּור־טענצער". די אַרבעטער ווילן כלל ניט הערן זיינע רייד און באַשליסן צו קויפן פאַרן באָס אַ קריסטמעס־פּרעזענט — אַ „שטעקל מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ". דער אויפגעקלערטער אַרבעטער זעט אין אָט דעם פּרעזענט אַ סימבאָל פון קנעכט, וואָס גיבן אַליין זייער האַר דעם שטעקן זיי צו שלאָגן...

די לאַגע פון דעם אַלטן „אָפּגעניצטן" סוועט־שאַפּ־אַרבעטער, וואָס ראָזענ־

פעלד האָט באַשריבן אין אַ ריי לידער, האָט ער אויך געשילדערט אין איינער פון זיינע שניידער־דערציילונגען פון די אַכציקער יאָרן, מיטן נאָמען „די אַלטע האַנט": דער פּרעסער שלמה יוזניק שוויצט אָפּ זיבעצן יאָר אינעם סוועט־שאָפּ פון זיין באָס קראַספּיצקי. ער האָט שוין ניט מער קיין כח אויפֿצוהויבן דעם פּרעס־אייזן. קומט ער צו זיין באָס (וועלכער האָט אין די זעלביקע 17 יאָר זיך דערוואָרבן אַ חוץ אַ גרויסע פאַבריק אויך אַ סך לאַנד־אייגנטום), בעטן די שטעלע פון אַ „דזשעניטאָר" (הויז־אויפפּאַסער) אין איינעם פון זיינע טענעמענט־הייזער. דער באָס פאַרשטייט אָבער כלל ניט, וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו אים אָט דער אַלטער פּרעסער? פאַרלירט קראַספּיצקי זיין געדולד און פאַרהאַקט די טיר פאַר זיין אַלטן אַרבעטער.

אַלס דיכטער האָט ראָזענפעלד די מערסטע פון זיינע שניידער־בילדער געשילדערט אינעם ליד. זיינע דערציילערישע לידער פון די אַכציקער יאָרן: „די שניידער־וועטע", „פריינקל" און אַנדערע, זיינען אַזוי ווי זיינע פּראָזע־דערציילונגען עכט לעבנס־בילדער פון יענער צייט.

„די שניידער־וועטע" — „אַ בילד פון דעם ניו־יאָרקער אַרבעטער" (דאָרט, 22טן פעברואַר, 1889), הויבט אָן ראָזענפעלד מיט אַן אַלגעמיינעם בילד פונעם סוועט־שאָפּ, זיין טרויעריקן אויסזען און שלעכטע אַרבעט־באַדינגונגען:

„מאַן קומט שוין יעצט פאַרטאָג אריין,
אונד צוועלף ביינאַכט גייט מאַן אוועק,
יעדער וויל אַלץ שנעלער זיין —
מאַן כאַפּט, ווייל באַלד קומט אָן דער סלעק..."

אין אַזאַ טאָג פאַרוועטן זיך אינעם סוועט־שאָפּ צוויי שניידער: ווער וועט ענדיקן די אַרבעט „מער געשווינד" אוןביידע פליען ווי אַ „שטורעם־ווינט"... איינער פון זיי איז שוין „גאַנץ בלאַס ווי אַ טוך" און „צאַפּלט מיטן לעצטן דוך"... דער באָס „קייכט פון לאַכן"... „אים איז אַנגענעם זאַלכע זאַכן". די פּרעסער־אַרבעטער קוקן אויף דעם ווי אויף ספּאָרט און ראַטן דעם שוואַכן שטעפער זיך צוצויאָגן. דער סוף איז, אַז ער ברעכט צוזאַמען.

טראַגיש פאַרענדיקט זיך אויך דאָס לעבן פון דעם פּרעסער אינעם ליד „פרענקל" (דאָרט, 25טן אַפּריל, 1890). דער פּרעסער, פרענקל, פאַרוועט זיך ניט מיט קיין צווייטן פּרעסער. ער יאָגט זיך אַליין אַרויס די נשמה, כדי צו פאַרדינען גענוג געלט חתונה צו האָבן. ער קאַרגט פון זיין עסן, שפּאָרט אַ פּעני צו אַ פּעני. ער קויפט פאַר זיין כלה „גאָלדענע בראַנסלעטן". ער נעמט די און די אַנדערע צירונג ביי אַ „קאָסטאָמער פּעדלער" אויף אָפּצוצאָלן און

צאָלט „צען מאָל דעם ווערט". דער רעזולטאַט איז, אַז ער פאַלט אַוועק אין דעם טאָג פון זיין געטרוימטן גליק.

* * *

זייער ווייניק פון די בויער און שאַפער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנסערוואַטיווער פּרעסע. די „ניו־יאָרקער „יודישע ציטונג" אין אונגאַרישן יידיש פון מאָריס וועקסלער (1885—1889) האָט אַרום זיך ניט געקאָנט גרופּירן די שאַפער פון אַ מאָדערנער ליטעראַטור אין יידיש. אויך די מיטאַרבעטער פון „טאָגעבלאַט", „גאַזעטן", „וואָכנבלאַט" א. ד. גל. אויסגאַבעס פון די 80ער יאָרן (י. ד. אייזנשטיין, יוליוס בלומענזאָן, ב. מ. גאָלדאָווסקי, יעקב האַכשטיין, יעקב מאָריסאָן, א. ד. גל.) האָבן, אַ חוץ זעליקאָוויטשן, זייער ווייניק בייגעטראָגן צו דער בויאונג און שאַפונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. וועלנדיק זיין מיט לייטן גלייך, קויפט דער אַרויסגעבער פונעם „טאָגעבלאַט" עטלעכע לידער פון מאָריס ראָזענפעלד. מעגלעך, אַז שרהזאָהן האָט דורך דעם געהאָפט צו געווינען אויך אַרבעטער־לייענער. ראָזענפעלד קריגט דערפאַר אַ גאָב אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקס־ציטונג", נאָר שרהזאָן געווינט דורך דעם גאָרניט. די אַרבעטער האָבן זיך אין יענע יאָרן גרופּירט אַרום די פּראָגרעסיווע ציטונגען און שוין אָנגעהויבן אויך שאַפן זייער אייגענע פּרעסע. כאַראַקטעריסטיש פאַר ראָזענפעלדן איז אָבער זיין דערקלערונג אין „טאָגעבלאַט", אַז פריילעכע לידער וועט ער זינגען ערשט „דאַן ווען דער אַרבעטער ערוואַכט" און ווען די סיסטעם ווערט אומגעבראַכט"... ראָזענפעלד זינגט שפּעטער אויך ציוניסטישע לידער, נאָר אין די אַכציקער יאָרן איז ער געווען מער־ווייניקער אויסגעהאַלטן סאָציאַליסטיש, און ווען שמואל יעקב הערמאַן פאָדערט אים אויף אין אַ ליד צו שרייבן ציון־לידער, ענטפערט אים ראָזענפעלד מיט אַ ליד „דער תירוץ" (דאָרט, 17טן יאַנואַר, 1890), אין וועלכן ער דערקלערט, אַז זיין אידייע איז:

„פרייהייט און גלייכהייט — קיין סעקטן און קלאַסן,
וואו ניט מער קיין ייד און קיין קריסט,
וואו מער קיין פאַרשיידענע נאַציעס און ראַסן,
דאָרט אהין שטרעבט דער סאָציאַליסט.

„וואָרום איך באַזינג ניט די פעלדער פון ציון
איז אויך ווייל איך בין סאָציאַליסט.
איך זע דאָרט אין ציון, פון וויטנס שוין בליען,
דעם יידישן קאַפּיטאַליסט..."

9

אַן אַנדער גרויסער דיכטער, וואָס איז אויך געקומען פון שאָפּ און האָט באַלד פאַרנומען אַן ערשט־ראַנגיקן פּלאַץ אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור פון זיין צייט, איז דוד עדעלשטאַט.

דוד עדעלשטאַט (1866—1892) פאַרנעמט גאָר אַ באַזונדער פּלאַץ אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקייט דויערט קנאַפּע פיר יאָר. זיינע ערשטע לידער דערשיינען אין יאָר 1889. צוויי יאָר שפּעטער ווערט ער קראַנק אויף שווינדזוכט, ער ראַנגלט זיך מיטן טויט איבער אַ יאָר צייט און שטאַרבט אַוועק דעם 17טן אָקטאָבער, 1892, אין עלטער פון 26 יאָר. אין אָט־דער קורצער צייט פון זיין שאַפן האָט דער יוגנט־לעכער פּראָלעטאַרישער דיכטער באַוויזן איינצוקריצן זיך טיף אין די הערצער פון די קעמפערישע יידישן אַרבעטער־מאַסן אין אַלע טיילן וועלט.

דוד עדעלשטאַט איז געווען אין פולן זין פון וואָרט אַ פּיאָנער פון יידישן אַרבעטער־ליד. ער האָט געמוזט אַליין אויסטרעטן זיין וועג. געבאָרן און דער־צויגן אין אַן עכט־רוסישער שטאָט (קאַלוגאַ), איז עדעלשטאַט געווען ווייניק אָדער גאָרניט באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט. ער האָט געלייענט און געשריבן אין רוסיש, אויף וועמעס ליטעראַטור ער האָט זיך גייסטיק אַנטוויקלט. אין עלטער פון 16 יאָר (1882) קומט דוד עדעלשטאַט קיין אַמעריקע. ער געפינט דאָ ניט קיין שום ליטעראַטור אין יידיש, וואָס איז ווערט אָט־דעם נאָמען. אַרבעטנדיק אין אַ שניידער־שאָפּ, דערלערנט ער די יידישע שפּראַך, ניט גענוג אָבער זיך אויסצודריקן ליטעראַריש אין יידיש. ערשט ביי דער גרינדונג פון דער „וואָרהייט" אין 1889 באַווירקן אים זיינע אַנאַרכיסטישע חברים אויפצושרייבן אַ ליד אין יידיש. ער ווייזט באַלד אַרויס די פּיאיקייט אויסצודריקן זיך אין יידיש איינפאַך און קלאָר. צוויי פון זיינע לידער, געשריבן אין די ערשטע עטלעכע וואָכן פון זיין שאַפן אין יידיש — „אין קאַמף" און „מיין צוואה" — ווערן נאָך היינט פיל געזונגען. עדעלשטאַט גייט איבער ביסלעכווייז אינגאַנצן פון רוסיש צו יידיש און ווערט איינער פון די פּיאָנערישע בויער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. ער דריקט זיך אויס ניט נאָר אין לידער, נאָר אויך אין דערציילונגען, סאַטירעס, פעליע־טאָנען און אין אַ פּובליציסטיק, וואָס דערמאָנט אין ק. גאַלאַפּס (דער יונג־פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פונעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינט"), און האָט צו זיך, אין יענער צייט, אין אַמעריקע, קיין גלייכן ניט מיט איר פלאַמענדיקער שפּראַך און פּאַטאָס.

דער „משוגענער פילאָסאָף" (ווינטשעווסקי), ראָזענפעלד און עדעלשטאַט פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור פון די

אַכציקער יאָרן. גלייכצייטיק האָבן אָבער אויך מיטגעווירקט אַזוינע דיכטער, ווי דוד גאָלדשטיין, דוד גרינבערג, זעליקאָוויטש, בערטע נאַגלע א. ד. גל., און אַזוינע פּראָזע־שרייבער, ווי אַפּאָטעקער, הערמאַלין, זאָלאָטאַראָף, זייפערט, טענענבוים א. אַז. וו., וואָס האָבן דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין כמעט אַלע פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבעס.

(פון די צוויי פרויען־שרייבערינס אין די אַכציקער יאָרן, ווערט איינע, בערטע נאַגלע פון פילאַדעלפיע, שפּעטער אינגאַנצן פאַרשוואונדן און פאַרגעסן. די צווייטע, די דערציילערין טויבע סעגאַל, ווערט דערמאָנט נאָר אין פאַרבינדונג מיט איר אַמאָל פּאָפּולערן ראָמאַן „גאָלדעצקע די מלווהטע" (1883) אָדער „די שיינע בייטערין", ווי ער הייסט אין שפּעטערדיקע אויפלאַגעס, וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט נאָך זייענדיק אין ווילנע. אין ניו־יאָרק איז זי זינט 1889 געווען באַקאַנט אַלס צאָן־דאָקטאָר טאַטיאַנאַ (שפּעטער: טילי) סעגאַל. אַ חוץ סקיצן און פעליעטאָנען האָט זי דעמאָלט אויך געשריבן אַרטיקלען איבער יידישע קולטור־פּראָגן, באַזונדערס איבער יידישער דערציאונג. זי איז אויך געווען טעטיק אינעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, וועלכער פלעגט אַמאָל אויך אָפּהאַלטן אַ זיצונג אין איר אָפיס, וואָס זי האָט געטיילט מיט איר מאַן, דר. מ. לעווין.

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע בליט זיך ערשט פאַנאַנדער אין די ניינציקער יאָרן. זי ווערט דעמאָלט אויך אָנערקענט פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט און ווערט דורך איר אַריינגעפירט אין דער וועלט־ליטעראַטור. ס'איז אָבער ניטאָ קיין ספק, אַז די גרויס־אויסגעוואַקסענע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט פיל צו פאַרדאַנקען די פיינע פּיאָנערן־אַרבעט פון די אַכציקער יאָרן, וואָס האָט צוגעגרייט דעם גינסטיקן באָדן פאַר איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

די קוועלן, אויף וועלכע אָט די באַשרייבונג איז באַגרינדעט, זיינען אָנגעגעבן אין מיינע אַרבעטן איבער דער פּרעסע פון די זיבעציקער יאָרן („האַמער", אַפּריל 1926; „פּנקס"—אַמאָפּטויל ייוואָ, 7-1928; „פרייהייט" דעצ. 1923, אַפּריל 1928, 1931); איבערן ערשטן לידער-ביכל אין יידיש און זיין פאַרפאַסער י. צ. סאָבעל („פּנקס", 1928; ל. מ. שטיין-בוך, 1938); איבער די פּיאָנערישע דיכטער, אין מיינע ביכער: „מאָריס ווינטשעווסקי", פאַרלאַג „פרייהייט", ניו-יאָרק, 1928; „דוד עדעלשטאַט", פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935, און איבער מאָריס ראָזענפעלד — אין „פּנקס", 1928; „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע", קיעוו, 1935, און צו זיינע יאָרצייטן און געדענק-טעג, „פרייהייט", 1924, 1927, 1929, 1932, 1937. „אַלמאַנאַך", אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, 1940, מיט צוגאָבן.

די ערשטע יידישע אַרבעטער־לידער אין אַמעריקע

דאָס יידישע אַרבעטער־ליד איז אויפגעקומען אין די אַכציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט. זיין ערשטער דיכטער איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי (אינעם לאָנדאָנער „פוילישן אידל", 1884, און אין אַ באַזונדער ביכל, דאָרט, אין 1885). אין אַמעריקע הויבט זיך אָן דאָס עכטע אַרבעטער־ליד מיט מאָריס ראָזענפעלדס ערשטן ליד, סוף 1886, אין דער „ניו־יאָרקער יידישער פאָלקס־צייטונג". פריער פאַר אים האָבן געשריבן יידישע אַרבעטער־לידער אין אַמע־ריקע ניט קיין דיכטער, נאָר סאָציאַליסטישע אָדער אַנאַרכיסטישע טוער, וועלכע האָבן איינגעזען דעם ווערט פון אַזוינע לידער פאַר דער אויפקלערונג און דער אָרגאַניזירונג פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן.

איינער פון די ערשטע, אויב ניט דער סאַמע ערשטער, אין אַמעריקע צו שרייבן אַזאַ מין פראָפּאַגאַנדע אין גראַמען, איז געווען ס. שורר. נאָך זיין ערשטן פּרואוו צו שרייבן אַפאָריזמען אין גראַמען, אין דער וועכנטלעכער, פּריוואַטער סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישער „ניו־יאָרקער יודישע פאָלקס־צייטונג", טרעט ער דאָרט אַרויס (יולי 8, 1886) מיט אַ ליד פון זעקס אַכט־שורהדיקע סטראָפעס: „איך וויים ניט וואָס איז געפערלעכער", אין וועלכן ער שרייבט אַזוי:

„איך וויים ניט וואָס איז געפערלעכער?
דאָס אומזיכערע לעבן אונטער אָפענעם הימל,
אָדער דער פּריצייטיקער טויט אין ענגע טענעמענט הייזער?
די קנעכטשאַפט פון אַ שקלאַף,
אָדער די „אומאָפּהענגיקייט" פון אַ לוין־ארבעטער?
די פּריינטשאַפט פון אַ באַנקיר,
אָדער דער שמייכל פון אַ שלאַנג?
די בלוטגיריקייט פון אַ טיגער,
אָדער די הערשזוכט פון אַ באָס?"

אין אַן אַנדער ליד זיינס: „די פרייע וועלט!" (אויגוסט 13, 1886), לאַכט אויס ס. שורר די, וואָס זאָגן, אַז „די וועלט איז פריי פאַר יעדן איינעם", און „מ'פאַרווערט ניט קיינעם" צו טאָן וואָס ער „וויל", אַבי ער טוט עס רואיק, „שטיל"... די, וואָס דערקלערן, אַז אויב דער אַרבעטער וועט אַרבעטן פלייסיק, וועט דאָס אים „צום גליק" פירן: דער באָס וועט זיין צופרידן און דער אַר־בעטער וועט זיין פלאַץ „ניט שנעל פאַרלירן". ס. שורר באַמערקט דערצו אַזוי:

„אָבער ווייסט דו אין וואָס באַשטייט דען דיין גליק?
אין דעם וואָס די באָסעס ווערדן אימער מער רייך;
אַרבעטסט פון וואָך, אָדער מיט דער גאַל פון שטיק,
דיין דלות איז זיכער, דיינע זאָרגן זינד גלייך..."

אַ צווייטער שרייבער פון אַט־דעם מין אַרבעטער־לידער האָט זיך אונטער־געשריבן מיט די בוכשטאַבן .X. W. R דער דאָזיקער שרייבער איז מעגלעך געווען דער פּיאָנער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין אַמעריקע, און שפּעטער דר. מעדיצין, טשאַרלס ראַיעווסקי. ער האָט מיר אַמאָל דער־ציילט, אַז ער פלעגט שרייבן „פערזן" אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקס־צייטונג".

דאָס ערשטע לידל פון עקס. וו. ר. איז געווען באַאַרבעט פריי פון דייטש, וועגן דער מאַכט פון געלט. דאָס ליד האָט געהייסן „דער וועלט־פירער" (אויגוסט 13, 1886), און זיך געלייענט אַזוי:

„געלט איז דער קעניג, דער קעניג איז דאָס געלט.
לויבט אים, דעם הערשער, דעם הערשער פון דער וועלט!
זינגט אים שירים, טוט תפילה צו אים,
בויגט זיך, פאַלט אויף די קני,
קריכט ווי ווערים אויף דער ערד פאַר אים,
איר דומע מענטשנפי."

אין אַנדערע לידלעך האָט ער געשילדערט די טרויעריקע לאַגע פון דעם אַרבעטער און אויך פון דעם אָרעמען פּעדלער. דער פּאָליציסט שרייט: „אַהאַ, ביסט געקעטשט!" און דער אָרעמער פּעדלער איז אין „דזשייל פּערזעצט".—

„פאַר וואָס? פאַר ווען? —
זאָגט מיר, איר ברידער!
העלפט ווען איר קענט,
דער יוניאָן גלידער!"

אונטער אַן ענלעכן פּסעוודאָנים (.X.Y.Z) האָט אין די אַכציקער יאָרן אויך געשריבן לידער דער אַנאַרכיסטישער וואָרט־זאָגער דר. הלל זאָלאָטאַראָף. אין זיין ליד „אַ בילד" („וואַרהייט" מאַי 3, 1889), שילדערט ער, אינעם גייסט פון ווינטשעווסקיס ערשטע לידער, דעם הונגער־טויט פון אַן אַרבעטער־פרוי:

„שוואַך ברענט אַ ליכטעלע דאָרטן אין צימער,
נאַס און פאַרשימלט זיינען די ווענט;
ביים בעט איינגעבויגן, אין דחקות און קימער,
זיצט איינער, דאָס פּנים פאַרדעקט מיט די הענט.

ער זיצט פאַרזאָרגט, פאַרצווייפלט, פאַרטראַכט,
אים דוכט זיך, אָ, עס איז קיין טעות!
דאָרט ראַנגלט זיך, נעבעך, פון הונגער פאַרשמאַכט
זיין פרוי מיט דעם מלאך המות.״

ווייניקער דיכטערישקייט, ווי ביי דר. זאַלאַטאַראָף, געפינט זיך אינעם ליד פון דעם אַנאַרכיסטישן טעאָרעטיקער דר. י. א. מעריסאָן. ער האָט זיינע פערזן געשריבן אונטערן פסעוודאָנים „שר של ים״ און זיינס אַ ליד („דאָס טרינקענדע שיף״, 14 סטראָפן, מיט אַ מאָטאָ פון בערנע) איז אַריין אין מאָריס ראָזענפעלדס ערשטן לידער־בוך „די גלאָקע״ (ניו־יאָרק, 1888). אונטער אַ פסעוודאָנים („המנגן״) האָט אויך געשריבן לידער דער סאָציאַליסט מ. הילקאָוויץ (מאָריס הילקוויט). ער האָט זיך ניט באַנוגנט, ווי בנימין פייגענבוים, מיט איבערזעצן לידער פון אַן אַנדער שפּראַך, נאָר האָט אויך געשריבן פּראָפּאַגאַנדע און פּאָלעמיק אין פערזן. די ערשטע צייט האָט ער נאָך דערצו זיך אויסגעדריקט אין אַ שווערער דייטשמערישער און מליצהדיקער שפּראַך. לייכט און פאָלקסטימלעך איז דאַגעגן געווען דער ווילנער יידיש פון אב. קאַהאַן, ווי ס׳איז צו זען פון זיין ליד „דער אָפּערייטאָר״, סוף 80ער יאָרן, וואו ער שילדערט יענעם „איינגעבויגן איבער זיין מאַשין״ און

„ווי אַ שפּאָן ווערט ער דין,
עס דאַרט אים דער מח,
ער לייגט אַוועק זיין כח
אויפן גביר דעם רוצח,
ווי אַ פליג ביי אַ שפּין.״

* * *

צווישן די אַרבעטער־לידער־שרייבער אין אַמעריקע פון די 80ער יאָרן האָבן זיך געפונען אַ סך אויסערהאַלב ניו־יאָרק, וואו זייער צייטונג איז דערשינען. (ווי למשל, היימאַן הערשמאַן (סיראַקיוז), מ. הערדער (קאַרמעל, ניו דזשוירזי), ש. פירמאַן (לאַנקעסטער, פּאַ.), ס. קאָהן (באָסטאָן), בערטאַ נאַגלע (פילאַדעלפיע), ז. זאַסלאַווסקי (סינסינעטי) און אַ ריי אַנדערע.) איינער, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן „אַן אָפּערייטאָר אויס ראָטשעסטער״, קענטיק אַ געקומענער פון דאָס פּוילישע שטעטל ראַדושקאָוויטש, האָט פאַרעפנטלעכט לידער אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש. אין זיין ליד „דער וויסל״ (דאָרט, דעם 13טן אָקטאָבער, 1886), צו דער געלעגנהייט פון בלאָזן שופר אין די בתי־מדרשים, שרייבט ער אַזוי:

„דאָס פרייעסטע לאַנד, דאָס זאָגענאַנטע
אַמעריקע, אונד „ערי מקלט" פון דער וועלט,
האָט בעלי־תקיעות גאָר וואָהל באַקאַנטע,
די הייסטען: קאַפּיטאַליסטן אָדער „אוצרות געלט".
יעדער פון זיי בלאָזט גאָר שרעקלעך
אונד שלאָגט ווי אַ העלפאַנד מיטן ריסל,
אונד דאָננערט און קלינגט ווי מיט גלעקלעך
אונד פאַרטויבט די אַרבעטער מיט זיין וויסל."

*　*　*

דער באַדייטנדיקסטער פון אַט די פּראָווינציעלע אַרבעטער־לידער־שרייבער פון די אַכציקער יאָרן איז געווען דער שוין פריער דערמאָנטער שריפטשטעלער דוד זאַהיק־גרינבערג פון סינסינעטי, וועלכער פלעגט שרייבן זיינע לידער אונטערן פּסעוודאָנים „ג. בן־ישי".

דוד גרינבערג (ג. בן־ישי) איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ פייערדיקער רעוואָלוציאָנער. אַלס משכיל איז ער אָבער געווען גענייגט מער צו אַפּיקורסות ווי צום סאָציאַליזם. דאָס מאַכט אים שפּעטער פאַר אַ מיטגליד פונעם סינסינעטער אַפּיקורסים־פאַראיין, צו וועלכן ס'האָט אַ געוויסע צייט אויך געהערט דער אַרבעטער־דיכטער דוד עדעלשטאַט. ווען ס'הייבט זיך אָן דער ביטערער קאַמף קעגן דעם ניו־יאָרקער רב הכולל, ר' יעקב יוסף, צייכנט זיך אויס דוד זאַהיק־גרינבערג מיט זיינע גיפטיקע פּאַראָדיעס און סאַטירעס, אין העברייאיש און יידיש, קעגן דעם רב און זיינע אָנהענגער. ביסלעכווייז אָבער ווערט זאַהיק־גרינבערג מיטגעריסן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער פאַרעפנטלעכט דאַן אין יוסף זעליק גליקס פּיטסבורגער צייטונג מאַסן ציון־לידער, וואָס ער גיט אַרויס שפּעטער אין בוך־פאָרם. צוליבן ציוניזם דערנענטערט ער זיך אַלץ מער צו זיינע אַמאָליקע אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע קעגנער, ווייניקסטנס אין זיינע לידער. (אין 1906 האָט ער מיר צוגעשיקט אייניקע לידער צום דרוקן און דערביי מיר דערקלערט, אַז כאָטש ער איז אַן אַלגעמיינער ציוניסט איז ער אין סימפּאַטיע מיטן סאָציאַליזם. זיינע לידער זיינען אָבער געווען געשריבן אין אַזאַ טאָן, צוליב וועלכן כ'האָב אים געראַטן זיי צו שיקן צום אָרטאָדאָקסיש־קאָנסערוואַטיוון „טאַגעבלאַט").

אין מיטן פון די אַכציקער יאָרן איז דוד גרינבערג געווען אַ סאָציאַליסט־אַנאַרכיסט. ער איז אויך געווען פון די ערשטע צו אָנערקענען די מייסטער־שאַפט פון מאָריס ראָזענפעלדן. ווען יענער האָט אַ ווייל אויפגעהערט צו באַזינגען די לאַגע פון די סוועט־שאָפּ־אַרבעטער, האָט דוד גרינבערג אים אויפגעפאָדערט, אין אַ ליד, ער זאָל פאָרזעצן זיינע באַרימטע שאָפּ־לידער.

ראָזענפעלדס שאַפּ־לידער רופן אַרויס אַ סך נאָכמאַכער. פון דער אַנדער זייט באַווירקן זיי סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע טוער איבערצולאָזן דאָס שרייבן אַרבעטער־לידער צו די דריי באַדייטנדיקסטע אַרבעטער־דיכטער פון די אַכציקער יאָרן: מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד און דוד עדעלשטאַט. אַ ריי צייטווייליקע ראַדיקאַלן, ווי ד. ה. הערמאַלין, געצל זעליקאָוויטש, יאָהאַן פּאַליי א. ד. גל. ווערן דערוויילעט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פאַרנעמען זיך דער עיקר מיט שרייבן לייענשטאָף אין דער אָרטאָדאָקסיש־קאָנסערוואַטיווער פּרעסע. אַ טייל פאַרשווינדט אינגאַנצן פון דער ליטעראַטור און פּרעסע אין יידיש. דוד אַפּאָטעקער (רוקח) גיט זיך אָפּ שפּעטער הויפּטזאַכלעך מיט הומאָריסטישער פּראָזע. דוד גאָלדשטיין, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן אַרבעטער־לידער נאָך אין לאָנדאָנער „אַרבייטער־פריינד", ווערט אַ לאַנגע צייט אַנטשוויגן און פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין בוך־פאָרם ערשט אַ דרייסיק יאָר שפּעטער.

* * *

מיט סאָציאַלע לידער האָבן זיך אויך באַטייליקט ביים סוף פון די אַכציקער יאָרן די געקומענע פאָלקס־דיכטער פון איראָפּע, אברהם גאָלדפאַדן און אליקום צונזער. דער לעצטער האָט, אינעם קעגנזאַץ צו די דעמאָלטיקע אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער־דיכטער, געזונגען פעדלער־לידער. אין אַ רוף „צום פּעדלער", געשריבן אינעם גייסט פון זיין אַלט־היימישן געזאַנג „די סאָכע", מוסרט צונזער די יידישע פּעדלער פאַרוואָס זיי נעמען זיך ניט ליבער צו פאַרמעריי. ער האָט דעמאָלט אַפּנים נאָך ניט געוואוסט, אַז שוין אין די זיבעציקער יאָרן האָט דער פּאַרפאָסער פונעם ערשטן לידער־ביכל אין יידיש אין אַמעריקע, יעקב צבי סאָבעל, אָנגעוויזן אויף דער שטרעבונג צו ערד־אַרבעט צווישן די יידישע אימיגראַנטן. די רייכע יידישע געמיינדעס אין אַמעריקע פון יענער צייט, וועלכע האָבן אויסגעגעבן מיליאָנען דאָלאַרן אויף רייכע טעמפּלען, האָבן אָבער דעמאָלט גאָרניט געטאָן צוצוגרייטן דעם יידישן אימיגראַנט צו פאַרמעריי. די ליידן פונעם אָרעמען יידישן פּעדלער אין אַמעריקע האָט אָבער דער אַלטער יידישער פאָלקס־זינגער, אליקום צונזער, אויסגעדריקט אין אַ בעסערן און פאָלקסטימלעכערן יידיש, ווי דאָס האָט געטאָן מיט אַ פופצן יאָר פריער דער געוועזענער רב און משכיל, יעקב צבי סאָבעל. אין זיין פריערדערמאָנטן פּעדלער־ליד שילדערט צונזער —

„ווי שווער אונד ווי ביטער, איז פּעדלערשער לעבן!\
פאַרוואָגלט ווי קין, וואו טאָג אונד וואו נאַכט,\
צו היץ אונד צו קעלט, איז ער איבערגעגעבן,\
קיין היים אונד קיין רו, אונד איז שטענדיק פאַרשמאַכט.

שלעפּט אויף זיך פּעק, וועלכע איבערן כח,
באַקומט נאָך פון לויפערס אַ ישר *) דערפאַר:
דער וואַרפט אים מיט שטיינער, דער שפּאַלט אים דעם מח,
זיין אָרעמער לעבן איזט רק אין געפאַר!״

צונזער איז ניט געווען אַזוי מילד, ווי סאָבעל, צו די אויפגעקומענע יידישע נגידים, אָדער „בורזשוקעס״, ווי ער, צונזער, רופט זיי אָן. סאָבעל האָט זיי גוטמוטיק אויסגעלאַכט, נאָר צונזער רעדט פון זיי מיט גאַל. אין זיין ליד „וואָס איז אַמעריקע?״, אין 17 אַכט־שורהדיקע סטראָפעס („אידישער הערֶאלד״, 21טער פעברואַר, 1890), דערקלערט אליקום צונזער, אַז אין אַמעריקע איז אַ „פּראָסטער גנב״ אַ שול־פּרעזידענט **) און אַ בורזשוק, אַן עם הארץ שעמט זיך צו רעדן אין זשאַרגאָן...

*   *   *

אינעם פאַרגלייך מיט די משכילישע און אינטעליגענטישע יידישע אַר־בעטער־לידער פון די אַכציקער יאָרן אין אַמעריקע, האָט דאָס ערשטע ליד פון מאָריס ראָזענפעלד (אין דער „ניו־יאָרקער יודישע פאָלקס־צייטונג״ פאָרן 17טן דעצעמבער, 1886) געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף זיינע לייענער. ניט געקוקט אויף דער רויקייט פון זיין פאָרם, האָט מען שוין דאָרט דערפילט עכטע דיכטונג אין אַזעלכע פשוטע ווערטער, ווי:

„ערהויב דיך, מיין פאָלק, שטעל זיך אַנידער,
צום וועלט־קאַמף זיי גרייט מיט אַלע צוגלייך,
האַנט אין האַנט מיט אַלע דיינע ברידער,
אַן ענדע צו מאַכן צו אָרעם און רייך!״

„שטיי ניט, מיין פאָלק, שטיי ניט פון דער ווייטן,
דיין הילף איז נאָענט. אָ, זיי ניט פאַרשוואַכט!
פאַראייניק דיך — אין איינעם צו שטרייטן,
זאָ ווערט אַן ענד מיט דער פינצטערער נאַכט.״

---

*) אַ יישר-כח (אַ דאַנק).

**) „ווער אין מזרח [אייראָפּע] וואַר [איז געווען] געאַכטעט,
אין געזעלשאַפט אונד אין קלויז;
גייט דאָ פעדלען, אויף די קאָנטרעס,
מיטן פעקל, הויז צו הויז.

יענער איז אַ פּראָסטער גנב,
אַלע טורמעס וואַר ער פול;
דאָ האָט די גרעסטע דעה,
און איז פּרעזידענט אין אַ שול.״

מאָריס ווינטשעווסקי

מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען טעטיק מיט זיין פעדער 55 יאָר — פון 1873 ביז 1927. זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט איז געווען אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן אַ תלמוד־תורה. זיין לעצטע סעריע אַרטיקלען האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ באַשרייבונג פון זיין באָלשעוויסטישן פּאַרטיי־בילעט.

אָט דער לאַנגער וועג, פון השכלה צו קאָמוניזם, איז ניט געווען קיין גלייכער. קיין כסדריקער באַרג־אַרויף. ווינטשעווסקיס וועג איז געווען פול מיט זיגזאַגן, שטייגן און פאַלן, פאַלן און שטייגן.

אין זיין ערשטן פּעריאָד האָט ווינטשעווסקי, אָדער בן־ציון נאָוואַכאָוויץ, ווי ער האָט נאָך דעמאָלט געהייסן, מיט קיין זאַך זיך ניט אויסגעצייכנט פון דעם דורכשניטלעכן משכיל פון יענער צייט. ער איז דעמאָלט דורך און דורך משכיל ניט בלויז אין דעם משכילים־קרייז פון קאָוונע. ער ענדערט זיך ווייניק אויך אין דער טיף־רוסישער שטאָט אָריאָל, וואו ער ווערט באַווירקט פון רוסישן פּאָלקיזם. ווינטשעווסקי פירט זיך אין אָריאָל לויט דעם כלל פון השכלה: „זיי אַ ייד אין דיין געצעלט און אַ מענטש אין גאַס". ער זאַמלט געלט פאַר ארץ־ישראל און וויל גילטן פאַר אַן עכטן רוס. זיינע העברייאישע לידער און קופּלעטן שרייבט דעמאָלט ווינטשעווסקי אין דעם קאָנסערוואַטיוון „המגיד". ער האָט ניט קיין צוטריט, און זוכט אים אויך ניט, צום ליבעראַלן זשורנאַל „השחר", וואו עס האָבן מיטגעאַרבעט פּראָגרעסיווע משכילים. ווען ער לייענט איבער, אין 1876, אהרן ליבערמאַנס אויפרוף, „צו דער אינטעליגענטער יידישער יוגנט", זי זאָל זיך שטעלן אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט און זיך גרייטן צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, רעאַגירט אויף דעם דער 20־יאָריקער ווינטשעווסקי מיט אַ פּלאַן פון אַ פאַראיין אויף צו דערציען יידישע קינדער פאַר בעלי־מלאכות...

זיין ערשטן טריט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מאַכט ווינטשעווסקי אַ יאָר שפּעטער אין קעניגסבערג (דייטשלאַנד), וואו ער אַרבעט אין אַ באַנק. ער ווערט דאָרט באַווירקט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער סטודענטנשאַפט, וואָס האָט זיך דעמאָלט גרופּירט אַרום אהרן ליבערמאַנס סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת". ער דערנעענטערט זיך אויך צו דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און באַטייליקט זיך אין איר פּרעסע. באַזונדערס אָבער שרייבט ער אין די העברייאישע אויסגאַבעס „הקול" און „אספת חכמים", פון וועלכן ער ווערט אויך רעדאַקטאָר. דאָרט, אין קעניגסבערג, מאַכט ער אויך זיין ערשטן פּרואוו צו שרייבן אין יידיש.

אין ווינטשעווסקיס ערשטע פעליעטאָנען אין יידיש, געשריבן אין „קול לעם“ (פאָלקס־שטימע), 1877—1879, פעלט דער סאָציאַלער פּראָטעסט, וואָס געפינט זיך אין זיינע העברייאישע פעליעטאָנען פון יענער צייט. ער איז נאָך ניט געווען זיכער מיט זיינע יידישע לייענער, דערצו איז אויף אַזאַ צייטונג אין יידיש געווען אַ שטרענגערע צענזור ווי אויף העברייאישע אויסגאַבעס, וואָס זיינען באַרעכנט פאַר משכילים און לומדים.

סוף־כל־סוף איז די רוסישע צענזור אויפמערקזאַם געוואָרן אויף ווינטשעווסקיס סאָציאַליסטישע זאַכן אין דעם העברייאישן „אספת חכמים“ און האָט פאַרבאָטן אַריינצופירן אים אין רוסלאַנד. שפּעטער ווערט ווינטשעווסקי אַרעסטירט פאַר זיינע סאָציאַליסטישע טעטיקייטן אין קעניגסבערג און ער ווערט אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד.

פאַר דעם יוגנטלעכן ווינטשעווסקין זיינען די קנאַפּע פינף פערטל יאָר טעטיקייט אין קעניגסבערג געווען אַ גרויס געשעעניש. ער איז דעמאָלט געווען דער יינגסטער העברייאישער רעדאַקטאָר (21 יאָר אַלט), און געהאַט פאַר מיטאַרבעטער אַזוינע זיילן פון דער פאָלקיסטישער השכלה, ווי ליליענבלום און קאַמינער. ער האָט דעריבער זיין גאַנץ לעבן שטאָלצירט מיט זיין קעניגסבערגער טעטיקייט, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט טורמע און אַרויסשיקונג.

אין זיינע ערשטע פינף יאָר אין לאָנדאָן איז ווינטשעווסקי געווען ווייניק טעטיק. ערשט מיט דער גרינדונג פון דער ענגלישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע אין 1884, הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין ווינטשעווסקיס לעבן און שאַפן. דער אויפבלי פון דער ענגלישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווירקט אויך אויף דער איינגעוואַנדערטער יידישער אַרבעטערשאַפט און אירע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטן. ווינטשעווסקי ווערט דעמאָלט אַ מיט־אַרויסגעבער און מיטרעדאַקטאָר פון אַ וואָכנבלאַט אין יידיש מיטן נאָמען „דער פוילישער אידל“ (שפּעטער אָנגערופן „די צוקונפט“).

ווינטשעווסקיס „פוילישער אידל“ איז ניט געווען קיין אַרבעטער־צייטונג אין פולן זינען פון וואָרט. ער האָט אָבער געשטרעבט דערצו. זיינע ערשטע לידער דאָרטן זיינען באַווירקט פון טאָמאַס הוד און ענלעכע דיכטער, וואָס האָבן געזוכט צו העלפן די אַרבעטער דורך אויפוועקן רחמנות צו זיי, דאָך פילט זיך שוין אין יענע לידער דער פּראָטעסט קעגן אונטערדריקער און דער געדאַנק, אַז די באַפרייאונג פון די אַרבעטער וועט קומען דורך זייער אייגענער אַרבעט. אין יענער צייט טרעט ער צום ערשטן מאָל אַרויס מיט זיין באַרימט־געוואָרענעם פען־נאָמען: מאָריס ווינטשעווסקי (פריער פלעגט ער זיך אונטערשרייבן מיט זיינע קעניגסבערגער פסעוודאָנימען: יגלי און בן־נץ — בן־ציון נאָוואָכאָוויץ). אַ חוץ לידער און אַרטיקלען פאַרעפנטלעכט ער אין יענער צייט זיין באַרימט־געוואָרענע סאָציאַליסטישע בראשית: „יהי אור“ — זאָל

ווערן ליכטיק, — אָדער „אַ פֿאַרקערטע וועלט" (געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ דערציילונג).

עכטע קאַמף־לידער הייבט אָן שרייבן ווינטשעווסקי אין „אַרבייטער־פֿריינד", געגרינדעט אין 1885 דורך דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער־שאַפֿט אין לאָנדאָן. ווינטשעווסקיס ליד איז שוין איצט פֿאַרבונדן מיט אַ געוויסער געשעעניש אין קלאַסנקאַמף פֿון די אַרבעטער־מאַסן. אין דעם זעלביקן אַרבעטער־אָרגאַן מייסטערט אויך אויס ווינטשעווסקי זיין רעוואָ־לוציאָנערע פּראָזע, הויפּטזאַכלעך זיינע פֿעליעטאָנען: „די צעשלאָגענע גע־דאַנקען פֿון אַ משוגענעם פֿילאָזאָף", וואָס האָבן באַווירקט דורות יידישע אַרבעטער אין ענגלאַנד און אַמעריקע. ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן טיילן זיך אָפּ פֿון די אַנאַרכיסטן און גרינדן זייערע אָרגאַנען „פֿרייע וועלט" און „וועקער" (1891—1892), ווערט דאָרט ווינטשעווסקי נאָך קעמפֿערישער אין זיין ליד און פּראָזע. ער פֿאַרעפֿנטלעכט דאָרט סעריעס לידער, וואָס פֿאַרנעמען אַ באַדייטנדיקן אָרט אין זיינע לידער־זאַמלונגען.

די צען יאָר פֿון 1884 ביז 1894 זיינען די גלאַנץ־עפּאָכע פֿון ווינ־טשעווסקיס טעטיקייט און שאַפֿן. אין אָט די יאָרן האָט ער צונויפֿגעגאָסן זיין פּערזענלעכן איך מיטן אַרבעטנדיקן קאָלעקטיוו. ווינטשעווסקיס וואָרט איז דעמאָלט געווען דער פּולער אויסדרוק פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס. דערפֿאַר מאַכן נאָך היינט אַ שטאַרקערן איינדרוק זיינע יענע לידער, וואָס ער האָט געשריבן פֿאַר 1895. זיין נאָמען אַלס אַרבעטער־דיכטער, אַלס „זיידע" פֿון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, איז פֿאַרבונדן מיט זיין לאָנדאָנער עפּאָכע פֿון שטורעם און דראַנג.

סוף 1894 קומט מאָריס ווינטשעווסקי קיין אַמעריקע, וואָס ווערט זיין שטענדיקע היים. ער ווערט באַלד אַריינגעצויגן אין דעם פּראַקטיאָנעלן קאַמף, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין דער אַמעריקאַנער „סאָציאַליסטישער אַר־בעטער פּאַרטיי" (ס. ל. פּ.). זיין חברן זיך מיט אירע אָפּאָזיציאָנערן ווערט פֿאַר אים פֿאַטאַל. יענע האָבן דעמאָלט אָנגעפֿירט אַ קאַמף קעגן דער רעוואָ־לוציאָנערער טענדענץ פֿון דער ס. ל. פּ. אונטער דער מאַרקסיסטישער פֿירער־שאַפֿט פֿון דאַניאל דעליאָן. זיי באַווירקן ווינטשעווסקין, ער זאָל צושטיין צו זייער אָפּאָרטוניסטישן צד און נוצן אויס זיין פּאָפּולערן נאָמען, אַלס אַרבעטער־דיכטער, אויף צו צעשפּאַלטן די פּאַרטיי. זיי גרינדן אַ צייטונג (דעם „פֿאָר־ווערטס") זי צו באַקעמפֿן. ווינטשעווסקי איז שפּעטער אומצופֿרידן מיט דער נייער צייטונג, ער ווענדט זיך אָפּ אַ ווײַלע פֿון דער קעגנוואָרט און פֿאַרנעמט זיך דער עיקר מיט זיין סאָציאַליסטישער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון קעניגסבערג און לאָנדאָן. ער הייבט דאָן אָן שרייבן זיינע זכרונות פֿון די 70ער און 80ער יאָרן.

די צוויי בענד „ערינערונגען" *) איז ווינטשעווסקיס באַדייטנדיקסטע ליטעראַרישע שאַפונג אין אַמעריקע. זיי זיינען געשריבן אין זיין אייגנטימלעכן סטיל — ליריש און סאַטיריש. זיי פאַרמאָגן אַ מאַסע פאַקטישע מאַטעריאַלן איבער דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך אַ ריי קינסטלערישע שילדערונגען פון פערזאָנען און פאַסירונגען. פון זיינע אַנדערע אויפטוען אין אַמעריקע דאַרף מען דערמאָנען זיין סאָציאַליסטיש־ליטעראַריש וואָכנבלאַט „דער אמת" (באָסטאָן, 1895־1896).

גלייכצייטיק מיט זיין שרייבן דערינערונגען, זאַמלט אויך ווינטשעווסקי זיינע פריערדיקע שאַפונגען אין בוך־פאָרם. ער גיט אַרויס זיין בוך: „דער משוגענער פילאָסאָף אין ענגלאַנד", זיין איבערזעצונג פון איבסענס „נאָראַ" און גרייט־צו צום דרוק אַ בוך געזאַמלטע לידער. ער פאַרעפנטלעכט אויך אַ סקיצן־זאַמלונג „דערציילונגען פון קאַמף" (אין ענגליש). ער אַרבעט אויך אויף אַ בוך דראַמעס, וואָס ווערט ערשט פאַרעפנטלעכט אין די צוואַנציקער יאָרן. (זיינע „געזאַמלטע ווערק" אין 9 בענד זיינען דערשינען אין פאַרלאַג „פריי־הייט", ניו־יאָרק, 1927. דערצו אויך אַן עקסטראַ באַנד, זיין ביאָגראַפיע: „מאָריס ווינטשעווסקי, זיין לעבן,ווירקן און שאַפן", פון קלמן מרמר, ניו־יאָרק, 1928, 415 זייטן.)

ניט געקוקט אויף זיינע וואַקלונגען זינט 1912 איז ווינטשעווסקי געווען אויסגעהאַלטן אין זיין שטעלונג צו סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין אַן אַרטיקל געשריבן אין 1915 און פאַרעפנטלעכט אין יאַנואַר 1916, דערקלערט ווינ־טשעווסקי, אַז די הערשער פון אייראָפּע האָבן אַרויסגערופן די ערשטע וועלט־מלחמה מחמת זייער שרעק פאַר דעם „געשפּענסט פון קאָמוניזם". זיי האָבן געהאָפט דורך דער מלחמה אָפּצושטעלן די כסדר־וואַקסנדיקע אַרבעטער־באַוועגונג אין יעדער מדינה — „אויפצואוועקן ביי די אַרבעטער דעם אָפּ־געשוואַכטן שאָוויניזם: צו צעשטערן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, קורץ, צו דערטרינקען אין בלוט דעם רויטן געשפּענסט איידער די סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן אויסברעכן." ווינטשעווסקי האָט פון אָנהייב אָן אויך ענערגיש פאַרטיידיקט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. ער האָט שטאַרק באַקעמפט די מיינונג פון די „מענשעוויקעס", אַז רוסלאַנד איז ניט פאַרטיק פאַרן סאָציאַליזם. יעדעס לאַנד, האָט ווינטשעווסקי דערקלערט, איז יאָ און ניט צוגעגרייט, ווענדליק ווי מען פאַרשטייט דאָס וואָרט סאָציאַליזם. ער שטרייכט אונטער, אַז אומעטום, סיי אין אַמעריקע, סיי אין אייראָפּע, איז מעגלעך שוין אָנצוהייבן איינפירן דעם סאָציאַליזם. ער איז דעריבער פולשטענדיק זיכער, אַז די באָלשעוויקעס וועלן אַ סך אויפטאָן פאַר רוסלאַנד. ער דערמונטערט זיי פון וויטן און רופט אויס:

---

*) בענד 9 און 10 פון זיינע „געזאַמלטע ווערק".

„הלוואי וואָלטן מיר געווען מיט אייך, וואָלטן מיר אייך געהאָלפן.״ זיין רייזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָט אים נאָך ענגער פאַרבונדן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויף איינער פון זיינע לעצטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין ניו־יאָרק, האָט ער אויסגערופן מיט אַלע זיינע כּחות:

„ווער עס איז קעגן סאָוועטן־רוסלאַנד, דער איז מיין שונא!״

* * *

מאָריס ווינטשעווסקי האָט גאָר יונג שוין פּרובירט „אויסדריקן געפילן און געדאַנקען אין אַ ריטמישער פאָרם״. „צו עלף־צוועלף יאָר״, האָט ער „בשותּפות מיט אַן אַנדער, עטוואָס עלטערן יינגל אין קאָוונע, אָנגעהויבן צו שרייבן פאַבלען״. יענער „פלעגט אויסטראַכטן די מעשיות״ און ווינטשעווסקי פלעגט „באַזאָרגן״ דעם טעקסט. „די שפּראַך איז געווען רוסיש״. „שפּעטער, אונטער דעם איינפלוס פון העברייאישע צייטונגען און זשורנאַלן״, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן העברייאישע שירים.

זיין ערשטן ליד אין יידיש האָט מאָריס ווינטשעווסקי פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1877. דאָס איז ניט געווען אַ ליד פאַר זיך, נאָר „אייניקע פערזן״ אַריינגעפלאָכטן אין אַ סאַטירישן פעליעטאָן, „דער גרענעדע־פּירער״, אין דעם פריער־דערמאָנטן „קול־לעם״. דער ריטם פון דעם דאָזיקן ליד איז נאָך ניט געווען ריכטיק, נאָר דער טאָן איז שוין געווען פון זיינע שפּעטערע „קרעכץ, זיפץ, קלאָג־ און וועק־לידער״.

ווינטשעווסקי האָט געשריבן אויך לירישע לידער, ליבע־לידער, נאָר זיין גאַנצע נשמה האָט ער אַריינגעגעבן אין זיינע לידער פון מיטלייד און קאַמף. „לידער פון ליבע, פון לעבן, פון לוסט״, האָבן ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין זיין ברוסט. „לידער פון הערלעכקייט אין דער נאַטור״ זיינען פאַרביי־געגאַנגען זיין אויער „אָן אַ שפּור״.

„לידער געזונגענע מיט אַ געוויין,
לידער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג,
לידער פון פאָלקס־ליידן — נאָר די אַליין,
האָבן אַ זין פאַר מיר, האָבן אַ קלאַנג;
נעמען געפאַנגען מיין אויער, מיין ברוסט,
דרינגען אַריין אין מיין האַרץ, מיין נשמה,
און איך אַליין זינג מיט ליבע, מיט לוסט
לידער פון קאַמף, פון טריאומף, פון נקמה.״

זיינע הארציקסטע לידער זיינען געשריבן אין לאָנדאָן אין די 80ער יאָרן. זיי זיינען דער אָפּקלאַנג פונעם לעבן פון די אָרעמע מאַסן אין לאָנדאָן און זיינען דורכגעדרונגען מיט טיפן מיטלייד און אומבאַגרענעצטער מענטשן־

ליבע. זיינע „לאָנדאָנער סילועטן" און אַ טייל פון די „קליינע ליריקס", מאַכן נאָך היינט אַ שטאַרקן איינדרוק, אַפילו ווען מיר זעען ניט היינט אַזוינע נאַקעטע ליידן. זיינע לידער „לאָנדאָן ביינאַכט", „דאָס ליד פונעם העמד" (נאָך טאָמאַס הוד), „דריי שוועסטער", „אַן ערלעכע באַטריגערין", „דאָס עופהלע אין וואַלד", „צוויי געסעלעך" זיינען אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. אַנדערע זיינען אַרויס אין לאָנדאָן אויף באַזונדערע פּאַפּירלעך און פאַרשפּרייט געוואָרן אין מאַסן נאָך אין דעם ערשטן צענדליק פון איצטיקן יאָרהונדערט.

אין די אַכציקער יאָרן האָט ווינטשעווסקי אויך פאַרעפנטלעכט זיינע בעסטע קאַמף־לידער. נאָך זיי קומען די לידער — געשריבן אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן אין לאָנדאָן. זיינע לאָנדאָנער קאַמף־לידער „אין די גאַסן, צו די מאַסן", „איך הער דיין שטימע פון דער וואָרהייט", „הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך", „וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע", זיינען געוואָרן פאָלקס־לידער אינעם פולן זין פונעם וואָרט.

מ. ווינטשעווסקי האָט אַלעמאָל געשריבן אַ ריינעם יידיש. ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר שפּראַך. ער האָט אַריבערגעטראָגן פון העברעיאיש צו יידיש זיין גאַנצע משכילישע ליבע צום „לשון". ער האָט געשטיפט און זיך געשפּילט מיט דער שפּראַך. דער עיקר איז טאַקע פאַר אים געווען דער סאָציאַליסטישער מוסר־השכל. דאָך, אינמיטן וועקן דעם עולם צום קלאַסן־קאַמף, רופן צו רעוואָלוציאָנערע מעשים, באַוויינען די ליידן פון די אָרעמע, זיי טרייסטן און מאָלן צוקונפט־בילדער, האָט זיך ווינטשעווסקי פּלוצלונג גענומען שפּילן מיט די ווערטער גופא: אַלטערמאַן, קאַלטערמאַן, הונגערמאַן; מיטלמאַן, טיטלמאַן, קיטלמאַן; פלאַפּערמאַן, כאַפּערמאַן; אַדלמאַן, טאַדלמאַן און דאָס גלייכן. אָדער פראַזן־קלייבער, קלויסטער־ווייבער, פּיקל־הייבער און אַזוי ווייטער.

ער רעדט פון פּעלקער־פּלעקער, פּענצטער־פּינצטער, בילדונג־פאַר־ווילדונג, שילדן־שילטן (אין קראָמען). דער לעגענדאַרישער העלד נאַרציסוס ווערט ביי אים נאַר־ציסעס; אַלעקסאַנדער דער דריטער — אַלעקסאַנדער דער דריקער (דאָס איז — זאָגט ער — ניט קיין דרוקפעלער, ווייל ביי אַלעקסאַנדערן פעלט ניט קיין דרוק . . .). ער רעדט פון „שיטאַרע געדיכטע און געדיכטע ליטעראַרישע בלאָטעס"; פון „פרייהייטס־קעמפּער", וואָס קעמפּן קעגן פרייהייט; „פרייזיניקע, וואָס האָבן ניט קיין זין פאַר פרייהייט"; „אַנט־לאָפענע סאָציאַליסטן", וואָס זיינען אַנטלאָפן פון סאָציאַליזם; „לייט־אַרטיקל — אַן אַרטיקל, וואָס ליידט פון זיין שרייבער". ער רעדט פון „אַ זעצער, וואָס איז ציימנווייז אַ פאַרזעצער", און דערציילט, אַז „די מאַשין זעצט אַרויס דעם זעצער פון דער זעצעריי". ער באַמערקט, אַז „נטילת ידים" פאַרהיט פון דלות,

נאָר דאָס מיינט ניט „וואַשן די הענט“, נאָר „נעמען מיט די הענט“... ער דערקלערט, אַז „דודי“ איז דער טייטש: „מיין פעטער“, ניט מיין פעטער איז אַ טייטש. „אין אַמעריקע“ — זאָגט ער — „שאַפט ניט די מוזע, נאָר דער מוז“... „אָרעם הייסט די זרוע נטויה קעגן פּרעה און זיינע שרי־מסים, און אָרעם — דער דלות, איבער וועלכן זיי וואָיעווען“... ער דערציילט, אַז ער „קלייבט זיך פאָרן“, נאָר ניט „פאָרן קלייבן“... ער באַמערקט, אַז די „פּאַונטען־פּען“ איז ניט קיין לויך־שקלאַפין, וועלכע מ׳קאָן צווינגען צו אַרבעטן מיט אַ פּוסטן מאָגן. זי זאָגט: „ווילסטו איך זאָל פאַר דיר פאַרשוואַרצט ווערן, טאָ פיל מיך וויי־ניקסטנס אָן“...

ער האָט אויך געשאַפן אַ ספּעציעלן הומאָריסטיש־סאַטירישן ווערטער־בוך, מיט אַ פּראָלעטאַרישער טענדענץ. זיין „חיים ברבורימס ווערטערבוך“ איז אַ סך נאָכגעמאַכט געוואָרן פון פּראָפעסיאָנעלע הומאָריסטן און עקספּלואַ־טירט געוואָרן אין אַ סך רעדאַקציעס.

אָט זיינען אַ פּאָר מוסטערן פון ווינטשעווסקיס שפּילעוודיקער פּראָזע:

אין זיין פעליעטאָן „אָ, ווי ווערט מען אַ דיכטער!“ („אַרבייטער פריינד“, אויגוסט 30, 1889), שרייבט ער אַזוי:

„איך וואָלט, למשל, קאָנען צוזאַמענפּאָרן . . . „געלט“ מיט „פּעלט“; „פּאָרטעפּיאַנעם“ מיט „באַראַבאַנעם“ . . . „תכשיטין און צירונג“ מיט „דעם יידישן פירונג“ . . . . היפּאָקריטן מיט פּאַראַזיטן“; — — — „דעם פערד דעם איינגעשפּאַנטן“ מיט „דעם אַרבעטער ביי פאַבריקאַנטן“ — — — „ציייטונג שרייבער“ מיט „רכילות טרייבער“; — — — „נאַרישער שטאָלץ“ מיט אַ „קאָפּ פון האָלץ“ . . . „שפּיאָנען“ מיט „סקאָרפּיאָנען“; „אויס סאָציאַליסט“ מיט „אַן עגאָאיסט“; — — — „גרויסע דאַמע“ מיט „ניט הייסע מאַמע“ . . . דעם „אַבערגלויבן“ מיט „אַ מיטל צו רויבן“; „אומ־איינקע סאָציאַליסטן“ מיט „צופרידענע קאַפּיטאַליסטן“; „די רייד פון אַן אַדוואָקאַט“ מיט „אַ צונג אויף פּראָקאַט“; — — — „האָבן געלט אויף פּראָצענט“ מיט „די פּרוכט פון אַרבעטער הענט“; „פירן פאַרן נאָז“ מיט „די וואָס עסן גראָז“; „אויסהאַלטן אַ קייזער“ מיט „גיין איבער די הייזער“; „פון דרויסן פּוץ“ מיט „אינעווייניק שמוץ“ א. אַז. וו.

אין אַ קריטיק קעגן די אַנטי־רעוואָלוציע־סאָציאַליסטן שרייבט ווינ־טשעווסקי אַזוי:

„די אַלטע לאַטיינער פּלעגן זאָגן, אַז פּאָעטן ווערן ניט געמאַכט, זיי ווערן געבאָרן... היינטיקע סאָציאַליסטן ווילן האָבן, אַז רעוואָלוציאָנערן זיינען אויך אַזוי... ווען מע רעדט אויס דאָס וואָרט ’מאַכן אַ רעוואָלוציע‘, גייט דעם יונגן דור [די היינטיקע סאָציאַליסטן] איבער אַ סקרוך איבערן לייב. ביי זיי איז די פּאַריזער קאָמונע, למשל, אפשר טאַקע ניט געבאָרן געוואָרן, אָבער זי איז אויך ניט געמאַכט געוואָרן, זי איז ’פאָרגעקומען‘; און

זיינען אָן מאַכערס אויסגעקומען, מער נישט — מענטשן זיינען אין זיי אומ־געקומען, אַנדערע זיינען שטאַרק אָפּגעקומען, ווידער אַנדערע קוים מיטן לעבן אַרויסגעקומען, אָבער אַלע זיינען אַריינגעקומען און אַרויסגעקומען עפּעס על פּי סיבה, ווייל דער גאַנצער עסק איז נאָר פאַרגעקומען און טאַקע פאַרגעקומען, דאָס הייסט — ניט, ווי מאָדעס, אויפגעקומען; ניט, ווי ציגיינער, אָנגעקומען; ניט, ווי רעוויזאָרן, אונטערגעקומען; נאָר, אָט ווי מען זאָגט אייך, פאַרגעקומען, אימעצן בייגעקומען און אַ סוף.״

פון העברייאיש האָט ווינטשעווסקי אויך אַריבערגענומען אין יידיש דעם שפּיל אין גימטריאות, דעם „דרוש פון אַלפן״ (אַ פּאַראָדיע אויף ידעיה הפניניס תפילה פון „טויזנט ממען״), „אַן אלף־בית פאַר אַרבעטער־קינדער״, פון וועלכן די ערשטע פיר אותיות לייענען זיך אַזוי:

„אלף איז דער
אויסבייטער, וואָס לעבט פון אונדזער מי;
בית, דאָס איז דער
בלוטזויגער, וואָס זויגט אונדז שפּעט און פרי;
גימל איז דער
גאָרגל־שניידער, וועלכער אונדז באַטריגט;
דלית איז דער
דלות, וועלכער אייביק ביי אונדז ליגט.״

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין העברייאיש וואָלט מ. ווינטשעווסקי געקאָנט באַווייזן אַזוינע „קונצן״ ווי די בעסטע וואָרטשפּילער פון די משכילים. זיין „כל נדרי״ און אַנדערע העברייאישע און אַראַמייאישע פּאַראָדיעס באַווייזן, אַז ער וואָלט לייכט געקאָנט אויפשרייבן אַזוינע קונצשטיק ווי די באַקאַנטע „מסכת אַמעריקע״, „מסכת פּורים״ א. ד. גל.

ווינטשעווסקי האָט געשריבן אַ ריינעם יידיש נאָך מיט פערציק יאָר צוריק. ער האָט געשאַפן ווערטער אין יידיש און אויסגעמידן אַנגלאַציזמען. ער שרייבט „הלוואי וויטערניקעס״ אַנשטאָט „אַלרייטניקעס״, „געלטניקעס״ אַנשטאָט „געלטמאַכער״. אַמאָל גייט ער אַפילו אַוועק אָן אַ זייט און לערנט דעם לייענער כללים פון גראַמאַטיק אָדער אויסלייגעכץ. נאָר אויך דאָרטן איז ער שטענדיק וויציק. אַזוי באַמערקט ער, רעדנדיק וועגן ריכטיקן אויסלייגן, אַז „קוש״ און „קוס״ זיינען ביידע גוט...

מאָריס ווינטשעווסקי האָט זיך קיינמאָל ניט אַראָפּגעלאָזן צום געשמאַק און צו דער שפּראַך פונעם מאַרק. ער האָט אַלעמאָל געזוכט אויפצוהייבן דעם לייענער צו זיך. ער האָט אים צוגעצויגן מיט זיין הומאָר און סאַטירע, מיט זיין באַהאַרצטקייט און מיט דער פאַלקסטימלעכקייט פון זיין ליד.

„פון יידישע ווערטער, אַלטמאָדישע,
פון איינפאַכע רייד אָן אַ קלאַנג,
פון טענער אָפט ווייניק מעלאָדישע
פאַרפאַס איך מיין פּראָסטן געזאַנג.

נאָר דער אמת איז, אַז ווינטשעווסקיס ליד האָט געהאַט אַ קלאַנג, וואָס האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט אין די מוחות פון די מאַסן. נאָך אין יאָר 1886 האָט זיין ליד געקלונגען:

„הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך,
ווי עס רירט זיך איבעראַל?
ווי דער אַרבעטסמאַן מושטירט זיך
צו דעם קאַמף מיט קאַפּיטאַל, —
צו דעם קאַמף מיטן שינדער,
דעם האבון, דעם געלט־טיראַן?
הערט איר, ווי עס רירט זיך, קינדער,
דער באַרויבטער אַרבעטסמאַן?"

ווינטשעווסקי האָט באַאיינפלוסט אַ היפּשע צאָל יידישע שרייבער, באַזונדערס אין ענגלאַנד און אַמעריקע. זיין איינפלוס פילט זיך אין דער פּאָעזיע און פּראָזע פון אַפילו אַזאַ מייסטער ווי מאָריס ראָזענפעלד.

מאָריס ראָזענפעלדס אַרבעטער־לידער, איבערהויפּט די, אין וועלכע עס קומען פאָר פראַגן און ענטפערס, אָרעמקייט־סצענעס, אַרבעטער־קינדער, זיינען דירעקט באַאיינפלוסט פון מאָריס ווינטשעווסקיס לידער. דאָס גלייכן פילט זיך ווינטשעווסקיס פאָרם און שפּראַך אין מאָריס ראָזענפעלדס פעליעטאָנען, סאַטירישע אַרטיקלען, דורכגעפלאָכטן מיט פערזן.

ווינטשעווסקי האָט דירעקט באַאיינפלוסט די שפּראַך פון די טאַלאַנטפולסטע אַרבעטער־דיכטער און הומאָריסטן אין אַמעריקע. אומדירעקט איז קענטיק זיין איינפלוס אויך אין דער יידישער אַרבעטער־פּאָעזיע פון אויסלאַנד, וואו זיינע לידער זיינען געווען די ערשטע צו ווערן געזונגען אין רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־קרייזן.

* * *

ווי אַלע פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור, איז ווינטשעווסקי געווען טעטיק אויף אַ סך געביטן. ער האָט געשריבן אויסער פעליעטאָנען און לידער, אויך פּובליציסטיק, ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, באַזונדערס — פון פרייהייט־קעמפער, וועלכע ער האָט מייסטנס געקאָנט פּערזענלעך. ער האָט געשריבן עפּיגראַמען, פאַבלען, באַלאַדעס א. אַז. וו.

פון אַ באַזונדערן קולטור־היסטאָרישן ווערט זיינען ווינטשעווסקיס דערינערונגען. ער האָט זיי מערסטנס געדרוקט אין דער „צוקונפט", וואָס

אַ געוויסע צייט איז ער געווען איר רעדאַקטאָר און אַ הויפּט־מיטאַרבעטער כמעט אַ דריי צענדליק יאָר נאָכאַנאַנד. וויטשעווסקיס דערינערונגען זיינען אַן אוצר ניט בלויז פאַרן יידישן, נאָר אויך פאַרן אַלגעמיינעם קולטור־היסטאָריקער. באַזונדערס איז גרויס די ווערט פון ווינטשעווסקיס דערינערונגען פאַר דער געשיכטע פון קלאַסנקאַמף אין אייראָפּע און אין אַמעריקע.

מאָריס ווינטשעווסקי האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע דראַמעס (אַ חוץ די דיאַלאָגן און דראַמאַטישע סיטואַציעס, וואָס געפינען זיך אויך אין אַ היפּשן טייל פון זיינע אַנדערע שריפטן, אין פּאָעזיע און פּראָזע). נאָר ווינ־טשעווסקי איז מער טראַכטער ווי פאַרטראַכטער, אין זיינע דראַמעס איז דאָ מער וואָרהייט ווי דיכטונג. אַן אויסנאַם דערפון זיינען די דראַמאַטיזירונגען פון פרעמדע סוזשעטן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ווינטשעווסקין איז אויך, וואָס זיין ערשטע דראַמאַטישע שאַפונג איז געווען אַ קאָמעדיע: „דער מירער עלוי", געשריבן אין 1886. זיין הומאָר און סאַטירע רייסן זיך אויך דורך אין זיינע אַנדערע דראַמעס. זיי ווייזן, אַז זיין ריכטיקער געביט איז די קאָמעדיע, ניט די טראַגעדיע.

ווינטשעווסקיס „לעצטער נאַבאָר" (אַ דראַמע אין דריי אַקטן מיט אַן עפּילאָג) ליידט פון איבערלאָדונג. ער ווייסט עס אַליין. ער דערקלערט, אַז צוערשט איז „זי געווען ניט שלעכט", נאָר ס'האָט זיך ביי אים „געיאַוועט אַן אַמביציע צו באַשרייבן אַ ביסעלע דייטלעכער און בולטער אַ פּעריאָד אין דער יידישער געשיכטע, וואָס בלויז די עלטערע שרייבער האָבן דערפון געהאַט עטוואָס פּערזענלעכע דערינערונגען". דאָך האָט דער „לעצטער נאַבאָר" פיל דראַמאַטישן שטאָף. דערצו זיינען די פּערזאָנען געצייכנט טריי צום לעבן און רעדן דעם ליטווישן יידיש פון די 70ער יאָרן. אין „לעצטער נאַבאָר" איז אויך דאָ אַ רייכער אוצר פאַר שפּראַך־פאָרשער און פאָלקלאָריסטן.

אויף פאַקטן איז קענטיק אויך באַגרינדעט ווינטשעווסקיס פיר־אַקטיקע קאָמעדיע, „כלומרשט אַ חתונה". די דאָזיקע קאָמעדיע האָט ניט גענוג האַנד־לונג פאַר פיר אַקטן. עס פאַרנעמען דאָרט צופיל אָרט די דעבאַטן וועגן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם. דאָך זיינען דאָרט פאַראַן בילדער און סצענעס, וואָס זיינען פול מיט לעבן. באַזונדערס איז דאָרט ווינטשעווסקין געראָטן דאָס בילד פון דער ליטעראַרישער קאַפע מיט איר רעסטאָראַטאָר, קעלנער און דאָמינאָ־שפּילער. זיין געדאַנק אָבער צו געבן דורך די דאָזיקע דריי דראַמעס אַ סיסטעמאַטישע שילדערונג פון דריי עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע (די כאַפּערס, די השכלה און די יידן־פּראַגע), איז ווינטשעווסקין ניט געלונגען.

פון זיינע פינף איינאַקטערס: „דער מזרח־ווינט", „דער שטן־מקטרג",

„מאַן און ווייב", „אַ געהרגעטער עדיטאָריעל" און „אַ חתונה און אַ לוויה", זיינען די לעצטע צוויי פון אַמעריקאַנעם לעבן. גאָר פון אַן אַנדער מין איז ווינטשעווסקיס דראַמע „אסתר", באַאַרבעט פון פראַנצויזיש. ס'איז אַ טיפּישע „דריי־עק"־דראַמע, לויט איבסענס נוסח.

* * *

מאָריס ווינטשעווסקי איז ניט געווען דער ערשטער צו ברענגען יידן די בשורה פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם. דאָס האָט שוין געטאָן פריער דער עלטערער אהרן ליבערמאַן, וועלכער האָט, לויט ווינטשעווסקיס אויסדרוק: „איינגעפלאַנצט די רויטע פאָן אויפן שול־הויף און זיך אַרויסגעגנבעט פון דער וועלט". ווינטשעווסקי איז אָבער געווען דער ערשטער צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם סאָציאַליזם אין יידיש. דאָך איז ער ניט געוואָרן קיין מאַסן־פירער אין ברייטן זין פון אָט דעם וואָרט. ער איז „געשטאַנען ביי דעם וויגעלע, ווען די נייע צייט איז געבאָרן געוואָרן". ער האָט איר „צייטנווייז צוגעזונגען, צייטנווייז אונטערגעוויגט, צייטנווייז אויך אונטערגעהאָצקעט און צייטנווייז זי איינגעשטילט, ווען עס האָבן זיך גענומען שניידן די ערשטע ציינדלעך". שפּעטער, ווען זי איז אויסגעוואַקסן, האָט זי געהאַט אַנדערע לערער און פירער, כאָטש ער איז איר געווען ליב און טייער און זי האָט ביי יעדער געלעגנהייט געזונגען זיינע לידער. ווינטשעווסקיס הויפּט־איינפלוס איז דעריבער געווען מער פון אַ דיכטער ווי פון אַ טעאָרעטיקער, מער פון אַ שריפטשטעלער ווי פון אַן אָרגאַניזאַטאָר.

זיין סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אויך איצט ניט פאַרלאָרן איר ווערט. אַ סך פון זיינע „משוגעתן", געשריבן אין די אַכציקער יאָרן, זיינען אַזוי פריש און איינדרוקספול ווי זיי וואָלטן ערשט איצט געשריבן געוואָרן.

אָט זיינען עטלעכע פון זיינע „צעשלאָגענע געדאַנקען", געשריבן אין ענגלאַנד, אין יאָר 1889.

„איז ניט אידיאָטסטוואָ, צו גלויבן אין טייוול, אין אַ צייט, ווען מע הערט שוין ביסלעכווייז אויף צו גלויבן אין גאָט; צו לאַכן פון אַ גיהנום אויף יענער וועלט, און אונטערשטיצן אַ גיהנום אויף דער וועלט; אָפּצושאַפן פּיאַווקעס און בלוט־לאָזן ביי קראַנקע און זיי אויפצוהאַלטן פאַר געזונטע; צו רעדן פון פרייהייט און שווייגן פון באַדריקונג, — — — איז דאָס ניט אידיאָטסטוואָ צו וויסן דורכן טעלעגראַף, ווער עס שטאַרבט אין אויסטראַליע, און ניט צו זען מיט די אויגן, ווער עס קומט אום לעבן אונדז; צו פאַראַכטן שאַרלאַטאַנעס און זיי צו לאָזן פירן די גרענדע; צו באַשטראָפן פאַר כאַפּן געלט פון קעשענע און צו לויבן פאַרן כאַפּן דעם ביסן פון מויל; צו הענגען דעם, וואָס גיט דעם טויט און צו באַזינגען דעם, וואָס לאָזט ניט לעבן?"

אַ באַזונדער חן שוועבט אויך איבער ווינטשעווסקיס פריידענקערישער פראָפּאַגאַנדע. ער פּאָלעמיזירט ניט מיט גאַל, ווי די משכּילים, נאָר לאַכט אויס גוטמוטיק, כאָטש פאַרניכטנדיק. זיינע סאַטירעס איבער דער אַלט־מאָדישער יידישקייט, די אַלטע דערציאונג, די אַלטע זיטן און מנהגים, מוזן אַרויסרופן געלעכטער אַפילו ביי פרומע יידן. נאָר נאָך אַזאַ געלעכטער איז שוין שווער צוריקצוגיין אין די אַלטע וועגן.

* * *

ווינטשעווסקיס רעוואָלוציאָנערע שאַפונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע באַווייזן, אַז אין יעדן אָנטשיידנדיקן מאָמענט איז ער געשטאַנען מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן און פאַר זיי געווירקט און געשאַפן. ער האָט זיי אויך איבערגעלאָזן אַ באַדייטנדיקע ליטעראַרישע ירושה. אַ היפּש ביסל פון זיינע קינסטלערישע שאַפונגען קאָנען נאָך אויך איצט דינען ווי אַ מוסטער פאַר פּראָלעטאַרישע שרייבער, — פאַר דיכטער און פּראָזאַאיקער צוגלייך. ווינ־טשעווסקיס אָרט אין דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור איז אָנ־געצייכנט דורך זיינע צוויי הויפּט־עטאַפּן: דורך זיין יוגנט־ליד, וואָס האָט גערופן „די מאַסן אין די גאַסן" צום קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, און דורך זיין לעצטן ליד, וואָס איז אַ לויב־געזאַנג און אַ דערמוטיקונג צו די, וואָס בויען דאָס נייע לעבן:

„מיט קונסט, מיט פאַרשטאַנד
צו מאַכן די וועלט
פאַר אַ פרייהייט־געצעלט,
פאַר איין־איינציקן ראַטנפאַרבאַנד!"

מאָריס ראָזענפעלד

1

דאָס איז געווען מיט קנאַפּע זעכציק יאָר צוריק. יעדע שיף פון אייראָפּע האָט דעמאָלט געבראַכט פרישע אַרבעט־הענט פאַר אַמעריקע. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ יידישער שניידער מיטן נאָמען מאָריס.

ווי די מערסטע יידישע אימיגראַנטן, האָט מאָריס געאַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט. אָפט איז ער געשלאָפן אין ענגן, פייכטן „סוועט־שאַפּ" (שוויץ־פאַבריקל), כדי צו זיין דער ערשטער, ווען דער באַלעבאָס וועט פאַנאַנדערטיילן די „באַנדלס" (פּעקלעך אַרבעט) צו די שניידער־אַרבעטער. מאָריס איז געווען גרייט צו אַרבעטן איבער זיינע כחות. ער האָט געוואָלט וואָס פריער אָפּשפּאָרן די נויטיקע סומע אַריבערצוברענגען זיין ווייב און קינד פון אייראָפּע.

זיצנדיק ביי דער שניידער־מאַשין, אָדער שטייענדיק ביים פּרעס־אייזן, האָט מאָריסן פון צייט צו צייט געגעבן אַ ברי אַ געדאַנק וועגן דער לאַגע פון דעם אַרבעטער אין סוועט־שאַפּ. געוויינלעך איז אים דער געדאַנק געקומען אין גראַמען און אָפטמאָל באַגלייט מיט אַ ניגון. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט עס מאָריס דעקלאַמירט אָדער אויסגעזונגען פאַר זיינע נאָענטע שאַפּ־חברים. יענע האָבן עס אָפטמאָל איבערדערקלאַמירט אָדער איבערגעזונגען פאַר זייערע שכנים און פריינט. אַזוי האָבן זיך זיינע לידער צעטראָגן פון שאַפּ צו שאַפּ און געוואָרן באַקאַנט אין אַלע ברייטערע אַרבעטער־קרייזן.

זיינע נאָענטע פריינט ראַטן אים אויפצושרייבן זיינע לידער און זיי אַריינ־טראָגן אין אַ רעדאַקציע. מאָריס שטרענגט דאַן אָן זיינע מידע הענט און שרייבט אויף זיינע לידער אויף דעם גראָבן פּאַפּיר אין וועלכן דער קרעמער, דער „גראָסערימאַן", האָט איינגעוויקלט דאָס ביסל עסנוואַרג, וואָס ער האָט ביי אים געקויפט.

די רעדאַקטאָרן האָבן צוערשט געהאַט ווייניק צוטרוי צו די לידער אויף זאַק־פּאַפּיר פון אַן אומבאַקאַנטן „פּראָסטן" אַרבעטער. קוים אָבער האָבן זיי עס איבערגעלייענט, האָבן זיי דערזען, אַז דאָס איז עכטע פּאָעזיע, אַ זאַך וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זעלטנהייט אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע אין יידיש.

אָט אַזוי ווערט דער שניידער־אַרבעטער באַקאַנט אַלס דער יידישער פאָלקס־דיכטער מאָריס ראָזענפעלד.

ווען זיין „לידער־בוך" ווערט אין די 90ער יאָרן איבערזעצט אין ענגליש, שטורעמט אויף דאָס גרויסע לאַנד. די וואָרט־זאָגער פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור דערקלערן, אַז די יידישע אימיגראַנטן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ וועלט־דיכטער, און טאַקע איינעם פון די באַדייטנדיקסטע פון זיין צייט.

די דאָזיקע בשורה האָט זיך שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. מאָריס ראָזענפעלד ווערט באַלד איבערזעצט אין אַלע קולטור־שפּראַכן. זיינע לידער ווערן אַריינגענומען אין די אַנטאָלאָגיעס פון די בעסטע מוסטערן פון דער וועלט־ליטעראַטור. זיינע לידער דערשיינען ניט נאָר אין צייטונגען און זשורנאַלן, נאָר אויך אין בוך־פאָרם. אָפטמאָל אויך אין עטלעכע איבערזעצונגען פון פאַרשיידענע באַדייטנדיקע דיכטער.

אַדאַנק מאָריס ראָזענפעלדס שאָפּ־לידער, אָדער לידער פון געטאָ, ווי מען האָט זיי דעמאָלט אָנגערופן, האָט די ברייטע וועלט פון יענער צייט זיך דערוואוסט, אַז יידן באַזיצן אַ גרויסע אַרבעטערשאַפט, וואָס איז באַזעלט פון סאָציאַלע אידעאַלן; אַז די יידן האָבן אַן אייגענע קולטור־שפּראַך — יידיש — אין וועלכער עס זיינען געשריבן זאַכן, וואָס זיינען אַ צירונג פאַר דער וועלט־ליטעראַטור!

* * *

מאָריס ראָזענפעלד האָט פאַר זיין אָנקומען אין אַמעריקע, אין 1886, שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ היפּש ביסל אין זיין יונגן לעבן. ניט אַלע מאָל איז ער געווען דער „פּראָסטער" אַרבעטער, וואָס ער האָט אויסגעזען ביי זיין אָנקומען אין ניו־יאָרק. ער פלעגט זעלטן רעדן מיט מיר וועגן זיין פאַר־גאַנגענהייט אין אייראָפּע. זיינע שמועסן מיט מיר זיינען דאָס רוב געווען איבער יהודה הלוי און היינריך היינע, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר זיינע מייסטער. זיין פרוי, בעסי (אַסנע ביילע) האָט מיר אָבער אַמאָל דערציילט געענוי און אויספירלעך פון זייער לעבן. זיי זיינען ביידע געווען לאַנדסלייט און זיך געקענט פון קינדוויז אויף, זינט זיינע עלטערן האָבן זיך אַריינגעקליבן פון דאָרף באָקשאַ (דריי מייל פון סעני) קיין סואוואַלק (ליטע).

זי האָט אים געקענט אַלס אַלטערל אפרימס. זיין אָריגענעלער נאָמען איז געווען משה יאַנקל, נאָר זיינע עלטערן האָבן אים פאַרצויגן אויף „אַלטערל". זיי האָבן אים געצערטלט ווי אַ בן־יחיד. זיי האָבן פון אים פיל געהאַלטן. ער איז געווען אַ לערנער, אַ וואוילקענער, אַ מושלם. ער האָט געהאַט אַ שיינעם וואוקס, אַ ברוינעם פּנים מיט שוואַרצע אויגן — „צוויי שטיקער פייער". זיינע פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר האָבן, לויט בעסיס שילדערונגען, אים געגעבן „טויזנטער חנען". לויט ווי זי האָט מיר דערציילט, האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק אַלע לידער פון אליקום צונזער, מיכל גאָרדאָן, אברהם גאָלדפאַדען און אַנדערע. ער פלעגט זיי זינגען „אַזוי שיין און זיס, און מיט אַזוי פיל נשמה, אַז דאָס האַרץ פלעגט צעגיין פאַר נחת". ער איז געווען פול מיט לעבן, ער האָט אַריינגעבראַכט פריילעכקייט און געלעכטער אין יעדער געזעלשאַפט

וואו ער איז נאָר געקומען. ער איז געווען לוסטיק און וויציק און געהאַט שפּאַסיקע איינפאַלן אָן אַ שיער.

נאָך זייער חתונה זיינען זיי אַ געוויסע צייט געווען ביי זיינע עלטערן אויף קעסט. „אַלטערל" איז יעדן טאָג געזעסן אין בית־מדרש ביים בלאַט גמרא און פאַרשאַפט די עלטערן „נחת און גדולה". גלייכצייטיק האָט ער אויך געלייענט ביכער אין דייטש און אין העברייאיש.

אין עלטער פון 20 יאָר, שוין זייענדיק אַ טאַטע פון אַ קינד, וואַנדערט ער אויס קיין אַמעריקע. ער קומט צוריק פון דאָרטן אַנטוישט. ער קען שוין אָבער אויך ניט בלייבן מער אין סואוואַלק. זיינע עלטערן וואַנדערן אויס קיין לאָנדאָן, פאָרט אויך ראָזענפעלד אַהין אַוועק, וואו ער ווערט אַ שניידער אין אַ סוועט־שאַפּ. זיין שיינע ביילקע בלייבט אין סואוואַלק וואַרטן אויף זיין רוף. עס דויערט אַ לאַנגע צייט ביז ער נעמט איר אָפּ מיט זייערע צוויי קינדער קיין לאָנדאָן. זי געפינט דאָרט ניט מער דעם שיינעם שטאָלצן „אַלטערל" פון זייער יוגנט. זי געפינט אים דאָרט אַ פאַרדאגהטן, פאַרחושכטן סוועט־שאַפּ אַרבעטער מאָריס. די נויט אין לאָנדאָן איז געווען ניט צו דערטראָגן און מאָריס מוז זיך ווידער אַוועקלאָזן איבערן ים זוכן „אַמעריקאַנער גליקן".

ניט געקוקט אויף זיינע גרויסע ליידן אין לאָנדאָן, האָט אָבער מאָריס ראָזענפעלד געפונען אַזוינס, וואָס האָט אים דערמוטיקט און געשטאַרקט — דעם אידעאַל פון אַ בעסערער און שענערער וועלט. ער און ביילקע, וועלכע הייסט אין לאָנדאָן בעסי, זיינען געווען איבערגעגעבענע לייענער פון דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינט". צווישן די אָרעמע שטיצער פון דער דאָזיקער אַרבעטער־צייטונג געפינט זיך אויך דער נאָמען פון מ. ראָזענפעלד. אין ניו־יאָרק קומט ער שוין אַ טרייער יוניאָן־מאַן. ער שליסט זיך אָן אין דעם פאַראיין „ריטער דער פרייהייט", וואָס שיקט אָפט הילף דעם „אַרבעטער־פריינט" אין לאָנדאָן.

די אַרבעט אין ניו־יאָרקער סוועט־שאַפּ איז געווען איבער מאָריס ראָזענפעלדס כחות. פינף אַזייגער באַגינען פלעגט ער אַוועקגיין אין שאַפּ און פלעגט קומען צוריק אַהיים שפּעט ביינאַכט.

זיין האַרציק ליד „מיין ייִנגעלע" האָט ער ניט געשאַפן פון דער פאַנטאַזיע. עס איז גענומען פון זיין אייגן לעבן. ער אַליין איז געווען דער עלנטער פּרעסער, וועמעס טרער עס פאַלט אויפן הייסן פּרעס־אייזן. ער איז אויך געווען דער „בלייכער אָפּערייטאָר", וועמעס טרויעריקן לעבן ער האָט באַוויינט. אַ שטיק פון זיין אייגן לעבן איז אויך זיין ליד, אין וועלכן ער שילדערט זיין אָרעם הויזגעזינט. זיין פאַרצווייפלונג: וואָס וועט זיין מיט זיין ווייב און קינד, אויב ער „זאָל מיט איין מאָל ניט ווערן" — „ווער וועט זיי ביידע ערנערן?" ער דערציילט דאָרט אין יענעם ליד, אַז ווען ער כאַפּט

זיך אויף פון שלאָף קומט אים אויס ווידער צו שלעפּן זיינע „פּאַרמאַטעטע גלידער" צוריק אין דער „דומפּיקער שאַפּ". נאָר באַלד האָט ער דאָס אויך ניט געקענט. ער איז געוואָרן קראַנק, געמוזט אויפהערן אַרבעטן, און זיין פרוי, פון דער היים אַ פּאַרוק־מאַכערין, און אין ניו־יאָרק אַ שאַפּ־אַרבעטערין, האָט געמוזט פאַרזאָרגן דאָס הויז און דעם „אָרעמען קראַנקן מאַן".

פילנדיק אַליין זיין ווערט אַלס דיכטער, פּרואווט דער קראַנקער אַרבעטער אָפּדרוקן אַ פּאָר העפטלעך לידער. ער זינגט זיי און דעקלאַמירט זיי ביי מיטינגען און אונטערנעמונגען. ער פאַרלאַנגט דערפאַר בלויז מען זאָל אים געבן צו לייזן פאַר אַ ביכל. ער פּרואווט אויך אַרויסגעבן הומאָריסטישע זשורנאַלכלעך אַליין, אָדער צוזאַמען מיט שותּפים. נאָר אַלע זיינע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען ברענגען אים גאָר ניט אַריין. ער פאַרשולדיקט זיך נאָר אין חובות.

אַ קורצע צייט זעט אויס, אַז מאָריס ראָזענפעלד וועט שוין קאָנען אָנהויבן לעבן פון זיין דיכטונג. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיק האָט אים אָנערקענט פאַר אַ וועלט־דיכטער און די ציוויליזירטע וועלט האָט צוגעשטימט דערצו. נאָר די אַלע גליקן האָבן לאַנג ניט געדויערט. ער איז ניט געווען גענוג געשעפטסמאַן איינצוקאַסירן זיין וועלט־באַרימטקייט. די אַסימילירטע יידישע אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט אויך אַ געוויסע צייט שטאָלצירט מיט דעם גרויסן יידישן דיכטער וואָס די וועלט אָנערקענט, האָט אָבער ניט געקאָנט בייקומען איר גרינגשעצונג צו דער שפּראַך און קולטור פון די ברייטע יידישע מאַסן. די דאָזיקע גוט־מיינענדיקע, וואוילהאָבנדיקע יידן האָבן דעריבער געוואָלט באַזאָרגן דעם יידישן אַרבעטער־דיכטער, ער זאָל זיך, נעבעך, ניט דאַרפן מער אָפּגעבן מיט אַזאַ „מלאכה בזויה", ווי שרייבן אין „זשאַרגאָן". האָבן זיי אים געעפנט אַ „קענדי־סטאָרקע" —אַ קרעמל צו פאַרקויפן צוקערקעס צו קינדער. דער גרויסער דיכטער איז אָבער געווען גאָר אַ קנאַפּער געשעפטסמאַן, בפרט נאָך ווען זיין מוח איז געווען כסדר פאַרנומען מיט פאַרטראַכטן לידער. האָט זיין „געשעפט" זיך שנעל אויסגעשעפּט. ער האָט עס שפּעטער באַזונגען אין אַ דיאַלאָג צווישן אים און דער נויט. ער זאָגט צו איר:

„איך מאַך קיין גראַמען מער. אַ מערק עס!
איך האַנדל טאַבאַק און צוקערקעס.
עס איז מיר זיס, עס איז מיר ביטער:
איך בין קיין סוחר קיין געניטער,
דאָך פינקטלעך און אַ גוטער צאָלער,
לעב רעכט און שלעכט און שפּאָר אַ דאָלער."

און די נויט ענטפערט אים:

„און שרייבסטו ניט, דאַן וועסטו שרייבן:
וועסט, פריינט, קיין קרעמער ניט פאַרבלייבן;
איך קען זיי גוט, אָ די גערדיכטן;
דו וועסט נאָך ליידן, וועסט נאָך דיכטן.״

צוריק אין שאָפּ איז מאָריס ראָזענפעלד שוין ניט מער געגאַנגען. ער איז געוואָרן אַ ציַיטונגסמאַן, פון וואָס ער האָט געהאַט ווייניק נחת. דער בייט פון שאָפּ אויף דער רעדאַקציע איז פאַר אים געוואָרן אַ „שרעקלעכע רעאַקציע״. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ „פעדער־קנעכט״ און געיאָמערט, אַז ער מוז „אַליין איצט דינגען די פּען, וואָס זי האָט פריער ביי אים געדינט״. ער האָט ניט געקאָנט מוחל זיין זיין רעדאַקטאָר פאַרוואָס ער האָט אויסגעמעקט פון זיינע (ראָזענפעלדס) לידער די „שענסטע ערטער״ און אים געהייסן אָנשטאָט דעם געבן בלויז „געגראַמטע ווערטער״, און דערקלערט, אַז „די הויפּט־זאַך איז דאָס ביסל זנות, דען ווייטער איז דאָך אַלצדינג שטות״. ווי געזאָגט, איז ראָזענפעלד צוריק אין שאָפּ ניט מער געגאַנגען. די אַרבעט אין רעדאַקציע איז דאָך געווען פיזיש לייכטער. און האָט דער רעדאַקטאָר אויסגעמעקט ווערטער און שורות אין זיין ליד, האָט ראָזענפעלד זיי צוריק צוגעשריבן אויף דעם אויסשניט פון דער ציַיטונג און געהאָפט, אַז ער וועט דאָס ליד נאָך אַמאָל קאָנען פאַרעפנטלעכן אַזוי ווי ער האָט עס געשריבן. ער האָט אויך געזאַמלט די לידער, וועלכע מען האָט אים אויסגעבראַקירט און איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל אָנערקענט ווערן. ער קאָן זיך דעמאָלט אויך אָפּגעבן מיט דער דערציאונג פון זיינע קינדער, און איז באַזונדער שטאָלץ אויף זיין געראָטענעם זון, אַ פופצן־יאָריק בחורל, וואָס האָט אַליין געשריבן לידער אין ענגליש און אויך איבערזעצט זיין באַרימטן פאָטערס לידער אין אַט דער שפּראַך. נאָר אויך דאָס דאָזיקע גליק האָט לאַנג ניט אָן. דער שענסטער חלום פון זיין לעבן, די „קווינטעסענס״ פון זיינע פריידן, זיין דיכטערישער יורש שטאַרבט אַוועק. מאָריס ראָזענפעלדס דריי לידער וועגן זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם איין־איינציקן זון, מאַכן נאָך היינט אַ טיפן אומ־פאַרגעסלעכן איינדרוק. דער טיף־פילנדיקער דיכטער קאָן אויך לאַנג ניט אויסהאַלטן זיין אומענדלעכן נאָמענלאָזן צער און ער ברעכט צוזאַמען. ער ווערט טיילווייז פאַראַליזירט און איז אין געפאַר צו ווערן בלינד.

אין אָט־דער שווערסטער צייט פון זיין לעבן האָב איך זיך מיט אים באַ־קענט פּערזענלעך. צוערשט שריפטלעך, אָנהויב 1906. איך האָב אים דעמאָלט געהאַט איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין דעם וואָכנבלאַט „יידישער קעמפער״, וואָס האָט אין יענער צייט זיך געגרינדעט אין פילאַדעלפיע אונטער מיין רעדאַקציע. מאָריס ראָזענפעלד האָט מיר געענטפערט מיט אַ לאַנגן בריוו,

וואָס האָט זיך געענדיקט מיט „ברודער־גרוס“ און געאָטעמט מיט מענטשן־ליבע. צווישן אַנדערעס שרייבט ער דאָרט אַזוי:

„ייד און אַרבעטער“ איז שטענדיק געווען מיין מאָטאָ. אַמאָל האָט מען מיך אָבער ניט פאַרשטאַנען. אין קעגנטייל, מען האָט מיך נאָך געשימפּט און פאַרחרמט פאַר מיין „וואַרפן זיך“ אין „בײדע זייטן“. עס האָט געדויערט אַ פערטל יאָרהונדערט ביז די ציל־באַוואוסטע יידישע אַרבעטער, יידישע קעמפער, זיינען געקומען צו מיר.“ — — — „איך בין שוין געבראָכן אין קערפּער, אָבער מיין גייסט פרייט זיך מיט מיין זיג.“ — — — „זעט אייער בלאַט זאָל זיין ליטעראַריש און ריין פון פּערזענלעכקייט.“

מחמת זיין קראַנקהייט זיינען זיינע שפּעטערדיקע בריוו צו מיר צוערשט געשריבן מיט דער לינקער האַנט. ער קלאָגט זיך דעמאָלט, וואָס „פון די אַלע אומגעלומפּערטע געשרייען אין די יידישע בלעטער וועגן הילף“ פאַר אים האָט ער „אויסער חרפּה קיין זאַך ניט גענאָסן“. די שטיצע פון יחידים איז אים געווען דערווידער. ער האָט געוואָלט, אַז בלויז אָרגאַניזאַציעס זאָלן פאַר אים וואָס אונטערנעמען. ווען איך האָב עס ניט פאַרשטאַנען, האָט ער עס מיר צוריקגעצאָלט דורך אַ מתנה — די דייטשישע איבערזעצונג פון זיינע לידער דורך בערטאָלד פייוועל, רייך אילוסטרירט פון אפרים משה ליליען. אַזוי צאַרט־פילנדיק איז געווען דער דיכטער, וועמען ניט־פאַרגינער האָבן געשטעמפּלט פאַר אַ שנאָרער.

די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט מאָריס ראָזענפעלדן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, האָט ניט געענדערט מיין ערשטן גוטן איינדרוק וועגן אים. זיין טריאומף־רייזע אין אייראָפּע, דער פאַלשער קלאַנג וועגן זיין טויט און די שבחים־פולע הספדים איבער אים, וועלכע ער האָט, ווי קיין אַנדער דיכטער, זוכה געווען צו לייענען ביי זיין לעבן, האָט מאָריס ראָזענפעלדן ניט פאַרדרייט דעם קאָפּ. כ׳האָב אים געטראָפן דעם זעלבן באַשיידענעם און דאַנקבאַרן מענטשן וואָס פריער.

זיין פופציק־יאָריקער יובילײ, וואָס איז געפייערט געוואָרן אין אַ סך שטעט אין אַמעריקע, האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. עס האָט פון אים געאָטעמט מיט אינערלעכער פרייד און ברייט־האַרציקער מענטשן־ליבע. די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן ווייזן אים דעמאָלט אַרויס אַ סך ליבע און פאַרערונג. זיינע לעצטע דריי בענד „געוויילטע שריפטן“ (בענד 7, 8, 9) ווערן דאַן אָנגעבאָטן פון „פאָרווערטס“ צו אַ רעדוצירטן פרייז, זיינען געשטאַנען מאַסן יידן אין רייען און אויסגעקויפט אין אַ פּאָר טעג די פיל טויזנטער עקזעמפּליאַרן. ס׳איז ווערט צו דערמאָנען, אַז ווען עס איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון ראָזענפעלדס לידער מיט יאָרן פריער, איז אויך אין אַ קורצער צייט אויספאַרקויפט געוואָרן די גאַנצע אויסגאַבע, כאָטש אַ דאָלער

אַ בוך איז דעמאָלט (אין 1904) געווען איבער די מיטלען פון זײַנע לייענער, צום גרעסטן טייל שאַפּ־אַרבעטער.

זײַן פיזישע און גייסטיקע לאַגע פאַרערגערט זיך דורך זײַן ווערן אַרויס־געשטויסן פון „פאָרווערטס", וואָס איז דעמאָלט געווען די איינציקע יידישע אַרבעטער־צײַטונג אין ניו־יאָרק. ער מוז אָנקומען אַרבעטן אין אַ פרעמדער באַלעבאַטישער סביבה און ער ווערט דורך דעם אָפּגעריסן פון זײַנע אַרבעטער־קרייזן. דאָס דריקט אויף אים זייער שטאַרק, ער פילט זיך ווי אין אַ שטײַג. ער איז כסדר פאַרביטערט. ער הערט אויף צו שאַפן נייעס. באַלד ברעכט ער אויך צוזאַמען פיזיש (ער שטאַרבט דעם 22טן יוני, 1923).

איצט איז מאָריס ראָזענפעלדס חשובער פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַ־טור פעסט עטאַבלירט. ניטאָ אויך מער קיין מײַנונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן זײַנע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם פּיאָנערישן יידישן אַרבעטער־ליד, פון וועלכן ער, מאָריס ראָזענפעלד, איז דער באַדייטנדיקסטער פאָרשטייער.

2

אין זײַנע רייזע־בילדער באַשרײַבט מאָריס ראָזענפעלד דעם אַלטן בית־עולם פון פּראָג:

„אויף איין מצבה — שרײַבט מאָריס ראָזענפעלד — איז געשטאַנען אויסגעהאַקט אַ שווײַדערשע שער, און אין די קוים־קוים לעזבאַרע שורות האָט מען נאָך געקאָנט זען די ווערטער 'החייט... הצדיק... הגדול'. איך האָב זיך בײַ דעם דאָזיקן קבר אָפּגעשטעלט און האָב לאַנג געקוקט און געטראַכט, הלוואי שטעלט מען מיר אויך אַזאַ מצבה, נאָר לעבן דער שער זאָל נאָך ליגן אַ פּעדער!..."

מאָריס ראָזענפעלד איז דעמאָלט שוין געווען וועלט־באַרימט. זײַן רייזע קיין אייראָפּע איז געווען אַ טריאומף־צוג פון אַ וועלט־דיכטער. ער איז אַרויסגעפאָרן פון אַמעריקע האַלב־פּאַראַליזירט און אין געפאַר צו ווערן שטאָק־בלינד. נאָר קומענדיק אין אייראָפּע, וואו ער האָט געזוכט היילונג פאַר זײַן קראַנקן קערפּער, איז ער אויפגענומען געוואָרן ווי אַ העלדישער זיגער. ראָ־זענפעלד־אָוונטן זײַנען אַראַנזשירט געוואָרן אין אונגאַרן, באָסניע, בוקאָווינע, בעמען, גאַליציע, דײַטשלאַנד און עסטרײַך. ס'זײַנען אים געקומען ערן באַ־רימטע אייראָפּייאישע קינסטלער און געלערנטע. ער האָט געהערט דעקלאַמירן און זינגען זײַנע לידער אין אונגאַריש, דײַטש, טשעכיש, פּויליש, קראָאַטיש, רומעניש און שפּאַניש. בײַ זײַן ערשטן אויפטריט אין ווין, אינעם איבער־געפּאַקטן זאַל פון קאָנסערוואַטאָריום, וואו מאָריס ראָזענפעלד האָט געלייענט

זיינע לידער אין יידיש, איז געווען פאַרטראַטן ניט בלויז די קונסט און וויסנ־שאַפט, נאָר אויך די פינאַנץ (די ראָטשילדס און אַנדערע מיליאָנערן) און די אַרמיי. דאָך האָט זיך מאָריס ראָזענפעלד קיין רגע ניט פאַרגעסן, אַז ער געהערט צו דער אַרבעטער־משפּחה. זיין אַמביציע איז געווען, אַז צוזאַמען מיט זיין פעדער זאָל מען אויך דערמאָנען זיין שער...

* * *

מאָריס ראָזענפעלד האָט געוואוסט, אַז ער באַזיצט אַ וואולקאַנישע קראַפט. ער האָט פון זיך געזונגען: „מיין ליד האָט זיך ווי לאַוואַ דורכ־געבראָכן". נאָר מאָריס ראָזענפעלדן איז אויך ניט פרעמד געווען די שטילע, צאַרטע ליריק, וואָס גיט איבער די אינטימסטע באַוועגונגען פון דער נשמה. ס'איז געניג דורכצולייענען עטלעכע פערזן פון זיינע לירישע לידער, דאָס איינצוזען. למשל:

„ביי דעם שטילן האָדסאָן קלאָג איך
מיינע אייביקע יסורים.
האָדסאָן, שטילער האָדסאָן, זאָג איך,
ווי דיין וואַסער אַן דבורים
רעדט צו מיר דורך יעדע וועלע,
וועלכע קומט און ווערט פאַרשוואונדן,
גיט אַ רויש און פליסט אוועק —
פּונקט אַזוי אַ רעדט מיין זעלע
רק צו מיר דורך נייע וואונדן,
נייע וויען, נייע שרעק."

אָדער:

„גראָע וואָלקן טראַנטעס, שטיקער שימל
הענגען אין דער סמוטנער לופט אַראָפּ,
ווי אַן אַלטער בעטלער שלאָפט דער הימל
צוגעדעקט מיט שמאַטעס איבערן קאָפּ.

וואַגאַבונדן שאָטנס, וואַקלענד שיכור,
בלאָנדזשען אין דער טונקעלער ווייטקייט שטיל,
אַלע ווײַלע ווערט דער חושך דיקער

און אַ טויט־שרעק טראָגט זיך אָן אַ ציל.
נאָר דורך גרויל און אימה קלאַפּט דער שומר,
פרעגנדיק די נאַכט: „העי, ווער איז דאָרט?"
מעלאַנכאָליע אָטעמט אין די ביימער
און די וועלט איז שאַ. מען הערט קיין וואָרט."

דער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד האָט געוואוסט און אויך דערקלערט, אַז ער קומט גאָר פון אַן אַנדער וועלט, פון „אַ שענערס, בעסערס לאַנד", וואו

ער גייט אַרום און חלומט חלומות. ער דערציילט אויך, אַז אין זיין יוגנט האָט אים זיין מוזע געפירט צום געזאַנג איבער מאַי און איבער בלומען. „פרייד איז דורך דער לופט געשוואומען" און באַגריסט זיין ערשטן „גאַנג".

„איבער מיר גאָלד'נע שטראַלן,
מיר אַרום דער גרינער וואַלד,
וואו מיין בליק נאָר איז געפאַלן,
האָט געגרינט, געבליט, געשטראַלט.

און אין מיטן די קאַפּעליע
האָט געטרעלערט און געשפּילט,
און אין מיטן פון מיין זעלע
האָב איך פרישן גליק דערפילט."

נאָך יענע צייט, ווען מאָריס ראָזענפעלד האָט „אומשולדיק געזונגען ווי אַ פויגל אויפן בוים", איז גיך פאַרביי. שוין אין פרילינג 1889 האָט מאָריס ראָזענפעלד, אין זיין ליד צו די פּאָעטן, אויסגערופן:

„דיכטער! גענוג אייך פאַנטאַזירן,
הערט אויף אין דער לופטן צו שוועבן,
פּרואווט זיך בעסער אינטערעסירן
אין דעם מאַטעריעלן לעבן. —

לאָזט צורו די רויזן, די ליליען,
די שמעטערלינגע, די נאַכטיגאַלן,
זאָל די בלום דופטן, די פויגל שפּילן,
באַזינגט אונדזער נויט, אונדזערע קוואַלן *)..."

אָט אַזוי האָט דער אַרבעטער אין ראָזענפעלדן געגעבן זיין ליריק אַן אַנדער ווענדונג. אַנשטאָט צו זינגען פון „הימלס העכסטע פריידן", איז ראָזענפעלד געוואָרן דער דיכטער פון ערדס טיפסטע ליידן...

* * *

מאָריס ראָזענפעלד איז געבליבן אַ ליריקער אויך אין זיינע אַרבעטער־לידער. ער איז ניט געווען קיין דרויסנדיקער וועקער, ניט קיין מיטפילנדיקער באַוויינער. ער איז אַליין געווען דער העלד פון זיינע לידער. ער האָט באַוויינט זיין אייגענעם שיקזאַל אין דעם „סוועט־שאַפּ". ער האָט געשאָלטן דעם „באָס" מיט „טויטע קללות", געבענקט צו דער שיינער נאַטור און געחלומט פון אַ שענערן, בעסערן לעבן. די אַרבעטער האָבן באַלד דערפילט, אַז ראָזענפעלדס געוויין, קללות, בענקשאַפט און חלומות זיינען די זייעריקע. האָבן זיי

*) ליידן.

אָנערקענט זיין ליד, עס דעקלאַמירט און געזונגען נאָך איידער דער ליטעראַ־טור־טעמפּל האָט זיך פאַר אים געעפנט.

מאָריס ראָזענפעלד האָט אַלע מאָל געהאַלטן, אַז זיין ליד איז אַ פּראָדוקט פון שאַפּ. ווען ער האָט דערהערט אין זיין האַרצן אַ באַדויערן, וואָס ער האָט פאַרלאָרן זיין יוגנט אין שאַפּ, האָט ער זיך אַליין געענטפערט:

„דאָך ניט זיך גאָר אומזיסט געקוועלט.
כ'האָב דעם אַרבעטערס יאָך,
זיין לייד און זיין בראָך,
פאַרמסרט פאַר דער גאַנצער וועלט."

דאָס איז ניט געווען קיין מליצה. מאָריס ראָזענפעלדס אַרבעטער־ליד, איבערזעצט אין די מערסטע קולטור־שפּראַכן, האָטווירקלעך „פאַרמסרט" דעם אַמעריקאַנעם „סוועט־שאַפּ" פאַר דער גאַנצער וועלט. אמת, די וועלט, וואָס האָט באַוואונדערט זיין ליד אין די רייכע סאַלאָנען, האָט ניט אָפּגעשאַפט די אַמעריקאַנער שוויץ־סיסטעם. דאָס האָבן געטאָן זיינע אָרעמע שאַפּ־חברים, די „העלדן פון די שער און אייזן". האָט דער אַרבעטער־דיכטער טאַקע שטאַרק שטאָלצירט מיט זיי און זיי געבליבן טריי ביז צו זיין לעצטער מינוט.

* * *

דער „סוועט־שאַפּ" איז פאַרשוואונדן. דאָס אַרבעטער־לעבן איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער. מאָריס ראָזענפעלד אַליין איז, אַדאַנק זיין וועלט־באַרימט־קייט, איבערגעגאַנגען פון שאַפּ צו דער רעדאַקציע, פון שער צו דער פען. נאָר ער האָט ווייניק נחת געהאַט פון אָט דעם בייט. ער האָט אויסגעפונען, אַז אַ פעדער־קנעכט איז נאָך ערגער ווי דער „שקלאַף אין ווערקשטאַטס העלע"... אַז פאַרדינגען די פען איז אומצייליק מאָל אַ ניעדריקערע פּרנסה, ווי דאָס פאַרדינגען די שער... דער „באָס" פון דער „שרייבאַרניע" איז געווען נאָך ערגער ווי יענער פון שאַפּ. דער שונד־רעדאַקטאָר פלעגט דעם דיכטער הייסן „מיסט און בלאָטע גראָבן פאַר זיינע לעזער זיך צו לאָבן"... גאָר אָפט האָט דער דיכטער געוואונטשן צו ווערן באַפרייט פון אָט דער „שענדלעכער מלאכה", כאָטש אַ יאָר בעפאָר זיין שטאַרבן...

נאָר ווינטשנדיק, צייטנווייז, צוריק זיין שער, האָט דאָך ראָזענפעלד געזען, אַז זיינע שער־חברים האָבן נאָך ווייט ניט געזיגט.

„זיי קריגן שוין אַ ביסל מער שכירות,
זיי וואוינען שוין אין עטוואָס בעס'רע דירות,
זיי דאַרפן שוין דאָס לעבן מער ניט פלוכן,
האָבן שוין נאָך אַ הערינג, נאָך אַ קוכן,

א בעם'רן מאנטל שוין און בעסערע הויזן,
דאָך טרעטן זיי נאָך אַלץ ניט אויף קיין רויזן,
באַקומען ניט דעם ווערט פון זייער שאַפן,
זיי זיינען בלויז אָרגאַניזירטע שקלאַפן."

דערביי פאַרצווייפלט ניט דער אַלטער אַרבעטער־דיכטער. ער איז איבער־צייגט, אַז „דאָס וועט אַלץ נאָר אַזוי לאַנג געווערן, ביז די, וואָס שאַפן, וועלן זיך באַקלערן, און די, וואָס זיי באַרויבן און פאַרשעמען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל שטרענג צום חשבון נעמען —

„און אויסגיסן אויף זיי דעם גערעכטן צאָרן
פאַר אַלע לאַנגע, שלעכטע, ביט'רע יאָרן,
און מיט אַ קלאָרן און געבענטשטן זינען
נאָר געבן אַלץ צו די, וואָס דאָס פאַרדינען."

און ווען מ'האָט ראָזענפעלדן פאַרגעוואָרפן, פאַר וואָס ער האָלט כסדר אין וויינען, האָט ער געענטפערט, אַז די צייט, ווען ער „וואָלט העל געלאַכט", האָט ער פאַרלאָרן אין שאַפ, אין דער „שקלאַפן־נאַכט"... און כאָטש ער שאַפט שוין איצט „אַלס שרייבער, ניט אַלס שטעפער", דאָך שווימט נאָך אום אין זיין בלוט „דער אומעט פון די שעפער". נאָכמער, גראָד איצטער, ווען ער איז „שוין אַנטשוויגן, שטום" — זעט ער „זיך אַרום", אַז „יענער אַלטער וויטיק רעדט און קרעכצט, און רופט און בעט":

„וואָס שווייגסט דו אויף מיין גרויסן בראָך?
איך דויער נאָך, איך דויער נאָך."

מאָריס ראָזענפעלד האָט געהאַלטן, אַז די צייט האָט אים אָפּגעקילט, אַז ער זינגט און זיין האַרפע שפּילט,

„נאָר ניט דעמזעלבן ניגון;
ניטאָ, עס פעלט דער ערשטער ברען,
איך זוך, איך אַקער און איך קען
אים מער צוריק ניט קריגן."

דאָך, קוים זיינען נאָר די „העלדן פון די שער און אייזן" אַרויס אין קאַמף, אַזוי האָט דער אַלטער אַרבעטער־דיכטער ווידער געקראָגן דעם „ערשטן ברען" און אויפגעשפּילט „דעמזעלבן ניגון", וואָס אין זיין יוגנט. פען און שער ווערן דאַן ביי אים ווידער איינס און ער שניידט מיט זיי שאַרף און טיף...

*   *   *

שער און אייזן זיינען פאַר מאָריס ראָזענפעלדן ניט קיין שטומע באַשעפע־נישן. רירט ער זיי אָן מיט זיין צויבער־פען, אַזוי הייבן זיי אָן צו רעדן.

און גייען אַרויס די אַרבעטער אין סטרייק, אַזוי לאָזט זיי מאָריס ראָזענפעלד הערן, וואָס זייערע געציינג האָבן וועגן דעם צו זאָגן:

„עס רעדט די שער: „איך קאָן ניט ליידן
וואָס אייער האַנט איז ניט געקרעפּטיקט,
ווען איר האָט ניט קיין מאַכט צו שניידן . . .
ווען איר זייט לעבן מיר באַשעפּטיקט."

און שער און אייזן בעטן זיך מ'זאָל זיי לאָזן „ליגן קאַלט און זשאַווערן", ווייל זיי ווילן זיך מיט קנעכט „ניט חברן"... זיי ווילן ליבער „נוצן, העלפן, דינען", ווען די אַרבעטער וועלן זייער קאַמף געווינען.

קיין וואונדער, וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט נאָך יאָרן אַרבעט מיט דער פּען דאָך שטאָלצירט מיט זיינע „אַלטע געציינ"... ער האָט געזונגען:

„נאָך ליגט ביי מיר די אַלטע שער
מיט וועלכע איך פלעג שניידן,
ווען איך פלעג שקלאַפן נאַכאַנאַנד,
ווען איך פלעג הונגער ליידן."

און אַזוי אויסרעכענענדיק אַלע זיינע „אַלטע געצייג", פירט ראָזנפעלד אויס, אַז זיי האָבן אים צופיל געקאָסט ער זאָל מיט זיי זיך שיידן, אויך נוצן זיי אים, ווען ער דאַרף אָפט עמעצן „באַקליידן"...

די פען און די שער גייען ביי מאָריס ראָזענפעלדן האַנט אין האַנט. ביידע קאָנען זיין קייטן צו פאַרשקלאַפן און ביידע קאָנען אויך זיין געצייג פון באַפרייען. האָט מאָריס ראָזענפעלד אויך אין זיין העכסטער גלאַנץ ניט געקאָנט פאַרגעסן זיין שער און אייזן. ער דערציילט אין זיין ליד „די שאָפּ", אַז ער געדענקט ניט מער זיין אַלטע היים וואו ער איז געבאָרן, אַז ער שענקט אויך ניט „דעם מינדסטן קלער די ליבסטע פון די יונגע יאָרן". ער געדענקט נאָר די שאָפּ, ווייל ער האָט זי „צופיל געצאָלט". קוים קומט אים די שאָפּ אויף דעם זין, דערשיינט אים „יעדער באָס אַ שפּין", וואָס „פאַנגט און זויגט די אָר'מע פליגן".

און אַזוי טראַכטנדיק פון שאָפּ פלעגט זיך דער אַלטער אַרבעטער־דיכטער אָפט פאַרבענקען נאָך זיינע חברים פון שער און אייזן. נאָר, האָט ער געקלאָגט,

„איך טרעף קיין איינציקן פון זיי
מיט מיר, וואָס האָבן געשקלאָפט,
זיי זיינען אַלע טויט שוין, וויי!
זיי זיינען שוין אָפּגעשאָפּט."

ער האָט געפילט, אַז אויך ער, דער „פעדער־שקלאַף״, וועט זיינע שאַפ־חברים לאַנג ניט איבערלעבן. בלויז איין אונטערשייד האָט ער געזען. ער האָט געפילט, אַז כאָטש ער איז ביי זיין לעבן פאַרגעסן געוואָרן, איז ער דאָך אומשטערבלעך.

„דען אַלץ, וואָס איז געזונט, דאָס זע איך בלייבן.
עס קאָן אין וועקסלס לאַנגן שטרייט
דאָס קראַנקע נאָר, דאָס פוילע זיך צערייבן.
דאָס געזונטע — מיט אַ נייע ליב באַלייבן
און שטענדיק ווידערשטיין די צייט.״

(„מאָרגן־פרייהייט״, יוני 21, 1929.)

דוד עדעלשטאַט

אין זיין ניט־געדרוקטער פאָררעדע צו זיין ביכל לידער פון 1892, דערקלערט דוד עדעלשטאַט, אַז זיינע לידער זיינען געווידמעט הויפּטזאַכלעך דעם אַרבעטער. ער וואָרנט דעם לייענער ניט צו זוכן אין זיין פּאָעזיע „די הייליקע האַרפּע פון אַ האָמער, די קלאַסישע שיינקייט פון אַ דאַנטע". זיינע לידער, זאָגט ער, זיינען געוואָרן „געבאָרן ניט אין אַ בלומענגאָרטן", נאָר „אין דער פינצטערער וועלט פון שקלאַפעריי. זיי האָט געשריבן אַ שקלאַף, וועלכער האָט גענומען זיינע באַגייסטערונגען אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי". אין אַ צווייטן וואַריאַנט דריקט זיך אויס דוד עדעלשטאַט, אַז ער האָט זיינע לידער צום ערשטן מאָל דערפילט אין האַרצן, אין דעם „פינצטערן קערקער פון לוין־שקלאַפעריי", און זיי אויפגעשריבן אין זיין זכרון מיט די „גליענדע טרערן" פון די „בלאַסע, נידערגעזונקענע קנעכט", וואָס זיינען געזעסן אַרום אים. ער מאַכט דעם אויספיר: „מיין מוזע איז אַ פּראָלעטאַרישע מוזע." דערביי דערקלערט ער, אַז „די פרייהייט פון אַ דיכטער דאַרף ניט זיין קיין ווינטמיל, וועלכע זאָל פאָלגן אימער נאָר דעם פּוסטן ווינט. דער דיכטער דאַרף פריער פאַר אַלץ זיין אַ מענטש. און יעדער מענטש אין אונדזער צייט, ווען ער איז ניט גייסטיק קראַנק, מוז ־טיילן מיט זיינע מיטמענטשן דעם אָדער יענעם אידעאַל פון זיין צייט. אַלס אַ דיכטער, דאַרף זיין זיין האַרץ מיט אַלע ליידנדע. אַלס אַ מענטש, מוז ער קעמפן פאַר דיזע ליידנדע. זיין פרייהייט דאַרף באַשטיין אין דעם, וואָס ער קעמפט פאַר דעם פרייען גייסט, פאַר דער באַפרייאונג פון די פאַרשקלאַפטע און ניט אין דעם וואָס ער וועט באַזינגען פריי יעדע דומהייט." *)

אין די גרענעצן פון זיין „פּראָלעטאַרישער מוזע" האָט דוד עדעלשטאַט פיל געאַרבעט איבער זיינע לידער. ער איז געווען דער יינגסטער פון די דריי אַרבעטער־דיכטער פון די אַכציקער יאָרן און געהאַט דעם קורצסטן לעבנסוועג. ער האָט געלעבט אַ דריטל יאָרן פון מאָריס ווינטשעווסקיס און צוויי פינפטל פון מאָריס ראָזענפעלדס. זיין שאַפונגס־פּעריאָד (1889—1892) האָט געדויערט ווייניקער ווי אַ צוועלפטל פון מ. ווינטשעווסקיס שאַפן אין יידיש

---

*) געדרוקט פון מאַנוסקריפּט אין דער סאָוועטישער אויסגאַבע פון עדעלשטאַטס לידער, צוזאַמענגעשטעלט פון קלמן מרמר פאַר די אינסטיטוטן פון יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פון די אוקראַינישע און ווייסרוסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיעס. פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935, זייט 106.

און אַ קנאַפּער ניינטל פון ראָזענפעלדס. דערצו איז ער נאָך פיל געשטערט געוואָרן דורך זיין דערציאונג אין דער עכט־רוסישער שטאָט קאַלוגע, וואו ער האָט זעלטן געהערט דעם קלאַנג פון דער יידישער שפּראַך. ער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן און שרייבן יידיש ערשט אין אַמעריקע, ווען ער האָט געאַרבעט אין סוועט־שאָפּ צוזאַמען מיט יידיש־רעדנדיקע אַרבעטער.

זיינע ערשטע לידער אין יידיש האָט דוד עדעלשטאַט געשריבן ניט קענענדיק גענוג די יידישע שפּראַך. זיי זיינען דעריבער ניט ריין פון רוסיפיציזמען, גערמאַניזמען און אַנגליציזמען. ער האָט נאָך דעמאָלט אַפילו ניט געקענט גענוי די יידישע שריפט — אין זייגע מאַנוסקריפּטן פון 1889 פאַרבייט עדעלשטאַט אַ גימל אויף אַ זיין, אַ דלד אויף אַ צדיק א. ד. גל. העברייאישע ווערטער שרייבט ער פאָנעטיש, אָדער מיט גרייזן, ווי למשל: כיין, רכמנת, יסם, פיילען אַנשטאָט: חן, רחמנות, יתום, פועלן א. אַז. וו. אין זיינע גערמאַניזמען אָבער האָט געהאָט אַ טייל די רעדאַקציע. זי ענדערט זיין שרייבן „אַ" אויף „איין", „און" אויף „אונד", „וועט" אויף „ווירד" א. ד. גל.

דוד עדעלשטאַט האָט שטאַרק געהאַלטן פון יידיש. נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשריבן זיינע ערשטע צוויי יידישע לידער (פעברואַר 1889) שרייבט עדעלשטאַט צו זיין פאַמיליע, אַז ער איז איצט אויך „איינגעליבט אין דער יידישער שפּראַך" און ער געפינט, אַז „זי איז זייער מוזיקאַליש און פלאַסטיש אויף אויסצודריקן דעם פאָלקס ליידן און זיינע האָפענונגען אויפן זיג פון אמת און ברידערלעכקייט". ער האָט דעריבער פיל געאַרבעט איבער זיינע יידישע לידער און זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פוצן און שלייפן זיין יידישע שפּראַך. ער טראָגט אַפילו אין איר אַריין נייע אויסדרוקן, ווי, צום ביישפּיל, „שטורעם־וואָלקנס", „זונען־הויך" (אַנשטאָט הימל־הויך) א. ד. גל. ער גראָמט עפּיגראַמיש: „רויטע רעבעלן" מיט „שטורמישע וועלן", „בראַווע קאַמעראַדן" מיט „שלאַכט באַריקאַדן", און אַלס קעגנזאַצן: „שקלאַפן־מוזיק" און „שקלאַפן־פאַראַדן", „שטורעם־גלאָק" מיט „ראַכע־טאָג" און „פרייהייט־טאָג". „קינדער פון הונגער און נויט" מיט „גיהנום פון שרעקן און טויט", א. אַז. וו. באַזונדערס אַרבעט דוד עדעלשטאַט זייער פיל כדי אויסצודריקן אין זיינע לידער קלאָר און פּינקטלעך דאָס, וואָס ער וויל זאָגן. ער באַנוצט זיך אויך מיט פאָלקס־ווערטלעך (ווי: „איר שעכט און בלייבט גערעכט") מיט פאַרגלייכונגען („אַליין ווי אַ שיפל אין שטורמישן מער"). זיינע איבערגעלאָזטע מאַנוסקריפּטן באַווייזן, אַז ער פלעגט איבערשרייבן זיינע לידער עטלעכע מאָל. ער פלעגט ענדערן ווערטער און אויך גאַנצע סטראָפעס. פאַראַן ביי אים לידער, וואָס ער האָט איבערגעמאַכט פון 14 שורות אויף בלויז צוויי. זיינע ענדערונגען זיינען אין אַ סך פאַלן געווען געצילט צו פאַרבייטן דאָס פּערזענלעכע אין אומפּערזענלעכע, דאָס אינדיווידועלע אין קאָלעקטיווע. אַזוי

ענדערט ער, צום ביישפּיל, די ווערטער: „מיין קראַנקן, מיין לײדנדען הערץ", אויף — „דאָס לײדנדע מענטשלעכע הערץ"... און „צווישן בערג פאַרשנייטע זיץ איך קראַנק — — — און איך קוק מיט אומעט", ענדערט ער אַזוי: „אויף אַ פעלזן־שטיין זיצט אַ יונגער אָדלער עלנט קראַנק אַליין"...

דאָס ענדערן פריערדיקע לידער, דאָס געבן נייע וואַריאַנטן, אָדער דאָס דערקלערן געוויער אין אַ נייעם ליד, וואָס ער האָט געמיינט אין אַ פריערדיקן, איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין עדעלשטאַטס פּאָעזיע. אַזוי איז זיין „פרילינג־ליד" אַ דערקלערונג פון זיין ליד „נאַטור און מענטש", פאַרעפנט־לעכט מיט איבער אַ יאָר פריער. דעמאָלט, אין מערץ 1889, האָט ד. עדעל־שטאַט זיך נאָך פאַרגעשטעלט די נאַטור ווי אַן איבערגעגעבענע מאַמע. ער פרעגט: „ווען מענטשן ליידן, קלאָגן, קאָן די נאַטור דען פריילעך זיין?" און ער ענטפערט: „ניין, טרערן בלוטיקע, פאַרבאָרגן זיינען אין איר רויטער זונען־שיין"... „עס שיינט" אים, זאָגט ער, אַז די לבנה און שטערן זיינען פול מיט „הייסע מענטשן־טרערן". אין זיין נייעם „פרילינג־ליד", אַ יאָר שפּעטער, באַטראַכט שוין ד. עדעלשטאַט די נאַטור גאָר מיט אַנדערע אויגן. זי איז פאַר אים ניט מער קיין מאַמע פון ליידן, נאָר אַ קוואַל פון שיינקייט. עס פאַרדריסט אים נאָר, וואָס פון דער נאַטור־שיינקייט, פּונקט אַזוי ווי פון אַלע אַנדערע נאַטור־אוצרות, „געניסט יעצט נאָר דער טיראַן!" עס טוט אים וויי, וואָס דער אַרבעטער געניסט ניט פון דעם פרילינג, וואָס איז פאַר אים „נאָר שטורעם און פרעסט"; וואָס ניט מיט געזאַנגען, נאָר „מיט זיפצן און קרעכצן איז פול יעדער אַרבעטער־נעסט".

* * *

מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט האָט דוד עדעלשטאַט פאַלירט און געשליפן זיינע לידער, וואָס ער האָט „באַאַרבעט" אָדער „פריי איבערזעצט" פון אַנדערע שפּראַכן. צום ביישפּיל, היינעס ליד „די שלאַנקע וואַסער־ליליע" האָט ד. עדעלשטאַט צוערשט איבערזעצט אינגאַנצן פריי. ער מאַכט דערפון דריי סטראָפעס אַנשטאָט היינעס צוויי. אַזוי ווי דאָס ליד אָבער ווערט דורך דעם צעצויגן, וואַרפט אַרויס עדעלשטאַט די איבערחזרונגען און אַדיעקטיוון, ביז דאָס ליד ווערט קאָנצענטרירט אין צוויי סטראָפעס. גלייכצייטיק זוכט ער אויך צו מאַכן זיין יידיש מער אידיאָמאַטיש. נאָכמער האָט עדעלשטאַט גע־אַרבעט אויף זיין פרייער איבערזעצונג פון פּאַרסאָנס אַ ליד. צווישן עדעל־שטאַטס מאַנוסקריפּטן געפינט זיך ביי אַ צענדליק וואַריאַנטן פון דעם ליד. ער האָט פון וואַריאַנט צו וואַריאַנט געענדערט ניט בלויז ווערטער און שורות, נאָר אויך גאַנצע סטראָפעס. דאָס ליד האָט אויסגעדריקט זיינע אייגענע שטימונגען אַלס שווער־קראַנקער אין דענווער, קאָלאָראַדאָ. אויף עדעלשטאַטס מאַנוסקריפּטן פון אָט־דעם ליד איז פאַראַן אַ באַמערקונג צו דער רעדאַקציע

„איר זאָלט מיין נאָמען ניט אונטערשרייבן, ווייל עס קאָן איבערשרעקן מיינע אייניקע פריינט"... ער האָט דעריבער געזוכט צו מילדערן, אָדער אינגאַנצן אויסלאָזן, זיין פאַרביטערונג פון יענער צייט.

דוד עדעלשטאַט איז ניט מאָנאָטאָן. ער ווייסט די קונסט ווי אַזוי אויס־צודריקן דעם זעלביקן אינהאַלט אין פאַרשיידענע פאָרמען. אין זיינע ערשטע לידער איז די אייזערנע קייט דער סימבאָל פון שקלאַפעריי. אין זיינע שפּעטער־דיקע לידער שמידט עדעלשטאַט איבער זיין אייזערנע קייט אין אַ סימבאָל פון פרייהייט. זיין „אַלטער שמיד" זיצט אויף אַן אינדזל און „אַרבעט און שמידט אַן אייזערנע קייט פאַר דעם גאָט מאַמאָן". און „פאַר יעדן טיראַן, וואָס ליגט צעשפּרייט אויף זיין בלוטיקן טראָן". דער שמיד שווערט, אַז זיין „אייזערנער האַמער" וועט צעשמעטערן די „גאָלדענע קרוין". אַן אַנדער עדעל־שטאַטישער סימבאָל איז דער שטורעם. אין זיינע ערשטע לידער איז דער שטורעם דער סימבאָל פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, דער שטורעם קומט „צע־שטערן טיראַנען און טראָנען". אין זיינע שפּעטערדיקע לידער אָבער דיכטעט איבער ד. עדעלשטאַט דעם דאָזיקן סימבאָל פון רעוואָלוציע אין אַ סימבאָל פון רעאַקציע. דער שטורעם ווערט דאַן ביי אים דער סימבאָל פון די שוואַרצע כחות, וואָס זוכן איינצושלינגען דאָס שיפל פון פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד.

מיט ווייניק אויסנאַמען זיינען עדעלשטאַטס סימבאָלן אינטערנאַציאָנאַלע. אַ היפּשע צאָל פון זיינע לידער זיינען געוויס ניט מער ווי פּראָזע אין פערזן. די איינפאַכקייט און האַרציקייט, מיט וועלכע זיי זיינען געשריבן, הויבט זיי אָבער אויף איבער דער אַלטעגלעכקייט. עדעלשטאַט פאַרמאָגט ניט אַזאַ רייכ־קייט פון ריטמען ווי זיינע עלטערע חברים, ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד. דאָך געפינען זיך ביי אים פאַרשיידענע גראַם־פאָרמען. צום ביישפּיל, פון זיינע אַן ערך הונדערט פינף און דרייסיק יידישע לידער, זיינען דריי און צוואַנציק אויסגעלאָזטע גראַמען (שורות 2־4), עלף אין פּאָר־גראַמען, פיר אין געמישטע גראַמען און דריי אין גאַרטל־גראַמען (1־4 און 2־3). די איבעריקע זיינען אין קרייץ־גראַמען (1־3 און 2־4).

עדעלשטאַט באַנוצט געוויינלעך איינטראָפּיקע און צווייטראָפּיקע גראַמען, ווי „מאַכט" מיט „נאַכט", און „לאַרדן" מיט „מאָרדן". ער באַנוצט זיך אויך מיט אומפּינקטלעכע גראַמען, ווי „ברויט" מיט „פאַרשטעלט", „פאָלק" מיט „פאַרפאָלגט", „שקלאַף" מיט „וויסנשאַפט", און מיט דאַקטילישע גראַמען, ווי: „איבעראַל" מיט „ליבעראַל". די לעצטע זיינען אָבער ביי אים אַ זעלטנהייט. ער גראַמט אויך „ב" מיט „פּ", ווי „ליב" מיט „פּרינציפּ"; „ג" מיט „ק", ווי „אַבטרוג" מיט „דרוק"; „ד" מיט „ט", ווי „פרייד" מיט „קוויט"; „ל" מיט „ר", ווי „שטעלן" מיט „צעשטערן".

בכלל אָבער האָט עדעלשטאַט ניט געלייגט קיין סך געוויכט אויפן גראַם.

אין זיין טאָגבוך פון יאַנואַר 1889, שרייבט ער (אין רוסיש) אַזוי: „ווי קאָן מען טראַכטן וועגן גלאַטיקער פאָרם און קלינגענדיקן גראַם, אַז עס דערטראָגט זיך צו מיר דאָס טראַגישע לוויה־ליד אָן ווערטער, אָן קלאַנגען, נאָר פול מיט עלנט און טרערן.**)

זיין האַס צו שקלאַפעריי און קענכטשאַפט דריקט אויס ד. עדעלשטאַט אין זיינע עפּיטעטן צו דער אַרבעטערשאַפט. אין זיינע לידער רופט ער זי אָן הונדערט דרייצן מאָל מיט די עפּיטעטן „שקלאַפן" און „קנעכט", און בלויז פינף און זעכציק מאָל „אַרבעטער" און „פּראָלעטאַריער". אויך אין זיינע דערציילונגען און בילדער באַטיטלט ער די אַרבעטער דריי און דרייסיק מאָל מיט „שקלאַף" אָדער „קנעכט", און בלויז זיבעצן מאָל רופט ער זיי „אַרבעטער" און „פּראָלעטאַריער". פאַר דער בורזשואַזיע האָט עדעלשטאַט אַזוינע עפּיטעטן ווי: „קאַפּיטאַליסטישע באַנדע", „קאַפּיטאַליסטישע בעסטיע" א. ד. גל. די אַרבעטער ווערן ביי אים אויך אָנגערופן מיטן נאָמען „פאָלק", נאָר אָט דער סינאָנים פון אַרבעטערשאַפט איז אין יענער צייט אויך באַנוצט געוואָרן פון מאָריס ווינטשעווסקי און פון מאָריס ראָזענפעלד. ווינטשעווסקי רופט אויך אָן זיין ערשט ביכל אַרבעטער־לידער: „פאָלקס־געדיכטע" (1885). די „אַר־בעטער־צייטונג" רופט אָן מאָריס ראָזענפעלדן „פאָלקס־פּאָעט" און אַזוי רופט אויך אָן די „פרייע אַרבעטער שטימע" דוד עדעלשטאַטן.

* * *

דוד עדעלשטאַט איז אַ סך באַווירקט געוואָרן פון מאָריס ווינטשעווסקין. עדעלשטאַטס ערשט ליד „צורוף דער וואַרהייט" איז מאָדעלירט לויט ווינ־טשעווסקיס „צורוף צום אַרבעטער־פריינט", געשריבן מיט פיר יאָר פריער. זיינע לידער „דער מיינער" און „פאַרבלוטיקטע גייסטער", זיינען פאָרמירט לויט ווינטשעווסקיס ליד „דאָס געשפּענסט" („אַרבייטער־פריינד", 10טן דעצעמבער, 1886). באַווירקט פון ווינטשעווסקין זיינען אויך עדעלשטאַטס לידער „אין קאַמף", „די פאָלקס־שטימע", „די פרייהייט־געטין", „עס טאָגט", „אַ טרויעריקער געלעכטער". פאַראַן אָבער וועזנטלעכע אונטערשיידן. ביי ווינטשעווסקין פיגורירן די אַרבעטער אַלס „איר"; ביי עדעלשטאַטן, וואָס איז אַליין געווען אַ שאַפּ־אַרבעטער — אַלס „מיר" און „אונדז". מ. ווינטשעווסקי ווענדט זיך צו „אונטערדריקטע מאַסן", צו „ברידער", צו „אַרבעטס־לייט"; ד. עדעלשטאַט רעדט צו „דאָס אָרעמע שמאַכטענדע פאָלק", צו „אָרעמע קנעכט", צו „אָרעמע שקלאַפן". אין ווינטשעווסקיס ליד זיינען די טיראַנען — „ליידיק־

**) דוד עדעלשטאַטס טאָגבוך און בריוו אין רוסיש מיט אַ יידישער איבער־זעצונג זיינען פאַרעפנטלעכט, פון זיין מאַנוסקריפּט, אינעם בוך „דוד עדעלשטאַט" פון קלמן מרמר, פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935.

גייער״, וואָס „פּרעסן די פּרוכט פון אויסגעקוועלטע ***) הענט״, און „דער מאַן פון געלט״. אין עדעלשטאַטס ליד שטייען די טיראַנען אויסער צייט און אָרט. זיי זיינען מערדער פון פרייהייט־קעמפּער, זיי דערשיסן און הענגען די, וואָס „אמת פאַרלאַנגען״. ווינטשעווסקיס קעמפער זיינען אַרבעטסלייט, וואָס קעמפן קודם כל פאַר זיך אַליין; עדעלשטאַטס קעמפער זיינען די רוסיש־פּאָלקיסטישע „דענקענדע מענטשן, וואָס ליבן גערעכטיקייט, ליכט״. ווען ווינטשעווסקי רופט די אַרבעטער „צום קאַמף״, דערקלערט ער זיי (אינעם גייסט פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״), אַז זיי האָבן דערביי גאָר ניט וואָס „צו פאַרלירן״. עדעלשטאַטס „דענקענדע מענטשן״ קעמפן אָבער דערפאַר, ווייל „אַליין די נאַטור טוט זיי בענטשן — — — צו די הייליקע פליכט״. ווינטשעווסקי הערט „קלינגען שוין די וואָפן קעגן אונדזערע ברידער אויפן גאַס״. ער דערמוטיקט די אַרבעטער ניט מורא צו האָבן „פאַר האַרמאַטן, אַ ביקס, אָדער אַ שווערד״, ווייל גייען זיי „דען ניט פאַר דער צייט אין דער ערד טויזנטווייז, ווען אויך ניט דורך סאָלדאַטן?״ עדעלשטאַט רעדט וועגן „געפענגעניש״, „אייזערנע קייטן״, וועגן „ווערן דערשאָסן, געהאַנגען״, און זיין טרייסט איז, אַז די טיראַנען קאָנען „אונדזערע קערפּער נאָר טויטן, אָבער ניט אונדזער הייליקן גייסט!״...

אין עדעלשטאַטס „פרייהייט־געטין״ דערקענט מען ווינטשעווסקיס „פרייהייט־גייסט״. אין עדעלשטאַטס ליד „עס טאָגט״ פילט זיך דירעקט די ווירקונג פון ווינטשעווסקיס ליד „עס רירט זיך״ (1886), נאָר ווינטשעווסקיס ליד איז קאָנקרעט. עס דערציילט, אַז דאָס קומט פאַר אויף „ביידע זייטן פון אַטלאַנטיק״, אַז „פריי זייך, זאָט זיין ווייל דער אַרבעטער״, ער „וויל געניסן אַל די זאַכן, וואָס עס מאַכן זיינע הענט״. עדעלשטאַט אָבער דערציילט, אַז „שמשון הגבור פון אונדזער יאָרהונדערט האָט פון זיין שלאָף ערוואַכט״. צום אונטערשייד פון ווינטשעווסקיס „אַרבעטסמאַן״, קעמפט ניט עדעלשטאַטס „שמשון הגבור״ קעגן קאַפּיטאַל. ער איז אַ ראָמאַנטישע פיגור, אַ „שקלאַף״, וואָס האָט „דערוואַכט פון זיין פינצטערן דרימל״ און גרייפט ווי די ריטער פונעם מיטלאַלטער צום „פאַנצער און שווערד״... ער איז אַ מענטש, ביי וועלכן עס פלאַקערט דער „פרייהייטס הייליקער שמייכל״. ער „וויל ניט מער וויסן פון גאָט און הימל״ און „וויל ניט קיין קיין האַר אויף דער ערד״. דער דאָזיקער שמשון הגבור האָט אָבער קיין שייכות ניט צו די טאָג־טעגלעכע קאַמפן פון די אַרבעטער־מאַסן. עדעלשטאַט איז שטאַרק באַווירקט פון ווינטשעווסקין, זיין אַנאַרכיזם דערלאָזט אים אָבער ניט נאָכצופאָלגן ווינטשעווסקין אין היינזיכט פון שילדערן די טאָג־טעגלעכע קאַמפן, צו וועלכע ער (עדעלשטאַט) באַציט זיך מיט ביטול.

***) אויסגעמוטשעטע.

ניט געקוקט אויף די ניט־פריינטלעכע באַציאונגען פון די אַנאַרכיסטן צו מאָריס ראָזענפעלדן, פלעגט דאָך עדעלשטאַט אָפט פון אים באַווירקט ווערן. אינגאַנצן באַפרייען זיך פון ראָזענפעלדס ווירקונג האָט עדעלשטאַט ניט געקאָנט. זיינע ערשטע לידער זיינען, פונקט אַזוי ווי ראָזענפעלדס, געבאָרן געוואָרן „אין פינצטערן שאַפּ“, כאָטש ער (עדעלשטאַט) רעדט פון „געדאַנקען אויף דער פאַבריק“ און ראָזענפעלד זעט דאָרט „קיין געפיל, קיין געדאַנק, קיין פאַרשטאַנד גאָר“. ביידע האָבן געזונגען פון יידישן שניידער־לעבן, כאָטש ראָזענפעלדס „בלייכער אָפּערייטאָר“ אַרבעט אין פאַבריק, און עדעלשטאַטס „בלייכער שניידער“ אַרבעט ביי זיך אין צימער פאַרן „קליידער־מאַגאַזין“. ביידע נעמען זיך אָן אין זייערע לידער די קריוודע פון דער „געפּאַלענער“, כאָטש עדעלשטאַט דערמאָנט ניט קיין שולדיקן און ראָזענפעלד ווייזט אָן אויפן פאַבריקאַנטס הויז... ביידע האַלטן די פאַרשקלאַפטע אַרבעטער פאַר „געפאַנגענע לייבן“ און זיך פאַר טרערן־דיכטער.

אַ חוץ לידער און אַרטיקלען האָט דוד עדעלשטאַט אויך געשריבן דערציילונגען און בילדער, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן אַ באַדייטנדיקע פּאָפּולערקייט. פונקט ווי אין זיינע לידער, אַזוי האָט עדעלשטאַט אויך אין זיינע דערציילונגען זעלטן געמאָלן רעאַלע בילדער פון לעבן. ער האָט ניט געשריבן קיין שאַפּ־דערציילונגען ווי מאָריס ראָזענפעלד און קיין בילדער פון קאַמף ווי שפּעטער מאָריס ווינטשעווסקי. מיט ווייניק אויסנאַמען אָבער זיינען עדעלשטאַטס דערציילונגען און בילדער אויסגעטראַכטע סכעמעס צו באַווייזן דעם עלנט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. זיינע פּערסאָנאַזשן זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש און ניט טיפּיש פאַרן אַרבעטער־קלאַס, נאָר פאַרן קליינבירגער. עדעלשטאַטס העלדן ווייסן ניט פון קיין אַרבעטער־באַוועגונג, פון קיין קלאַסן־קאַמף, אָדער, ווי דאָס הייסט ביי אים — „פרייהייט־קריג“ אָדער „סאָציאַלן שלאַכט־פעלד“. זייערע העלדן גייען אונטער אין עלנט, אָדער זיי פאַרנעמען זיך מיט פּערזענלעכער נקמה, אָדער זיי באַגייען זעלבסטמאָרד. די מערהייט דערציילונגען און בילדער זיינען דעריבער ניט קיין פּראָלעטאַרישע שאַפונגען, ניט געקוקט אויף דעם טיפן האַס צו די עקספּלואַטאַטאָרס און אויף דער סענטימענטאַלער ליבשאַפט צו דער אַרבעטערשאַפט, וואָס זיי דריקן אויס. אַן אויסנאַם זיינען ביי אים בלויז איניקע רעאַליסטישע דערציילונגען און בילדער.

דעם מאַטעריאַל פאַר אַלע זיינע סענטימענטאַלע און וויינענדיקע דערציילונגען האָט דוד עדעלשטאַט ניט גענומען דירעקט פון לעבן. ער האָט זיך געשטיצט דערויף, וואָס מ׳האָט אים דערציילט, אָדער וואָס ער האָט געלייענט. אַזוי איז זיין ערשטע דערציילונג „ווער איז שולדיק“ („פרייע אַרבעטער שטימע“, 8טן מאַי, 1891), פונקט ווי זיין ליד „דער קינדער־מערדער“, אָדער דאָקטער גראַן“ (אונטער וועלכן נאָמען דאָס האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע

פּאָפּולערקייט אַלס דעקלאַמאַציע ביי די אַרבעטנדיקע מאַסן אין אַמעריקע און ענגלאַנד צענדליקע יאָרן נאָכאַנאַנד). ס׳איז געווען באַגרינדעט אויף אַ פאַקט, וואָס זיין פריינדין, די קראַנקן־שוועסטער אַניוטאַ וואָלפסאָן, האָט אים דער־ציילט. סיי דאָס ליד, און סיי די דערציילונג, שילדערן דעם שרעק פונעם אָרעמען מענטשן פאַר דעם געבורט, וואָס ער איז ניט אימשטאַנד צו דערנערן. פון דעם זעלביקן קוואַל האָט עדעלשטאַט אויך גענומען דעם שטאָף פאַר זיין דערציילונג „געלט און לעבן״, וואו ער שילדערט אומבאַרעמהאַרציקע דאָק־טוירים, וואָס ווילן ניט היילן קיין אָרעמע קראַנקע, און די נקמה פון אַ מאַן פאַר דעם טויט פון זיין יונגער פרוי, וועלכע איז געשטאָרבן דורך דעם, וואָס זי האָט ניט געקראָגן קיין מעדיצינישע הילף.

עדעלשטאַטס פּאָפּולערע דערציילונג, „די באָמערקע״ (שלעפּערקע), וואָס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש, איז מעגלעך באַווירקט געוואָרן פון אַ בילד אין געריכט־הויז אין שיקאַגאָ, וואָס איז געווען באַשריבן אין אַל־בערט פּאַרסאָנס וואָכנבלאַט „אַלאַרם״ אין מיטן פון די 80ער יאָרן. דאָרט איז עס אַן אַרבעטער־מיידל, אַ טאָכטער פון אַ מעכאַניק, וואָס פאַרלירט זיין אַרבעט־פּלאַץ אין צייט פון קריזיס. זי קומט זוכן אַרבעט אין שיקאַגאָ, וואו זי ווערט אַ קנאָפּ־לאָך־אויסנייערין (עדעלשטאַטס פאַך) אין אַ העמדער־פאַבריק. אַרבעטנדיק אָן אויפהער פון זיבן אַזייגער אין דער פרי ביז צען ביינאַכט, פלעגט זי פאַרדינען 50 סענט אַ טאָג. זי וואוינט צוזאַמען מיט נאָך אַ מיידל אין אַ צוויי־דאָלערדיקן צימער און גיט אויס עפּעס מער ווי אַ דאָלער אויף איר עסן (ברויט מיט טיי). דאָס איבעריקע שיקט זי אַהיים צו העלפן איר נויט־ליידנדיקע פאַמיליע. ווען דער פאַבריקאַנט שניידט נאָך אַרונטער פון די קליינע שכירות, נוצט אויס דער פאַרמאַן איר פאַרצווייפלטע לאַגע און צווינגט זי צו פאַרקויפן איר לייב. דער סוף איז „שיכרות און אויסגעלאַסנקייט״.

פאַרגלייכט מען „צווישן שיכורע און אויסגעלאַסענע״ אין דער באַשרייבונג אינעם „אַלאַרם״ און עדעלשטאַטס „באָמערקע״, אַזוי זעט מען אין דער ערש־טער אַ רעאַלן טיפּ געשילדערט אין די טיפּישע פערהעלטענישן פון דער קאַפּי־טאַליסטישער גרויס־שטאָט. בעת די צווייטע איז אַ ראָמאַנטישע פיגור, אָפּ־געריסן פון צייט און אָרט. ניט געקוקט אָבער אויף דער ניט־רעאַלקייט פון עדעלשטאַטס פּערסאָנאַזשן, מאַכן זיינע דערציילונגען און בילדער אַ טיפן איינדרוק מיט זייער פאַרשיידנאַרטיק־שפּאַנענדע סוזשעטן און מיט זיין אויפ־ריכטיקער סימפּאַטיע צו אַלע דערנידעריקטע און ליידנדיקע פון דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט. די טוץ דערציילונגען און בילדער, וואָס עדעל־שטאַט (ניט האָבנדיק פאַר זיך קיין שום מוסטער פון אַ יידישער פּראָזע־ליטעראַטור אין אַמעריקע) האָט אָנגעשריבן אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים,

בעת ער איז נאָך דערצו געווען שטאַרק באַשעפטיקט ווי אַ רעדאַקטאָר און אַ פּאַרטיי־טוער און האָט אין דער זעלביקער צייט פאַרפאַסט אַ היפּשע צאָל לידער און פּובליציסטישע אַרטיקלען — לאָזן ניט איבער קיין צווייפל, אַז דוד עדעלשטאַט האָט אין זיך געהאַט די פייאיקייט פון אַ פּראָדוקטיוון דערציילער, און וואָלט זיך געקאָנט אַנטוויקלען אין אַ באַדייטנדיקן נאָוועליסט.

אַרום אַ דריטל פון עדעלשטאַטס פּופצן פּראָזע־שריפטן פאַרנעמען זיך מיט זיינע אייגענע איבערלעבונגען: „וועראַ" שילדערט זיין יוגנט אין דער אַלטער היים; „צווישן ניו־יאָרקער רעדיקאַלן" — זיין אַנטוישונג פון ניו־יאָרק; „דער ערשטער שטראַל" — זיין ערשטן אַרויסטריט ווי אַ יידישער אַרבעטער־דיכטער; „אַ רעדאַקטאָרס חלום" און „מוזיק" — זיינע איבער־לעבונגען אַלס רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע"; „אַ בריוו פון אַ זעלבסטמערדער" — זיינע שטימונגען אינעם שאָטן פון טויט אין דענווער.

אינעם „בריוו פון אַ זעלבסטמערדער" רעווידירט עדעלשטאַט, נאָך מער ווי אין זיינע לעצטע לידער, זיין שטעלונג צו דער נאַטור. רעדנדיק כלומרשט פאַרן זעלבסטמערדער, דערקלערט ער, אַז „אַמאָל האָט ער זיך געבוקט פאַר דער נאַטור, ווי פאַר אַ הייליקער געטין". ער האָט פון איר גערעדט, „אַקוראַט ווי זי וואָלט געקאָנט פילן, דענקען". זי איז פאַר אים געווען די „הייליקע מוטער נאַטור". איצט אָבער באַגרייפט ער, אַז „אַ מוטער וואָלט ניט געשיינט אַזוי פריילעך און פרעכטיק, מיט טויזנט שטערן, וואָלט זיך ניט אויסגעפּוצט אין אַ בלויען בלומען־קלייד, ווען איר קינד געזעגנט זיך דאָס לעצטע מאָל מיט איר!..." ער קומט צום אויספיר, אַז „אויב די נאַטור איז אונדזער מוטער, איז דאָס אַ מוטער, וועלכע ברענגט אום אירע בעסטע קינדער, די וועלכע האָבן נאָך אַ געוויסן; וועלכע טראָגן נאָך אין האַרצן אַ פונק פון מענטשן־ליבע און גערעכטיקייט. זי ברענגט זיי אום מיט אַ שטאָלצן שמייכל אויף איר הימלישן געזיכט און באַגלייט זיי צום קבר מיט פויגל־געזאַנג און זונען־שטראַלן!"

יוסף באָוושאָווער*)

1

יוסף באָוושאָווער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ גרעסערן יידישן שפּראַכלעכן באַגאַזש, ווי דוד עדעלשטאַט מיט אַ צען יאָר פריער. דער לעצטער, אַ געבאָרענער אין דער עכט־רוסישער שטאָט קאַלוגאַ, האָט ערשט אין אַמעריקע דערלערנט דעם יידישן אלף־בית. באָוושאָווער אָבער, געבאָרן און דערצויגן אין ליבאַוויטש, האָט גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש. געקאָנט תנ״ך און מדרשים. ער געפינט שוין אין אַמעריקע אַ יידישע ליטעראַטור־שפּראַך. ער לייענט אויך די ליטעראַרישע ווערק אין יידיש פון אייראָפּע. באָוושאָווערן איז דעריבער ניט נויטיק געווען צו זוכן ווערטער און גראַמען ביי אַ פריערדיקן יידישן דיכטער, ווי עדעלשטאַט האָט עס געטאָן ביים שרייבן זיין ערשטן ליד אין יידיש („צורוף דער וואַרהייט״, אינעם אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט „וואַרהייט״, 15טן פעברואַר, 1889), וואו ער האָט באַגעזונגען וויטשעווסקיס „צורוף צום „אַרבייטער פריינד״ פון 1885.

באָוושאָווער האָט זיך דאָך געווענדט נאָך שפּראַך־פאָרמעס און סוזשעטן צו די פריערדיקע יידישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער. ער האָט דאָס אָבער געטאָן הויפּטזאַכלעך צוליב זייערע אַרבעטער־מאָטיוון. באַזונדערס האָט ער זיך געווענדט נאָך בילדער און סוזשעטן צו דוד עדעלשטאַטן, פאַר וועלכן ער האָט, אַזוי ווי זיינע נאָענטע אידייע־חברים, געהאַט אַ געוויסע פּיעטעט. באָוושאָווער אָבער פאַרברייטערט און פאַרטיפט עדעלשטאַטס מאָטיוון, ער דיכטעט אויך איבער גאַנצע לידער עדעלשטאַטס און איינצעלנע ווערטער־בילדער; ער גיט אָט די ווערטער נייע ווענדונגען. ער דערהויבט דעם סוזשעט צו אַ העכערן קינסטלערישן ניוואָ, אי לויט דער שפּראַך, און אי לויט דער דיכטערישער פאָרם.

שוין אין זיינע ערשטע לידער (זומער 1892) זעען מיר, אַז באָוושאָווער באַנוצט זיך מיט עדעלשטאַטישע מאָטיוון אויף אַ נייעם שטייגער. באָוושאָווערס לידער פון יענער צייט („צו די שטערן״, „צום ווינט״, „צום שקלאַף״, „דער בלומען־אינדזל״, „פון מיין אַלבאָם״, און אַנדערע) זיינען אָן ספק באַווירקט

*) לויט זיין ווירקונגס-צייט געהערט יוסף באָוושאָווער (1872—1915) צו דער ליטעראַטור פון די ניינציקער יאָרן. ער איז אָבער אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער-דיכטונג פון די פיאָנערן פון די אַכציקער יאָרן, אַז ער ווערט באַטראַכט ווי איינער פון זיי. באַזונדערס איז ער געשטאַנען נאָענט צו דער דיכטונג פון דוד עדעלשטאַט.

פון עדעלשטאַטס לידער „שטערן און בלומען", „צו מיין פעדער", „אַ טרויעריקער געלעכטער", „דער רויטער זעגל", „פון מיין טאָגבוך", און אַנדערע. אין דעם ערשטן ליד דיכטעט־איבער באָוושאָווער עדעלשטאַטס סענטימענטאַל־ראָמאַנטישן סוזשעט אין אַ ליריש־סאַטירישן, אין דעם צווייטן ליד דריקט ער אויס אַן ענלעכן געדאַנק, ווי עדעלשטאַט, וועלכער האָט דערקלערט, אַז זיין ליד איז געבאָרן געוואָרן פונעם הייליקן פייער. באָוושאָווער זינגט, אַז אונטער די „הייסע ווערטער" פון זיין פען „קאָן מען פייער זען". אין דעם דריטן ליד רעדט באָוושאָווער, ווי עדעלשטאַט, וועגן „צאָרן און האַס" צום שונא און שרייט נאָך „ראַכע"; אָבער דאָ, וואו עדעלשטאַט זינגט צו די אַרבעטער: איך „וויין און לאַך", ווייל „איר זייט אַזוי שוואַך", הויבט אָן באָוושאָווער „פאַר ווייטיק צו לאַכן", זעענדיק, אַז „דער שקלאַף וויל „זיך גאָר בעסער ניט מאַכן". אין דעם פערטן ליד הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פון עדעלשטאַטס „אינדזל, וואָס פרייהייט הייסט". אין דעם פינפטן ליד (דער נאָמען איז ענלעך צו עדעלשטאַטס סעריע לידער „פון מיין טאָגבוך"), דערקלערט זיך באָוושאָווער פאַר אַ טרערן־דיכטער, פאַרן זינגער פון „די ליד, וואָס יעטווידער אות איז אַ טרער".**)

אין זיינע לידער פון 1893 דיכטעט־איבער באָוושאָווער עדעלשטאַטס סימבאָלן און גיט זיי אַ נייע באַדייטונג. צום ביישפיל, דער ים איז ביי עדעלשטאַטן דער סימבאָל פון דער פיינטלעכער וועלט, וואָס וויל צעשטערן די שיף פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ביי באָוושאָווערן אָבער (אין זיינע לידער „דער פראָסט" און „מערק־בילדער") איז דער ים דער סימבאָל פון פאַראייניקטער מאַסן־קראַפט און פרייהייט. דעם שונא סימבאָליזירט באָוושאָווער דורך דעם פראָסט, וואָס וויל איינצאַמען דעם ים און דורך דעם פעלזן־שטיין (די „הערשער־וועלט"), וואָס פאַרצאַמט דעם וועג צום „ים פון פרייהייט". אויך אין זיין ליד „פרייהייט", נאָך הענרי מאַקיי, שרייבט באָוושאָווער: „פריי איז דער ים", און אין זיין ליד „מיין געביט" צעברעכן די כוואַליעס „די שיף פון טיראַניי". די פאָרם פון דעם ערשטן ליד, „דער פראָסט", דערמאָנט אָן עדעלשטאַטס „פאַרבלוטיקטע גייסטער" (נאָך פריער האָט די דאָזיקע פאָרם באַנוצט ווינטשעווסקי אין זיין ליד „דאָס געשפענסט"). דאָס צווייטע ליד, „מערק־געדאַנקען", איז געשריבן ביי דער זעלביקער געלעגנהייט, ווי עדעלשטאַטס „מערק־בילדער". זיי אונטערשיידן זיך אָבער גרינטלעך. עדעלשטאַט שילדערט די פאַריזער קאָמונע און די קומענדיקע סאָציאַלע רעוואָ־

**) באָוושאָווער דערקלערט זיך פאַר אַ טרערן־דיכטער אויך אין זיינע לידער „מערק־געדאַנקען", „צום אַרבעטער", „צו מיין מוזע", „לוינען", ווי אויך אין זיין עסעי „וועגן פאָעזיע".

לוציע. באָושאָוווער אָבער דריקט אויס סימבאָליש זיין דראַנג צו פרייהייט בכלל און צו באַפרייאונג דורך רעוואָלוציע.

באָושאָווערס טענדענץ צו געבן „געדאַנקען״, וואו עדעלשטאַט גיט „בילדער״, ווייזט זיך אַרויס אויך אין אַן אַנדער ליד פון יענער צייט, ווי, למשל, „ביים שרייבן״ (מערץ 1893). אַזוי ווי עדעלשטאַט אין זיין ליד „פאַר־בלוטיקטע גייסטער״, זיצט באָושאָוווער אַליין אין זיין צימער און זעט „גע־שפענסטער״. עדעלשטאַט זיצט „פאַרטראַכט״. אויך באָושאָוווער זיצט „פאַרטיפט אין געדאַנקען״. עדעלשטאַט זעט „ווייסע געשפענסטער״, בעת באָושאָוווער הערט „געהיימע געשפענסטער״. עדעלשטאַטס ביינאַכטיקע געסט זיינען קאָנקרעטע געשטאַלטן: „רוסישע יונגע מארטירער״. ביי באָושאָווערן זיינען זיי אָבער אַבסטראַקטע „צרות״ און „פּלאָגן״. עדעלשטאַטס „גע־שפענסטער״ קומען דעריבער אַריין „גאַנץ שטיל״ צו אים אין צימער, בעת באָושאָוווער הערט נאָר „אַ גערויש, אַ געפילדער, אַ שרייען, אַ ליאַרעמען״, ער זעט אָבער ניט קיין שום געשטאַלט.

אויך אין זיין ליד „צום קעמפער״, פאַרעפנטלעכט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, דיכטעט־איבער באָושאָוווער עדעלשטאַטס אַ מאָטיוו אינעם ליד „צו אַ פריינט״. עדעלשטאַט רעדט דאָרט סימבאָליש וועגן דעם שווערן פרייהייט־קאַמף. ער זעט אַ „שיפער״, וואָס פירט אַ „שיפל״ אינעם שטורמישן ים און דערמוטיקט אים ניט צו פאַרלאָזן „דעם רודער״. עדעלשטאַט ווייזט אים אָן אויף די „רויטע סיגנאַלן״, וואָס זעען זיך פונווייטן, און דערקלערט אים, אַז דאָס קומט אים צו־הילף די „הייליקע צייט״. באָושאָוווער באַנוצט ניט קיין סימבאָלן, נאָר ער ווענדט זיך דירעקט צום „איידעלן קעמפער״. ער גיט אים אָן „עצה״ ניט צו לאָזן „זיך פאַרפירן״ („זאָל שטורעמען, בליצן, זאָל דונערן, קראַכן, זיי שטאַרק!״); צו פאַרבינדן דאָס „פילנדע האַרץ״ מיט דער „קומענדער צייט״, עס פאַרקניפּן מיט דער צוקונפטס „פאַרגאָלדעטע פעדים״.

ענלעך געפינט זיך ביי עדעלשטאַטן שוין אויך דער מאָטיוו פון באָוו־שאָווערס באַרימטן ליד „אַ מאַנאָלאָג פון דער דומהייט״. עדעלשטאַט האָט געטענהט צו די אַרבעטער: „ווייל איר זייט דום, דערפאַר זייט איר שוואַך״ („אַ טרויעריקער געלעכטער״). באָושאָוווער אָבער האָט עס אויסגעדריקט בילדעריש, און זיין סאַטירישע ליד איז אַן אַ שיער ווירקזאַמער, ווי עדעל־שטאַטס האַרציקע מוסר־זאָגעריי.

אויך דער גרויסער טריט פאַראויס, וואָס באָושאָוווער האָט דורכגעמאַכט לגבי עדעלשטאַטן, אין הינזיכט פון דיכטערישער מייסטערשאַפט, ווייזט זיך אַרויס אין זייער באַציאונג צום „זינגען״ אָנשטאָט „יאָמערן״. עדעלשטאַט קוקט מיט „ווילדן צאָרן״, ווען מען זאָגט אים: „זינג מיט לוסט!״ און ער

ענטפערט בייז: „אָ, דומע שקלאַפן! רופט די טענצער, די פּאַיאַצן! און זיי וועלן אַמוזירן איך מיט פויקן און מיט טאַצן." באָוושאָווער אָבער דערקלערט, אַז ער „צאַצקעט די גראַמען", קלייבט די ווערטער, שרייבט איבער „פיל מאָל יעדע שורה", אפשר „וועט דער טאַקט מוזיקאַלישער קלינגען, ווייל היינטיקע צייטן . . . מען וויל, מען זאָל זינגען..." („ביים שרייבן"). און הערט זיך דאָך געוויין אין זיין ליד, אַזוי בעט זיך באָוושאָווער ביים אַרבעטער: „אָ, צאָרן ניט, ברודער", וואָס „עס כליפּעט מיין פידל, זי יאָמערט, זי וויינט אויף דיין צו־גרויסן שמערץ". באָוושאָווער פּרוּווט אַ ווײַלע אָננעמען עדעלשטאַטס פּאָזע און וואָרענען דעם אַרבעטער, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט „טראָגן געדולדיק די שענדלעכע קייט", וועט ער אים „וועקן און באַקלאָגן" („צום אַרבעטער").

לאַנג אָבער האַלט באָוושאָווער ניט אויס אין אָט־דער עדעלשטאַטישער וועקער־ראָלע, און ער הויבט אָן זינגען מיט לוסט („לוסט־לידער"), „זינגען פאַר פריידן".

זיין ליד „דער געניוס דער מענטשהייט", צו דער געלעגנהייט פון דער וועלט־אויסשטעלונג אין שיקאַגאָ (זומער 1893), האָט באָוושאָווער געשריבן אין אַ ביבלישן סטיל, וואָס איז עדעלשטאַטן געווען גאַנץ פרעמד. דאָך גע־פינען זיך אויך אין אָט דער ליד אָפּקלאַנגען פון עדעלשטאַטס אַ ליד „די צוויי־פיסיקע חיה". עדעלשטאַט זאָגט דאָרט: „דער לאַרבער־קראַנץ פון אַ פרייעם דענקער אין אונדזער יאָרהונדערט איז — קייטן און שטריק!" ענלעכס זאָגט באָוושאָווער: „פרייע קינסטלער — — — ליבט איר אויף שטריק צו ציען."

באָוושאָווערס ליד „איינזאַם" איז, מעגלעך, אַ בילד פון עדעלשטאַטס לעבן אין קאָלאָראַדאָ: „פאַרוואָרפן אין אַן איינזאַם, שטילן אָרט, ווייט פון פריינט און ווייט פון ברידער, וואו מען הערט קיין טרייסט־וואָרט", און כאָטש ער ליגט „געבונדן אויפן בעט, געבראָכן קראַנק", איז דאָך דער „קאַמף פאַר פרייהייט" זיין „איינציקער געדאַנק". דער סוזשעט דערמאָנט אין עדעל־שטאַטס ליד „אויפן שלאַכט־פעלד", געשריבן ווען ער איז שוין געווען שווער־קראַנק. עדעלשטאַט דערציילט דאָרט, אַז „ווי אַ פאַרוואונדעטער זעלנער אין פעלד" ליגט ער איצט עלנט און זעט זיין „בלוט פליסן" אויף זיין „אַלטע צעבראָכענע שווערד". ער הערט „ווי די וואַפן קלינגען" און וויל „וואַרפן זיך אויפדאָסניי אינעם קאַמף".

דער פידל־מאָטיוו אין באָוושאָווערס לידער „צו מיינע ברידער", „צו מיין מוזע" און „זינגען אָדער פלוכן", האָט ער, מעגלעך, מיטגעבראַכט פון זיין אַלט־היימישער סביבה. אָבער באָוושאָווערס געדאַנק, אַז דער רעוואָלוציאָ־נער איז ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן (ער איז די פידל, און זיי — די סטרונעס), איז שוין פאַראַן אויך ביי ראָזענפעלדן און עדעלשטאַטן, „ניט פריי

איז אין זינגען דער דיכטער" — „צו דער ליידנדער מענטשהייט" איז ער געבונדן מיט אַן „עלעקטרישן דראָט" (ביי ווינטשעווסקין איז עס פּשוט אַ טעלעפאָן). כאַראַקטעריסטיש פאַר באָושאָווערס דיכטונג איז, וואָס אין זיין צווייטן פעריאָד, ווען ער דערוווייטערט זיך פון זיינע „אַלטע לידער", פאַרבייט ער דעם באַגריף „ברידער" אויף „אויסערלעכער וועלט". ער שרייבט דעמאָלט (אין זיינע „געדאַנקען און באַטראַכטונגען"): „איך בין אַ פידל פאַר דער אויסערלעכער וועלט! דורך מיינע נערוון ציען דורך די ווינטן פון דער וועלט..."

דעם קאַמף קעגן רעליגיע האָט עדעלשטאַט, אַזוי ווי ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד, געפירט הויפּטזאַכלעך מיט דעם וואָפן פון סאַטירע. דאָך געפינען זיך אין באָושאָווערס קינסטלעריש-פילאָסאָפישן ליד „צום גלויביקן" אויך אָפּקלאַנגען פון עדעלשטאַטס אַנטי־רעליגיעזן ליד „צו די גאָטפּאַרכטיקע בירגער". עדעלשטאַט דערקלערט דאָרט אַזוי: „פּוסט און גאָטלאָז, ברידער, איז דער הימל, און גערעדע ווי אונטן, אַזוי אויך דאָרט אויבן, גיבט ניט קיין שפּור פון אירגענד אַ גאָט", ווייל „דער גאָרנישט האָט קיין פּלאַץ אין דער נאַטור". באָושאָווער דריקט עס אויס קרעפטיקער, טיפער און שענער. ער ווייזט אָן, אַז דער גלויבן אין אַ גאָט איז „אַנטשטאַנען פון דער דומהייט און פאַרשטאַרקט דורך שרעק", און אַז דאָס האָט די „קנוטע" געצוואונגען דעם מענטשן אָוועקצוואַרפן דעם אייגענעם „איך" און זיך אויפצואָפּפערן „פאַר אים" —

„און ווייסטו ווער דער ער איז, בעסטער פריינט?
דאָס איז די הערשער־מאַכט, די שטריק, די קייט,
וואָס בינדט דיך, קוועלט *), און שענקט דיר נאָכן טויט
די שוואַרצע גרוב, אָנשטאָט דעם שיינעם הייַנט."

באָושאָווערס ליד „צו מיין מוזע" אַנטהאַלט אין די ערשטע עטלעכע סטראָפעס אַלץ, וואָס עדעלשטאַט האָט וועגן דעם געזונגען אין אַ גאַנצער ריי לידער. עדעלשטאַט זאָגט אין זיין ליד „צו מיין פעדער": „מיין פעדער, דו ביסט מיין גייסטיקעס שווערד." באָושאָווער זאָגט ענלעכס צו זיין מוזע: „דו הימלישע טאָכטער, דו הייליקע פייע, נאָר דו ביסט מיין שווערד." עדעל־שטאַט זאָגט, אַז דורך זיין פעדער רופט ער „צום קאַמף און צו ראַכע" די „ליידנדע קינדער [פון] דער ערד". באָושאָווער ליבט זיין מוזע, אַז נאָר דורך איר קאָן ער וועקן די ליידנדע ברידער. אין זיין ליד „צו מיינע לעזער" דערקלערט עדעלשטאַט, אַז אין זיין געדיכט „רווישט דאָרט אַ טייך פון מענטש־לעכע טרערן, צעמישט מיט דעם דיכטערס בלוט". באָושאָווער דערציילט,

---

*) מוטשעט.

אַז ווען די מוזע „צעשמעלצט די אייז־בערג“, וואָס פרעסן זיין האַרץ, דאַן ווערט עס „צעשמאָלצן און הויבט אָן צו שווימען אין טרערן אַ טייך“. ס׳זיינען אָבער פאַראַן אויך וועזנטלעכע אונטערשיידן ביי זיי. עדעלשטאַטס מוזע „וועקט“ און „רופט מיט אַ קריגס־טרומפּייט“, און „שטורעם־לידער קאָן זי נאָר זינגען“. באָוושאָווער שפּילט אויף אַ האַרפע און פאַרגיסט „טוי־טראָפּן־טרערן“ אויף אירע סטרונעס, פון וועלכע „אַן אָפּקלאַנג, אַ זיפצנדער לאָזט זיך הערן“. עדעלשטאַט איז זיכער, אַז „נאָר דער טויט וועט אים צעשיידן מיט זיין פעדער“, און ווען ער וועט פאַלן, וועט זי פאַר אים „רעדן צום פאָלק“. באָוושאָווער אָבער בעט די מוזע אים ניט צו לאָזן „אַליין“, און ביז ער וועט „פאַלן“ זאָל זי באַלייכטן זיין זינען „צו וועקן די ברידער“.

2

אין זיין טיף־דורכגעטראַכטער און דורכגעפילטער ליד „מיין געבעט“ פאַרטיפט באָוושאָווער עדעלשטאַטס סוזשעט פון זיין ליד „אין נאַטור־טעמפּל“. עדעלשטאַט דערקלערט דאָרט, אַז ווען דאָס האַרץ איז פאַרוואונדעט פון „דער וועלט אומענדלעכן שלעכטס“, איז דאָס בעסטע הייל־מיטל צו אַנטלויפן „פון דער שטאָט, פון קייטן און טרערן, פונעם בלוטיקן יאַגד נאָך געלט“ — צו דער נאַטור, „אין איר גרינעם טעמפּל, אין איר פרייער צויבער־וועלט“; דאָרט אין אירע אָרעמס „קען ער פאַרגעסן די וועלט פון יסורים און פיין“ און „אויף איר מוטערס שויס“ קען ער „טרוימען אַ חלום אומשולדיק און שיין“. עדעלשטאַט דערקלערט אָבער ניט, פאַרוואָס ער באַנוצט זיך ניט מיט אָט־דעם הייל־מיטל. דאָס טוט ערשט באָוושאָווער, וועלכער דעקט אויף די סתירה צווישן דער „פרייער צויבער־וועלט“ פון דער נאַטור און דער „וועלט פון יסורים און פיין“ פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דערביי קומט באָוושאָווער צום זעלביקן אויספיר, וואָס עדעלשטאַט אין זיינע פרילינג־לידער. עדעלשטאַט האָט דאָרט דערקלערט, אַז ביי זיין גאַנצער ליבע צו דער נאַטור קען ער זי ניט באַזינגען, ווען „קייטן באַרבאַרישע קלינגען“; ערשט, ווען ס׳וועט „קומען אַמאָל דעם אַרבעטערס פרילינג“, וועט ער (עדעלשטאַט) אים באַזינגען ווי „אַ דיכטער און סאָציאַליסט“. באָוושאָווער, וועלכער איז געווען פאַרליבט אין דער נאַטור ביז צום „פאַרגעסן די וועלט פון יסורים און פיין“, בעט זיך ביי איר, זי זאָל איינשטילן אירע „זיסע אַקאָרדן“, ווייל איר ליד וויל זיין „ליבע צום שוואַכן דערמאָרדן“. ער ווייזט אָן, ווי עדעל־שטאַט, אויף די שווערע מענטשלעכע ליידן אין דער קעגנוואַרט און פאַר־ענדיקט זיין ליד, אַז ערשט דעמאָלט, ווען דער קאַמף וועט אָפּשאַפן די סתירה צווישן נאַטור און געזעלשאַפט, און די מענטשהייט וועט „טרינקען פון לעבענס פאַרפומירטע קוואַלן“ מיט „פרייד אויף דער וועלט“, וועט ער (באָוושאָווער)

דערטרינקען זיין זעל אין אירע געגוסן מיט „רואיקן זיסן געמיט". שפּעטער, אָבער, אין זיין ליד „די פֿאַנטאַזיע" (אין דער סעריע „געדיכטע") און אין איינעם פֿון זיינע לעצטע פּראָזע־ווערק „פֿאַנטאַזיעס" (נאָוועמבער 1899) זוכט באָושאָווער צו פֿאַרגעסן וועגן דערווירקלעכקייט דורך אַנטלויפֿן צו די שאָטנס פֿון דער פֿאַנטאַזיע, וואו עס „שוועבט דער גייסט זיך פֿריי פֿון דער ערדן־טיראַניי; זיפֿצן הערט מען דאָרט ניט; אַלעס גליט, און לעבט, און בליט, אַלעס פֿרייט זיך, אַלעס לאַכט, אַלעס שטראַלט אין פֿולער פּראַכט".

עכאָס פֿון עדעלשטאַטס לידער הילכן אָפּ אַפֿילו אין באָושאָווערס מייסטערהאַפֿטע רעוואָלוציאָנערע לידער „רעוואָלוציאָן" און „אַ געזאַנג צום פֿאָלק", געשריבן „אין דעם סטיל און — — — אין דעם טאָן" פֿון די אַלטע יידישע נביאים, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געליבט ביי וואָלט וויטמאַנען. אין דער דריטער סטראָפֿע פֿון דעם ערשטן ליד הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פֿון עדעלשטאַטס ליד „אין קאַמף". די לעצטע סטראָפֿע פֿון דעם צווייטן ליד דערמאָנט אַן עדעלשטאַטס ווערטער אין זיין ליד „צו מיינע לעזער". עדעלשטאַט רעדט דאָרט וועגן די, וואָס „אַקערן, זייען און פֿלאַנצן די גאָלדענע פּירות, וואָס מיט דאַנקבאַרקייט וועלן פֿאַרדייען די פֿרייע, די גליקלעכע דורות!" באָושאָווער הייסט דעם פֿאָלק נעמען „די גערירשנטע אוצרות" און פֿון דער אַרבעט „די פּירות, און שאַפֿנדיק לעבן און געניסנדיק שאַפֿן אין די פֿרייערע דורות".

ביידע דיכטער האָבן אַ ריי לידער מיט איין־און־דיזעלביקע נעמען. אין דעם ליד „מיין לעצטער וואונטש" דריקט אויס באָושאָווער, ווי ס'איז שוין פֿריער אָנגעוויזן געוואָרן, אַ קעגנזעצלעכן געדאַנק צו דעם פֿון עדעלשטאַט. נעענטער איינער צו דעם אַנדערן זיינען זיי אין דעם ליד „אַ גוט וואָרט". עדעלשטאַט אין זיין ליד מיט אָט דעם נאָמען זאָגט: „האַנדלט מענטשלעך! האָט אין זינען אייער ציל! גיט קיין פּלאַץ אין אייער האַרצן פֿאַר אַ קליינלעכן געפֿיל!" באָושאָווער זאָגט דאָס זעלבע, נאָר ער טוט עס אויף זיין באַליבטן שטייגער, דורך אַ משל: דער בוים „קימערט זיך ניט פֿאַר די מוראַשקעס, וואָס קריכן אויף זיין האַלץ" — אָט אַזוי, ברידער, ווען איר קעמפֿט און טראָגט די מענטשן־פֿליכט אויף זיך — — — נעמט אַ ביישפּיל פֿון דעם בוים און קימערט זיך ניט אום דעם „איך"..."

לעבנדיק אין אַ קרייז, וואו עדעלשטאַטס ליד איז אָפֿט געזונגען און ציטירט געוואָרן, האָט באָושאָווער ניט געקאָנט ניט זיין באַווירקט פֿון עדעל־שטאַטס מאָטיוון. באָושאָווער פֿלעגט זיי אָבער אַלעמאָל אויפֿהויבן אויף אַ גרעסערער קינסטלערישער הויך, באַזונדערס אין שפּראַך און פֿאָרם. פֿון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָט באָושאָווער מחמת זיין קנאַפּער פֿאַרבונדנקייט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג קיינמאָל ניט דערגרייכט צו אַזאַ גליענדיקער

רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג, ווי עדעלשטאַט. ביידע, צום ביישפּיל, האָבן שטאַרק געליבט מוזיק. ביידע האָבן אויך וועגן דעם געשריבן פּראָזע־לידער: עדעלשטאַט — „מוזיק" („אַ געדיכט אין פּראָזע"), און באָוושאָווער — „געזאַנג" („אַ געמיט־בילד"). דער מער־קאָנקרעטער עדעלשטאַט רעכנט אויס אַ צענדליק מוזיקער, וועלכע ער כאַראַקטעריזירט אַלס די „געטער פון דער מוזיק". ער איז באַגייסטערט פאַר דער „אידעלע דערהויבענע האַרמאָניע פון אומשטערבלעכע קינסטלער", וואָס זייער קונסט טראָגט אַוועק „אין אַ וואונדער־באַרע וועלט פון זונענשיין, בלומען און ליבע", וואו אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אינעם „ים פון דער מוזיק", וואו אַלץ „געפינט אַן אָפּקלאַנג אין איר באַצויבערנדיקער האַרמאָניע".

מיט ניט ווייניקער באַגייסטערונג, נאָר מיט אַ רייכערער און קרעפּ־טיקערער שפּראַך, רעדט באָוושאָווער וועגן געזאַנג. ער רופט ניט אָן קיין נעמען, נאָר שילדערט, ווי אַזוי פון דעם זינגערס ברוסט זינגען אַרויס „די וואָלקנס און דער הימל, די בערג און די וועלדער, די ימים און די טייכן, די פאַרבן פון די פלאַנצן, פון די פעלזן און פון דער ערד — — — דער סוד פון ליבע, שמערץ, פייך, פרייד, האָפענונג און לעבן — אַלעס, אַלעס, וואָס לעבט, וואָס שוועבט און אָטעמט אין דער גרויסער נאַטור". בעת אָבער דער באַגייסטערטער באָוושאָווער פאַרגעסט ביים געזאַנג אינגאַנצן דעם קאַמף, קאָן עס עדעלשטאַט אַפילו אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן. ביי זיין גאַנצער פאַרערונג פאַר די „געטער פון מוזיק", איז ער אָבער מער באַגייסטערט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק, וואָס „רייסט אייך אַוועק פון אייערע וואָכעדיקע געדאַנקען און עס ציט אייך פאָרווערטס, פאָרווערטס אין פרייהייט־קאַמף: פאָרווערטס אויף דעם ברייטן שלאַכטפעלד, וואו עס פלאַטערן די רויטע פאָנען, וואו עס הילכן די קאַנאָנען, וואו אונדזערע קאַמעראַדן פעכטן אַזוי בראַוו קעגן שונא און קעמפן ווי לייבן פאַר דער אַלגעמיינער באַפרייאונג!"

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס עדעלשטאַט, וועלכער איז געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט געזען דעם „גאָלדענעם בריק" צו דער צוקונפט אין אַ פאַראייניקונג פון די אַרבעטער־מאַסן אויף „שלאַכט־באַריקאַדן" („צום פאַראייניקטן פראָנט"), בעת דער רעוואָלוציאָנערער טרוימער באָוושאָווער האָט געזען דעם וועג צו דער צוקונפט אין פאַרקניפּן אירע „גאָלדענע פעדים" מיט דאָס „פילנדע האַרץ" פונעם „אידעלעם קעמפער".

געניויערס וועגן דעם דאָזיקן יונג-אומגעקומענעם דיכטער אין מיין „יוסף באָוושאָווער" ביאָגראַפיע, אינעם יאָרבוך פון אַמאָפּטייל „ייוואָ", באַנד 2, ניו-יאָרק, 1939, זז. 32—101.

דער אַרויסגעבער פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין אַמעריקע*)

צבי הירש בערנשטיין (1846—1907), דער ערשטער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג אין אַמעריקע, איז געבאָרן געוואָרן דעם 23טן מערץ (כ״ה אדר), 1846, אין ניישטאָט־שירווינט, סואוואַלקער גובערניע.

זיינע פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן אים געגעבן אַ גוטע דערציאונג פאַר יענער צייט. אויסער די געוויינלעכע לימודים האָט דער יונגער בערנשטיין אויך געלערנט העברייאיש און דקדוק.

בערנשטיין האָט אָנגעהויבן שרייבן יונג. ער האָט געשריבן אין אַלע דעמאָלטיקע העברייאישע צייטשריפטן: „הכרמל״, „הלבנון״, „המגיד״ א. אַז. וו. נאָך זיין חתונה, צו 20 יאָר, מיט דער טאָכטער פון קאַלוואַריער רב, איז בערנשטיין געוואָרן אַ געשעפטסמאַן. נאָר זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין די העברייאישע זשורנאַלן האָט ער צוליב דעם ניט אויפגעגעבן. ער האָט אויך אַרויסגעלאָזן אַ בראָשורע קעגן דאָס ווערק איבער דער אָפּשטאַמונג פון דער העברייאישער שריפט („ספר היחוס לכתב אשורי״), פון ר׳ יעקב באַכראַך, און צוזאַמענגעשטעלט אַ מאַטעמאַטישע טאַבעלע פאַר געשעפטסלייט. אין יענער צייט איז ער אויך געוואָרן פערזענלעך באַפריינדעט מיט פרץ סמאָ־לענסקין און אַנדערע באַרימטע העברייאישע שרייבער פון יענער צייט.

ווערנדיק באַשווינדלט פון אַ שותף און פאַרלירנדיק דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַרמעגן, האָט דער 24־יעריקער בערנשטיין אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. ווען ער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, אין יאָר 1870, האָבן זיך שוין דאָרט געפונען, ווי ער דערציילט, אַרום 80,000 יידישע נפשות. נאָר ניט קוקנדיק אויף דער צאָל יידישע משכילים, וואָס האָבן אויפגענומען דעם גאַסט זייער פריינטלעך, איז דאָס יידישע גייסטיקע לעבן געשטאַנען זייער נידעריק. אין גאַנץ ניו־יאָרק איז דעמאָלט געווען איין איינציקע יידישע בוכ־האַנדלונג (די פון חיים סאָקאָלסקי, 53 דיוויזשאַן סטריט) און קיין איין צייטונג אין יידיש אָדער העברייאיש. די דריי ענגליש־יידישע צייטשריפטן („דזשואיש

*) פאַרקירצט פון דער „פרייהייט״, 1טן דעצעמבער, 1923. (זע אויך אָנ־מערקונג אויף זייט 100.)

מעסענדזשער", רעדאַקטירט פון אברהם ס. אייזיקס, „היברו לידער", פון יאָנאַס באָנדי, און „דזשואיש טיימס" פון מאָריס עלינדזשער) זיינען די יידישע מאַסן געווען פּרעמד. ער איז דערפאַר, זאָגט בערנשטיין, געקומען צום געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ צייטונג פאַר די יידישע מאַסן אין זייער אייגענעם יידישן לשון. נאָר דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן טעכנישע שוועריקייטן. אין גאַנץ ניו־יאָרק איז געווען נאָר איין איינציקע יידישע דרוקעריי (פון פראַנק, אין די בויערי), און ס'איז ניט געווען קיין אין זעצער פאַר אַ יידישער צייטונג.

דער יונגער בערנשטיין האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן פאַר קיינע שוועריקייטן. ער האָט אויסגעשריבן יידישע בוכשטאַבן פון ווילנע און ווין און זיי געגעבן אויסגיסן ביי אַן אַמעריקאַנער פירמע. זיך דערוויסנדיק, אַז דער געלערנטער העברייאיש־ענגלישער שריפטשטעלער צבי גרשוני (העברי גערסאָני) קאָן די מלאכה פון זעצן, האָט בערנשטיין מיט אים געשלאָסן שותפות און זיי זיינען ביידע געוואָרן די אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין דער נייער וועלט — „די פּאָסט".

דער ערשטער נומער „די פּאָסט" איז אַרויס אין אויגוסט 1870. דער מאַטעריעלער דערפאָלג איז געווען זייער גרויס. אין פאַרלויף פון די ערשטע זעקס מאָנאַטן האָט זי געקראָגן אַ סך אַבאָנענטן, קויפער און אַדווערטייזער, נישט בלויז אין ניו־יאָרק, נאָר אויך אין באָסטאָן און אַנדערע שטעט. וויכטיקער דערפאָלגרייך איז געווען די רעדאַקציע. דען דער טאַלאַנטפולער העברי גער־סאָני האָט פאַרלאָזן די „פּאָסט", „נאָך פיר וואָכען מיטאַרבייטערשאַפט", ווען בערנשטיין האָט אַריינגעקראָגן אַ זעצער פון ווילנע און איז ניט געווען מער אָפּהענגיק פון זיין שותפס אַרבעט. דאָך האָט „די פּאָסט" געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע צוקונפט, נאָר בערנשטיין האָט זי אַליין אומגעבראַכט צוליב פאָלגנדער אורזאַך:

איינער אַ יעקב קאָהן האָט בערנשטיינען פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן אויפצוגעבן „די פּאָסט" און אָנשטאָט איר אַרויסגעבן מיט אים, קאָהנען, בשותפות אַ גרויסע פיר־שפּראַכיקע פּאָליטישע צייטונג אין יידיש, העברייאיש, דייטש און ענגליש. יעקב קאָהן האָט אויך צוגעזאָגט צוצושטעלן דרייסיק טויזנט דאָלער (אַ גרויסע סומע אין יענע צייטן אַפילו פאַר פּאָליטישע צוועקן) אויף אַן אייגענער דרוקעריי. זיי האָבן אָפּגעדונגען אַ הויז לעבן סיטי האָל, אין שכנות פון די גרויסע ענגלישע צייטונגען, און בערנשטיין האָט אַהין אַריבערגעפירט זיינע זאַך און אַלע אַנדערע נויטיקע זאַכן. ער האָט דאָן אומדערמידלעך געאַרבעט צוויי מאָנאַטן נאָכאַנאַנד און געמאַכט אַלץ גרייט צום אַרויסגעבן די נייע צייטונג — „היברו ניוס" (יידישע נייעס).

ערב פסח, 1871, איז אַרויס דער ערשטער נומער פון די „היברו ניוס" אין אַ גרויסן צייטונגס־פאָרמאַט, 32 זייטן. נאָר דער נייער צייטונג איז ניט

געווען באַשערט לאַנג צו עקזיסטירן. דער „גרינער" בערנשטיין האָט הפּנים ניט גאַנץ קלאָר באַגריפן די אַמעריקאַנער פּאָליטיק. אים האָט דערפאַר אויס־געזען זיין שותּף ווי אַ פּשוטער חסר־דעה און ער האָט געוואָלט זיך פון אים באַפרייען. נאָר ווען ער, בערנשטיין, איז געקומען אַוועקנעמען זיין זאַץ און אַנדערע זאַכן, האָט ער געפונען פאַרשלאָסענע טירן. ער האָט זיך געווענדעט אין געריכט און נאָכדעם ווי ער האָט קוים אַרויסגעקראַגן זיינע מטלטלין איז ער שוין געווען זאַט מיט דער יידישער צייטונגס־אַרויסגעבעריי. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן פרואוון אַרויסגעבן אַ העברייאישן אָרגאַן, און דעם 11טן יוני, 1871, איז אַרויס דער ערשטער נומער פון דעם ערשטן העברייאישן זשורנאַל אין אַמעריקע — דער „הצופה בארץ החדשה".

פינף יאָר האָט זיך בערנשטיין געמאַטערט אַנצוהאַלטן זיין העברייאישן זשורנאַל. גלייכצייטיק האָט ער אויך מיטגעאַרבעט אַלס אַמעריקאַנער קאָרעס־פּאָנדענט אין פאַרשיידענע העברייאישע צייטשריפטן פון אייראָפּע. אין יאָר 1876, ניט קאָנענדיק מער אָנהאַלטן זיין „הצופה בארץ החדשה", האָט ער אויפגעגעבן זיין צייטונגס־קאַריערע און האָט זיך גענומען צום באַנק־געשעפט. ער איז געווען דערפאָלגרייך און איז געוואָרן אַ גביר. נאָר טיף אין האַרצן האָבן געטליעט זיינע גייסטיקע שטרעבונגען און אַמביציעס. ער האָט זיך דער־פאַר געלאָזט לייכט איבעררעדן פון אַ גרופּע יידישע שוישפּילער און איז געוואָרן דער אייגנטימער פון דאָס „רומעניען אָפּעראַ הויז". דער סוף איז געווען, אַז ער האָט דערביי פאַרלאָרן זיין גאַנצן פאַרמעגן און געמוזט אָנהויבן צוריק פון אָנהויב. ער האָט זיך ווידער גענומען צו באַנק־געשעפטן. ער האָט אויך געהאַנדלט מיט ריעל־עסטייט (קויפן און פאַרקויפן הייזער און באָדן) און ס'האָט אים ווידער אָפּגעגליקט.

יאָרן שפּעטער האָט בערנשטיין געמאַכט אַן אומגעלונגענעם פאַרזוך צו שרייבן זיינע זכרונות (אין „ילקוט מערבי", ניו־יאָרק, 1904). ליידער האָט ער ניט דערפילט זיין צוזאָג פאַרצוזעצן זיינע זכרונות, און קיינער פון די עלטסטע אַמעריקאַנער יידישע שרייבער ווייסט גאָר ניט מער פון דער עקזיסטענץ פון בערנשטיין־גערסאָניס „פּאָסט".

צבי הירש בערנשטיין האָט די לעצטע יאָרן געליטן פון אַסטמע און גע־וואוינט אויף די בערג. דאָרט, אין טענערסוויל, איז ער אויך געשטאָרבן, צו זיין 61טן יאָר, 1טן אויגוסט, 1907.

די ערשטע צייטונג אין יידיש געדרוקט אין אַמעריקע*)

1

די יידישע מאַסן, וואָס זיינען געלאָפן פון די צאַרישע פּאָגראָמען אין יאָר 1881, זיינען ניט געווען די ערשטע צו „אַנטדעקן אַמעריקע". אַ היפּשע צאָל יידישע וואַנדערער פון מזרח־אייראָפּע האָבן שוין געפונען דעם וועג צום „גאָלדענעם לאַנד" מיט פיל צענדליקער יאָרן פריער.

נאָר כאָטש אָט די יידישע איינוואַנדערער זיינען דאָ געקומען איינציקווייז, האָבן זיי זיך ניט צוזאַמענגעשמאָלצן מיט זייערע „רעליגיאָנס גענאָסן" פון מערב־אייראָפּע, מערסטנס פון דייטשלאַנד, וועלכע זיי האָבן דאָ געטראָפן. צו דעם אונטערשייד אין שפּראַך און קולטור, מנהגים און געוואוינהייטן איז נאָך צוגעקומען די קלאַסן־צעטיילונג. דער פריער־איינגעוואַנדערטער דייטשער ייד איז שוין געווען אויסגעגרינט, אַרויפגעאַרבעט, און האָט געהערט צו אַן אַנדער געזעלשאַפטלעכער שיכט. אַמאָל זיינען זיי אויך בײדע, דער דייטשער יאַהודי און דער יידיש־רעדנדיקער ייד, געשטאַנען איינע קעגן די אַנדערע דירעקטע שונאים: אַרבעטסגעבער און אַרבעטער, פילאַנטראָפּ און הילפס־באַדערפטיקער.

האָבן די יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן זיי זיך אויך אָרגאַניזירט

---

*) פאַרקירצט פון מיין אַרבעט „די ערשטע אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש" („האַמער", אַפּריל 1926). אין 1934 האָט משה שטאַרקמאַן דערציילט אין דר. שאַצקיס „זאַמלבוך", אַז לויט מאַקס גרינבוים איז י. ק. בוכנערס „ידישע צייטונג" אַרויס מיט אַ פינף חדשים פריער, ווי „די פּאָסט". זי ווערט אויך דערמאָנט אַ חודש פריער איידער „די פּאָסט" דערשיינט, אין דער „דזשואיש טיימס". (ציטירט פון בנימין שטיינבערג אינעם „יאָרבוך" פון אַמאָפּטייל ייוואָ, 1939.) אַזוי ווי בוכנער פלעגט אַרויסגעבן זיין אָרגאַן נאָר ביי געוויסע געלעגנהייטן, און בלויז ליטאָ־גראַפירט, בלייבט דאָך „די פּאָסט" די ערשטע פּעריאָדישע אויסגאַבע אין יידיש, געדרוקט אין אַמעריקע.

אין לאַנדסמאַנשאַפטן און געמיינדעס (אין יאָר 1852 אין ניו־יאָרק, אין 1867 אין שיקאַגע, א. ד. ג.). אָט די קליינע געמיינדעס האָבן געשאַפן אַ סביבה פאַר אַן אינטעליגענץ, צוערשט פאַר אַ רעליגיעזער (כלי־קודשדיקע): שוחטים, חזנים, מלמדים, רבנים — און אַ ביסל שפּעטער פאַר אַן אויפגעקלערטער (משכילישער) — לערער, פּרעדיקער, בוכהאַנדלער, שרייבער.

אַ 92־יעריקער זקן, שמואל הלל אייזיקס (1825—1917), אַ שרייבער אין יידיש, העברייאיש און ענגליש, און אַ מחבר פון ביכער און בראָשורן, האָט דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות דערציילט זיינע איבער־לעבונגען אין ניו־יאָרק פון יאָר 1847.*) ווען דער 22־יעריקער למדן איז געקומען פון סואוואַלקער גובערניע קיין ניו־יאָרק, האָט ער געפונען ווייניק היימישע יידן, און אויך דאָס ביסל איז ניט געווען אָרגאַניזירט. מאָכן אַ לעבן פון תורה אָדער השכלה איז ניט געווען מעגלעך אַפילו פאַר אַ „קאַלוואַריער דייטש", אַ ייד פון סואוואַלקער גובערניע, וואָס האַלט זיך פאַר אַ מקורב צו די דייטשע יידן. עס זיינען געווען בלויז צוויי מעגלעכע פּרנסות: פּעדלען אָדער אַרבעטן. איז ער געוואָרן אַ ציגאַר־מאַכער. האָט ער געוואָלט עסן כשר, האָט ער געמוזט פּועלן ביים גויאישן בוטשער, יענער זאָל לאָזן קוילן אַ בהמה נאָכן יידישן דין. מצה האָט מען געמוזט אַליין באַקן, און דאָס האָט געקאָנט דורכ־פירן בלויז דער, וואָס האָט געהאַט אַן אייגן הויז מיט אַ היימישן אויוון.

אין די זעכציקער יאָרן קאָנען שוין די ניי־איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן אויסהאַלטן אַ געוויסע צאָל אינטעליגענטע כחות. הייבן זיך אָן באַווייזן די ערשטע משכילים. צוערשט צווישן די „קאַלוואַריער דייטשן", צווישן די אימיגראַנטן פון סואוואַלקער גובערניע, ביי דער פּרייסישער גרענעץ. זיי רעדן אַלע מער אָדער ווייניקער פאַרדייטשט, און בילדן דעם עכטן משכילישן טיפּ, וואָס פאַראייניקט אמונה און השכלה. אַ טייל פון אָט די משכילים ווערן אין אַמעריקע ראַבאַיס אָדער פּרעדיקער ביי דייטש־יידישע קהלות. די וואָס קאָנען ווייניקער דייטש, אָדער האָבן ניט קיין נייגונג צו אָט די פּראָפעסיעס, נעמען זיך צו לערעריי אָדער מלמדות. פאַראַן צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס ווערן גיך אַמעריקאַניזירט, דערלערנען די ענגלישע שפּראַך, הייבן אָן שרייבן אין ענגליש־יידישע אויסגאַבן און גייען נאָכדעם אַריבער צו דער אַלגעמיינער ענגלישער זשורנאַליסטיק. אַנדערע ווידער טרעטן אַריין אין קאַלעדזשעס און שטודירן אויס דאָקטאָר אָדער אַדוואָקאַט.

מיט דער יידישער שפּראַך אָדער „זשאַרגאָן", ווי זיי רופן איר אָן, האָבן זיי קיינער ניט קיין שייכות. זיי האָבן פאַרלאָזן די אַלטע היים, ווען געבילדעטע

*) „דער עלטסטער יידישער שרייבער אין שיקאַגע" פון קלמן צבי [מרמר] אין „יידישן רעקאָרד", שיקאַגע, 1916.

אָדער אויפגעקלערטע מענטשן פלעגן זיך אויסדריקן שריפטלעך אין יעדער אַנדער שפּראַך, נאָר ניט יידיש. שרייבן זיי אויך אין אַמעריקע — העברייאיש. צאַצקען זיך איינע פאַר די אַנדערע מיט זייערע העברייאישע גראַמען און מליצות. צעקריגן זיי זיך, שרייבן זיי איינע קעגן די אַנדערע „קאָרעספּאָנדענ־ציעס" אין די העברייאישע אויסגאַבן פון דער אַלטער וועלט.

נאָר אָט די שפּיל פון דערוואַקסענע מענטשן האָט געמוזט אויפהערן, ווען זיי זיינען געקומען אין באַרירונג מיט די ברייטע יידישע מאַסן. איז די פּאָר־דייטשטע העברייאיסטן געווען באַשערט, קעגן זייער אייגענעם ווילן, צו ווערן די באַגרינדער פון יידישן וואָרט אין אַמעריקע. איז גראָד אַ קאַלוואַריער אײדים, און אַנגעזעענער משכיל, צבי הירש בערנשטיין, געוואָרן דער אַרויס־געבער פון דער ערשטער אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש („די פּאָסט").*)

2

דער יונגער 24־יעריקער משכיל און רבנישער אײדים וואָלט מעגלעך, ווי אַ סך אַנדערע פון זיין גלייכן, געוואָרן אַ ראַבאַי אָדער אַ פּרעדיקער אין אַמעריקע, ווען ניט די מלחמה צווישן פּרייסן און פראַנקרייך.

אין יולי 1870 האָט אויסגעבראָכן דער פּרייסיש־פראַנצויזישער קריג. די אידישע מאַסן אין אַמעריקע האָבן געלעכצט נאָך מלחמה־נייעס. די אויפרעגונג צווישן די דייטשע יידן, וואָס זיינען געווען באַזונדערס פּאַראינטערעסירט אין דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה, האָט אויך אָנגעשטעקט די יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע. בערנשטיין באַגרייפט באַלד די וויכטיקייט פון אַ צייטונג אין יידיש. ער נעמט זיך אונטער עס אַרויסצוגעבן.

דער פאַקט, וואָס אין רוסלאַנד איז אַרויס אַ יידישע צייטונג — דער „קול מבשר" — נאָך אין 1862, און דער אַרויסגעבער איז געווען דער זעלבער צעדערבוים, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם „המליץ", איז געווען אַ גאַראַנטיע, אַז די משכילים וועלן צושטעלן גענוג מיטאַרבעטער פאַר אַ צייטונג אין יידיש. די הויפּט־שוועריקייט איז געווען דער מאַנגל אין דרוק און אַ זעצער. בערנ־שטיין שאַפט זיך דאָן אין יידישע בוכשטאַבן און נעמט אַריין פאַר אַ שותף און מיט־רעדאַקטאָר צבי גרשוני, וועלכער האָט געקאָנט שריפטזעצעריי.

*) זע זייטן 97-99.

3

צבי (הירש) גרשוני איז געבאָרן געוואָרן אין ווילנע, אין 1844. זיין פאָטער האָט אים געגעבן אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג און געהאָפט אים צו מאַכן פאַר אַ רב, אַזוי ווי אַנדערע דריי פון זיינע ברידער. אינעם עלטער פון 16 יאָר ווערט אָבער גרשוני באַווירקט פון דער השכלה־ליטעראַטור, אין העברייאיש, און באַשליסט צו שטודירן וועלטלעכע לימודים. די פרומע עלטערן זיינען געווען קעגן זיין באַשלוס. פאַרלאָזט דער יונגער גרשוני זייער הויז און טרעט אַריין קעגן זייער ווילן אין דער ווילנער ראַבינער־שול. ער ווערט דאָרט באַלד אַריינגענומען אינעם פערטן קלאַס, וואו ער ווערט איינער פון די בעסטע שילער. באַזונדער וויזט ער אַרויס גרויסע פייאיקייטן צו שפּראַכן. ער ווערט איינער פון די געציילטע העברייאישע סטיליסטן.

צוויי יאָר שפּעטער, אין 1864, ענדיקט גרשוני די ראַבינער־שול פאַר לערער־פּעדאַגאָג, און טרעט אַריין אין דעם פילאָסאָפישן אָפּטייל פון דער פּעטערבורגער (איצט לענינגראַדער) אוניווערזיטעט. פּראָפעסאָר כוואָלסאָן, אַ געטויפטער ייד, רעקאָמענדירט גרשונין אוראָקן אין קריסטלעכע הייזער. האָט זיך דאָרט גרשוני פאַרליבט אין זיינער אַ שילערין, די איינציקע טאָכטער פון גראַף אואוואַראָוו, אַן אָנגעזעענער הויכער ביוראָקראַט. ווי פיל אַנדערע אין יענער צייט, טויפט זיך גרשוני, כדי צו קאָנען בעטן די הענט פון דער פרוי, וואָס ער האָט געליבט. נאָר איידער עס געלינגט אים צו געווינען דאָס האַרץ פון דער געליבטער, באַפאַלט גרשונין אַ טיפע חרטה אויף זיין שמד.

צעפרעסן פון חרטה און געוויסנביסן, האָט דער 22־יעריקער סטודענט פאַרלאָזן די צאַרישע הויפּטשטאָט מיטן באַשלוס אויסצואוואַנדערן אין אַ לאַנד, וואו ער זאָל קאָנען אָפּוואַשן פון זיך דעם מיאוסן פלעק פון שמד.

מיט גרויס מי האָט גרשוני זיך דערשלעפּט קיין בערלין. נאָר ער קאָן דאָרט לאַנג ניט פאַרבלייבן אָן אַ פּאַס. פאָרט ער אָפּ (אין סעפּטעמבער 1866) קיין לאָנדאָן, וואו ער פאַלט אַריין, צוליב זיין „גרינקייט", אין דער נעץ פון די מיסיאָנערן. ער צאַפּלט זיך דאָרט איבער אַ יאָר צייט און ווייס ניט ווי אַזוי זיך צו באַפרייען. ער לערנט זיך דערווייל אויס די ענגלישע שפּראַך, ווי אויך אַ פּאָר מלאכות: זייגערמאַכעריי און שריפטזעצעריי. נאָר זיין געדאַנק איז כסדר פאַרנומען מיט פּלענער ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון די מיסיאָנערסקע הענט.

צופעליק האָט גרשוני איינמאָל באַגעגנט אין גאַס זיין ווילנער לאַנדסמאַן, דעם משכיל חיים זלמן עליאַשעוויץ (חזא"ל). יענער מאַכט פון אים חוזק. ער זאָגט: אויב דו ווילסט זיין אַ קריסט, טאָ קער זיך אום צוריק קיין רוסלאַנד, וואו מיט דיין וויסן און מיט דיינע פייאיקייטן קאָנסטו דערגרייכן צו אַ הויכער שטופּע. גרשוני באַשליסט דאַן גלייך צו האַנדלען. ער ווענדט זיך צום לאָנדאָנער אויבער־ראַבינער דר. נתן אַדלער, און דערציילט אים אַלצדינג. יענער ראָט אים צו פאַרלאָזן תיכף ענגלאַנד, וואו די מיסיאָנערן וועלן אים ניט מער צורו לאָזן. דר. אַדלער רעקאָמענדירט אים צו חשובע יידן אין פּאַריז, אים צו העלפן שטודירן אין דער סאָרבאָן. נאָר די מיסיאָנערן אינטריגירן קעגן אים און זוכן אונטערצוגראָבן זיין פּרעסטיזש. באַשליסט גרשוני איינמאָל פאַר אַלע מאָל דערציילן עפנטלעך זיין טראַגעדיע און דערמיט אָוועקנעמען ביי דער פאַרלוימדונג איר גיפט. ער טוט דאָס אין אַן אַרטיקל, „ומודה ועוזב ירוחם", אין דריי נומערן פון „המגיד" (סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1868). ער דערציילט פון זיין שמד און חרטה, וואַנדערן און ליידן, פאַרפירטקייט (פון די מיסיאָנערן) און רעטונג. ער ענדיקט זיין בריוו מיט די ווערטער:

„זאָל אויף מיר עדות זאָגן דער געלערטער משכיל ה' חזא"ל, אויב איך בין ניט אַוועק פון לאָנדאָן אין אויסערסטער נויט, און געלאָזן הינטער זיך הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, קריסטן, וועלכע האָבן געוואָלט, און געקאָנט, טאָן מיט מיר גוטס, אויב איך וואָלט נאָר איינגעוויליקט צו פאַרבלייבן ביי זיי.

„קומט און זאָגט עדות אויף מיר, יעדער מענטש, וואָס וויים אַלץ געגוי ווען מיין לעבן אין לאָנדאָן — — — אויב איך האָב ניט געזוכט כסדר דעם וועג צוריק צו מיין פאָלק.

„זאָלן אויף מיר עדות זאָגן אויך די מענטשן, וועלכע האָבן מיך דאָ דערקענט: אויב שוין ניט דריי חדשים ווי איך וואַלגער זיך דאָ אַרום אין עלנט און נויט, אויב דאָס זיינען ניט מיינע ווערטער: „בעסער שטאַרבן פון הונגער און באַגראָבן ווערן צווישן יידן, איידער צו לעבן אין פאַרגעניגן צווישן די מיסיאָנערן."

„הלוואי ווערט מקוים מיין וואונטש, אַז מיין אויפריכטיקע תשובה זאָל ווערן באַקאַנט צווישן עולם, וועלן ווערן געטרייסט מיינע פאַמיליע־אָנגע־העריגע, וועמעס פּנימער איך האָב באַדעקט מיט שאַנד דורך מיינע שלעכטע מעשים, און צו וועמען מיין האַרץ האָט געלעכצט ווידערצוקערן זייער פאַר־לאָרענער ערע."

צום סוף דריקט גרשוני אויס דעם וואונטש, אַז יונגעלייט אין זיינע יאָרן זאָלן זיך נעמען פון אים אַ ביישפּיל, און באַגרייפן דעם שרעקלעכן צושטאַנד פון איינעם, וואָס האָט געזינדיקט ווי ער. זיין לעצט וואָרט איז אַן אַפּיל צום יידישן עולם:

„פאַרשטויסט מיך ניט פון אייער געזעלשאַפט!"

4

גרשוניס ווידוי איז געווען באַגלייט מיט אַ נאָכוואָרט פון שניאור זאַקש. דער דעמאָלט פּאָפּולערער העברייאישער שריפטשטעלער האָט עדות געזאָגט, אַז גרשוני איז אויפריכטיק מיט זיין חרטה אויף דער פאַרגאַנגענהייט און מיט זיין ליבע צום יידישן פאָלק. זאַקש שילדערט אויך די גלענצנדיקע פייאיקייטן, שפּראַכן־קענטשאַפט און געלערזאַמקייט פון דעם 24־יעריקן גרשוני, און אַפּעלירט מען זאָל אים ניט לאָזן „אויסגיין פאַר הונגער חלילה"...

אין גרשוניס ווידוי ווערט ניט דערמאָנט אין וועלכער שטאָט און אין וועלכן לאַנד ער האָט זיך געטויפט. דערביי ווערט שוין אויך אויסגעלאָזן דער גאַנצער עפּיזאָד פון גרשוניס ליבע — דער הויפּט־מאָטיוו פאַר זיין שמד. נאָר אַזאַ וואָרט ווי ליבע האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין לומדישן „המגיד". אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט רוסלאַנד האָט קענטיק געמוזט ווערן אויסגעלאָזן, כדי דער „המגיד", וואָס האָט זיך געדרוקט אין פּרייסן, זאָל ניט ווערן פאַרבאָטן פון רוסישן צענזור.*)

צבי גרשוניס האָפענונג, אָבער, אַז נאָך זיין ווידוי וועט ער שוין קאָנען פאַרבלייבן רואיק אין פּאַריז, איז ניט מקוים געוואָרן. ס'איז דעריבער ניט ריכטיק, וואָס ש. ל. ציטראָן דערציילט, אין זיין בוך „משומדים", אַז נאָך דעם דאָזיקן ווידוי האָבן פּאַריזער יידישע גדולים געעפנט פאַר גרשונין אַלע טירן, נאָר ער האָט ניט געוואָלט בלייבן דאָרט, האָט זייער חברה „כל ישראל חברים" (די „אַליאַנס") אים געגעבן די רייזע־קאָסטן קיין אַמעריקע. צווישן גרשוניס

---

*) פאַראַן נאָך אַ נוסח וועגן גרשוניס זינד און תשובה. לויט יענעם נוסח, וואָס ווערט דאָ דערציילט מינדלעך, האָט גרשוני זיך געשמדט ניט אויס ליבע. נאָר אויס אַפּיקורסות. נאָכן חרטה האָבן איז ער ניט אַוועק קיין בערלין, נאָר געווען דריי יאָר אַ פּרוש אין לאָמזע, פּוילן. ווען זיין ווילנער יידישע געליבטע האָט ניט געוואָלט פון אים מער וויסן, איז ער אָפּגעפאָרן קיין ברעסלוי שטודירן אויף ראַבינער. זיין לערער, דער יידישער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר גרעץ, האָט אים געראַטן פאָרן נאָך ענגלאַנד א. אַז. וו. די אַלע מעשיות זיינען וואַרשיינלעך אויסגעשפּונען געוואָרן פון זיין ענגלישער דערציילונג „דער גלגול פון אַ ליטווישן ייִנגל", וואו עס איז נאַטירלעך פאַראַן מער דיכטונג ווי וואַרהייט, אין זיין בוך „סקעטשעס אָוו דזשואיש לייף ענד היסטאָרי" (ניו-יאָרק, 1873). ניט ריכטיק איז אויך די באַהויפּטונג פון הערמאַן עליאַסאָף, אין זיין קורצער ביאָגראַפיע פון גרשונין (אין „רעפאָרם אַדוואָקאַט", מאַי 1901), אַז גרשוני האָט זיך קיינמאָל ניט געשמדט, נאָר ער האָט געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד צוליב פּאָליטישע מאָטיוון. גרשוניס אייגענער ווידוי לייקנט דאָס אָפּ.

מאַנוסקריפּטן אין מיין רשות געפינט זיך אַ קאָפּיע פון זיינעם אַ בריוו צו פּרץ סמאָלענסקין, דעם רעדאַקטאָר פון „השחר", וואו ער דערציילט וועגן דעם אַזוי:

„אויסער דעם פאָרשער שניאור זאַקש האָט מיר קיינער ניט געהאָלפן אין מיין נויט. אומזיסט האָב איך זיך געווענדט צו א. כ. [אַלבערט קאָהן], מיר צו געבן אַ וועלכע עס איז שטעלע, איך זאָל מיך קאָנען דערנערן. אומזיסט האָב איך זיך געווענדט צו די, וואָס האָבן געקאָנט לינדערן מיין נויט, נאָר קיינער האָט מיר ניט געהאָלפן. וואָלט איך געוואוסט, אַז זיי געטרויען מיר ניט דערפאַר, וואָס איך האָב זיך אַליין באַשולדיקט: „איך האָב פאַרראַטן מיין פאָלק און מיין גאָט", וואָלט איך געשוויגן. נאָר ווען איך האָב איינגעזען, אַז אַ סך פאַראַכטן מיך דערפאַר, וואָס איך בין אַ געבאָרענער פון ליטע (אויך אין דעם האָב איך זיך אַליין אַרויסגעגעבן, ווייל רעדנדיק גוט דייטש האָב איך געקאָנט זאָגן, אַז איך בין אַ דייטשער), און אַז אַ סך פון די וואָס האָבן געהאָלפן אַזוינע זינדער, וואָס האָבן ניט תשובה געטאָן, זיינען גלייכגילטיק צו מיר, בין איך געוואָרן פאַרביטערט און באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פּאַריז.

„מיין ערשטער פּלאַן איז געווען צו גיין נאָך ווין, נאָר די פאַלשקייט פון א. כ. האָט מיר דאָס געשטערט. נאָכדעם ווי ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן די רייזע־קאָסטן, האָט ער חרטה געהאַט. בין איך געוואָרן אויף אים אין כעם און אים געשריבן ביטער אין אַ בריוו: "Chi non one', vuoli non merite," און מער וועל איך פון אייך קיין זאַך ניט אָננעמען." האָב איך באַשלאָסן פאָרן קיין אַמעריקע. בין איך געקומען קיין לאָנדאָן און אַלצדינג דערציילט דעם פּראָפעסאָר מאַרקס. האָט ער מיר געשיקט אַהער און מיר געגעבן גוטע רעקאָמענדאַציעס. אַ דאַנק גאָט, האָב איך דאָ געקראָגן אַרבעט ביי אַן אַרויסגעבער פון אַן ענגלישער צייטונג און בין אויך געוואָרן אַ לערער אין אַ שולע און איך האָב אויף חיונה. איך האָב אויך אָפּגעשיקט דעם פּראָפעסאָר מאַרקס אַלץ וואָס ער האָט מיר געליען."

5

פּראָפעסאָר מאַרקס האָט גרשוני מיטגעגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו אַ ניו־יאָרקער ראַבאַי, ד״ר. שמואל אַדלער. נאָר אין איילעניש האָט דער פּראָפעסאָר פאַרגעסן אונטערצושרייבן זיין נאָמען. גרשוני האָט דאָס אַנטדעקט ערשט ווען ער איז שוין געווען אין אַמעריקע. האָט ער זיך צוליב דעם ניט באַנוצט מיט דער רעקאָמענדאַציע, נאָר איז אַוועק זוכן אַרבעט אין אַן ענגליש־יידיש וואָכנבלאַט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס שרייבער אין פיר שפּראַכן: ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש און העברייאיש. די פינפטע שפּראַך, יידיש, האָט ער נאַטירלעך ניט געטאָרט דערמאָנען פאַר דעם משכּילישן רעדאַקטאָר. מעגלעך, אַז אויך גרשוני אַליין האָט דעמאָלט נאָך ניט געהאַלטן פון דער מעגלעכקייט צו שרייבן אין יידיש, כאָטש ער האָט אין עלטער פון 16 אָדער 17

יאָר אָנגעשריבן אַ יידיש ליד, „דער צימבל‟, צו וועלכן הירש ניסן גאָלאָמב האָט פאַרפאַסט מוזיק.*)

דער רעדאַקטאָר פון דער ענגליש־יידישער צייטשריפט האָט באַשטעלט ביי גרשונין אַ דערציילונג פון יידישן לעבן און זיך באַדונגען מיט אים 5 דאָלער אַ קאָלום. נאָר נאָכדעם ווי דער רעדאַקטאָר האָט אָפּגעדרוקט אַכט קאָלומס, האָט ער דעם „גרינעם‟ יונגערמאַן געגעבן בלויז זעקס דאָלער. ווען גרשוני איז געקומען מאָנען דאָס איבעריקע, האָט אים דער רעדאַקטאָר אָנ־שטאָט געלט געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע צום משכיל ווידאָווער, פּרעדיקער פון טעמפּל „בני ישורון‟. דער משכיל, אַ „קאַלוואַריער דייטש‟, האָט ניט געפונען פאַר דעם הויך־אינטעליגענטן גרשונין קיין בעסערע שטעלע, ווי אים רעקאָמענדירן פאַר אַ „וואַטשמאַן‟ (שומר) אין הויז פון זיינעם, ווידאָווערס, אַ פריינט, וואָס האָט געזאָלט אָפּפאָרן נאָך אויסלאַנד. נאָר גרשוני האָט ניט געהאַט קיין סענט געלט מיט וואָס צוצופאָרן צו יענעם פּלאַץ. האָט אים דער משכיל געשענקט 25 סענט.

צו גרשוניס גליק האָט פּראָפעסאָר מאַרקס געשריבן אַ בריוו צו דר. שמואל אַדלער אין ניו־יאָרק און געפרעגט אויף אים. האָט יענער אויפגעזוכט גרשונין און זיך דערוואוסט פאַר וואָס דער פיינפילנדיקער גרינער יונגערמאַן האָט אים ניט באַזוכט. דר. אַדלער האָט באַלד רעקאָמענדירט גרשונין פאַר אַ לערער אין טעמפּל עמנואל און אים אויך פאַרשאַפט פּריוואַטע אורחים. קיין גרויסע גליקן האָט גרשוני ניט געמאַכט פון זיין לערעריי, נאָר די טעג פון אויסערסטער נויט זיינען שוין פאַר אים געווען פאַריבער. בפרט, אַז ער האָט פון צייט צו צייט אויך עפּעס וואָס פאַרדינט פון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט אין ענגליש.

6

דער גלענצנדיקער פּובליציסט גרשוני (אויף וועמען זיינער אַ רעדאַקטאָר, דזש. פּ. סאָלאָמאָנס, האָט געזאָגט: „ער נעמט אַ גן־עדן־פעדער, טונקט איין אין גאַל, און שרייבט‟) האָט נאָך אין אייראָפּע פאַנטאַזירט פון אַרויסגעבן אַ צייטונג פאַר די יידישע מאַסן. אין אַ בריוו פון 5טן אויגוסט, 1867, צום דייטש־יידישן מיסיאָנער דר. שוואַרץ, שרייבט גרשוני, אַז דער בעסטער וועג אויפ־צוקלערן די יידישע מאַסן זיינען צייטונגען. נאָר גרשוניס פאָדערונג פון אַ צייטונג, זי זאָל זיין אַ וואָפן פון אויפקלערונג, איז פון די העברייאישע רעדאַק־טאָרן פון יענער צייט ניט דערפילט געוואָרן.

*) זע אויבן, זייט 7.

צווישן גרשוניס מאַנוסקריפּטן געפינט זיך אַ בריוו, אויף פיר זייטן, געשריבן קענטיק אַלס ענטפער אויף אַן איינלאַדונג מיטצואַרבעטן אין אָרטאָדאָקסישן „הלבנון". דער פרומער רעדאַקטאָר האָט געשריבן גרשונין, אַז דער „לבנון" „וויל ניט וויסן און לאָזן וויסן" „וואָס עס קומט פאָר צווישן אונדזערע ברידער", נאָר ער וויל האָבן פאַר זיינע לעזער „פאַרוואונדערדיקע פאַסירונגען [סענסאַציעס], וואָס זאָלן אַנפילן זייערע אויערן".

גרשוני לאַכט ביטער אויס אַזאַ מין „צייטונג". ער מאַכט חוזק פון „הלבנון"ס פרומקייט און ערד־פרעמדשאַפט. ער זאָגט זיך אָפּ צו שרייבן פאַר אים. ער ראָט אים אויסצושרייבן די טעגלעכע צייטונגען פון אַמעריקע, די „דיילי ניוס" [אַ סענסאַציאָנעלע געלע צייטונג פון יענער צייט] א. ד. ג. „און פון זיי וועסטו איבערזעצן פאַר דיינע לעזער אין דער הייליקער שפּראַך — — — אַלע סענסאַציעס, וואָס דו וועסט נאָר קריגן".

דערביי רעכנט גרשוני אויס אַ שרעקלעכן צעטל פון פאַרברעכנס און אויסגעלאַסנקייטן, מיט וועלכע די אַמעריקאַנער געלע פּרעסע איז אָנגעפּיקעוועט. גלייכצייטיק רייסט גרשוני אַרונטער די מאַסקע פון צביעות פון דער אָרטאָדאָקסישער העברייאישער צייטונג, וואָס זוכט צו שפּייזן אירע לעזער מיט אַזאַ שמוץ. גרשוני מוסרט אויס דעם אָרטאָדאָקסישן רעדאַקטאָר פון „לבנון", ווי אַ צעלאָזן נאַריש יינגל, און באַמערקט צום סוף:

„נאָר איינס בעט איך דיר איצט, דו זאָלסט ניט דערמאָנען מיין נאָמען אין צייטונג, סיידן צו שאַנד, אויף וויפיל דו קאָנסט און ווי עס וועט איינפאַלן עמעצן פון די „וואונדער"־באַשרייבער, ווייל אויב דער „לבנון" וועט מיר לויבן, וועל איך זיך שעמען."

ניט צופרידן איז גרשוני געווען אויך פון האַלב־אָרטאָדאָקסישן „המגיד", און אַפילו דער משכילישער „המליץ" האָט אים ניט גאַנץ צופרידן געשטעלט.

אין זיין פריער דערמאָנטן בריוו צו פּרץ סמאָלענסקין, וועלכער האָט אין סעפּטעמבער 1868 אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיין פּראָגרעסיוון חודש־זשורנאַל „השחר", שרייבט גרשוני:

„הרש"ז (שניאור זאַקס), וואָס איז סימפּאַטיש צום „המליץ", האָט מיך געבעטן צו ווערן זיינער אַ קאָרעספּאָנדענט. פון „המגיד" האָט מיר אָפּגעעקלט, ווייל ער איז אַ צבועק. ער דרייט זיך אַהער און אַהין, כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון די פינסטערלינגס, וואָס זייער גאַנצער וועזן איז פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן.

„נאָר ניט אַלע מיינע געדאַנקען קאָן איך אויסדריקן אויך אין „המליץ" — — — אין אַ צייטונג, וואָס גייט אַרויס אין רוסלאַנד, וואו די האַנט פון צענזאָר קאָן אָפּהאַקן די פּלאַנצן פון פרייען וואָרט. דערצו זיצט ער צווישן דערנער, צווישן פרומאַקעס און צבועקעס, וואָס דאָס לאָזט אים ניט פאַר־

ווירקלעכן זיין גוטע אַבזיכט, צו רעדן וועגן יעדער פרייער און נייער זאַך אין יידישן לאַגער, טאָמער וועט דאָס אים שאַדן.״ *)

7

באַוועגט פון פּראָגרעסיווע געדאַנקען איבערן יידישן זשורנאַליזם און איבער דער יידישער שפּראַך, איז דער באַגאַבטער זשורנאַליסט און געלערנטער צבי גרשוני געווען די פּאַסנדיקסטע פּערזאָן פאַר דער ערשטער לעגיטימער אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש. נאָר גרשוניס אַלע גרויסע מעלות וואָלטן ניט געווען גענוג, אַז בערנשטיין זאָל אים אַריינגעמען פאַר אַ שותף און רעדאַקטאָר, ווען ער וואָלט ניט געקאָנט די מלאכה פון אַ זעצער.

גרשוניס הויכע זשורנאַליסטישע פאָדערונגען זיינען פון געשעפטס־שטאַנדפּונקט געווען אַ חסרון. דערצו איז ער נאָך געווען צעקריגט מיט אַ היפּשער צאָל ניו־יאָרקער משכילישע ראַבאַיס און פּרעדיקער.

אין אַ ניט־געענדיקטן בריוו פון יענער צייט צום רעדאַקטאָר פון „המגיד״, שרייבט גרשוני אויספירלעך וועגן זיינע שונאים. מיר דערוויסן זיך דאָרט, אַז גרשוני האָט באַטראַכט אַ געוויסן ראַבאַי, ה. ג. ווידאַווער, פאַר ניט קיין פיינעם מענטשן, און געהאָלפן אים דעמאַסקירן אין „הלבנון״. האָבן יענעמס פריינט זיך נוקם געווען אָן גרשונין און אַריינגעשריבן קעגן אים אַ פּאַסקוויל אין „המגיד״, וועמעס רעדאַקטאָר, א. ל. זילבערמאַן, איז געווען אַ פריינט פון ווידאַווערן.

אין זיין בריוו צו זילבערמאַנען רעדט גרשוני מיט פאַראַכטונג קעגן אָט די משכילים, און כאַראַקטעריזירט יעדן איינעם באַזונדער. ער שאַנעוועט אויך ניט זילבערמאַנען גופא, און באַשולדיקט אים אין דרוקן ליגנס באַוואוסט־זיניק. גלייכצייטיק, אין אויגוסט 1870, שרייבט אויך גרשוני צו שניאור זאַקש אין פּאַריז, און ראָט אים זיך ניט אָנצונעמען ראַבאַי ווידאַווערס כבוד, ווייל עס זיינען דאָ גענוג פאַקטן צו באַשטעטיקן אַלץ, וואָס מ׳האָט וועגן אים גע־שריבן. דערביי דריקט אויס גרשוני זיין צופרידנקייט, וואָס ער איז געקומען קיין אַמעריקע, ווייל ער דערנערט זיך פון דער אַרבעט פון זיינע אייגענע הענט און קאָן אויסנוצן זיינע פייאיקייטן. „און אויב איך וואָלט אפילו געקומען קיין ניו־יאָרק בלויז אויפצודעקן די פאַלשקייט פון די, וואָס באַנוצן זיך מיטן שטריימל און צו וואָרענען די וועלט קעגן זיי, וואָלט מיר אויך געווען גענוג.״

אָנהויבן אַ נייע צייטונג מיט אַזאַ רעדאַקטאָר, וועלכן איינפלוסרייכע קעגנער רופן אָן „משומד״ און „מיסיאָנער״, איז באמת געווען ניט אנגענעם.

*) דאָ ווערן אויסגעלאָזן אַ ריי זאַצן פון אָט דעם בריוו און פון אַ צווייטן מאַנוסקריפּט, וואָס זיינען שוין ציטירט אויף זייטן 8-9.

נאָר דער אַרויסגעבער, צבי הירש בערנשטיין, האָט זיך ניט געקאָנט העלפן. גרשוני איז געווען דער איינציקער יידישער זעצער, וועלכן בערנשטיין האָט געקאָנט קריגן. בפרט אַז גרשוני איז געווען אַ פּייאָניקער זשורנאַליסט און איז, אונטערן נאָמען העברי גערסאָני, שוין געווען באַקאַנט אויך אין דער ענגלישער פּרעסע.

מיט גרשונין פֿאַר אַ שותּף און רעדאַקטאָר זיינען שוין די פֿאָרבאַרייטונגען פֿאַר דער נייער צייטונג צוגעגאַנגען שנעל. אין אויגוסט 1870, ווען די פּרייסיש־פֿראַנצויזישע מלחמה איז געווען אין רעכטן ברען, איז אַרויס דער ערשטער נומער פֿון דער ערשטער אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש — „די פּאָסט".*)

די קוועלן פֿאַר אָט דער אַרבעט זיינען, אויסער די פּריוואַט־דערמאָנטע גרשוני־ביאָגראַפֿיעס און גרשוני־מאַנוסקריפּטן, ווי אויך זיין ווידוי אין „המגיד" פֿון סעפּט־אָקט. 1868, אויך נאָך:

צבי גרשונים קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ", 1868—1870.

„הצפה בארץ החדשה", ניו־יאָרק, 1871.

צבי הירש בערנשטיינס קאַפּיטל מעמואַרן אין „ילקוט מערבי", ניו־יאָרק, 1904.

נעקראָלאָגן און נאָטיצן וועגן בערנשטיין און גרשוני אין דער יידישער, העברעיאישער און ענגליש־יידישער פּרעסע פֿון זייער צייט.

מיטטיילונגען (מינדלעך) פֿון גרשונים פּריוואַט יהודה בוכהאַלטער, אין ניו־יאָרק, און פֿון גרשונים שוועסטערס טאָכטער חוה שאַבאַד, אין שיקאַגע (דורך ראובן וואַקלסאָן) און פֿון זיין לאַנדסמאַן ה' חיים אין ניו־יאָרק.

(„האָמער", אַפּריל, 1926.)

גרשונים לעבן נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַרלאָזן „די פּאָסט" איז נאָך ניט גענוי אויסגעפֿאָרשט געוואָרן. באַזונדער איז ניט באַקאַנט זיין שפּעטערער שרייבן אין דער יידישער פּרעסע. יחזקאל סאַראַזאָן פֿון די „גאַזעטן" און „טאָגע־בלאַט" האָט דעם שרייבער פֿון אָט די שורות פֿאַרזיכערט, אַז גרשוני האָט אין זיי מיטגעאַרבעט אַ סך יאָרן נאָכאַנאַנד. צי ער האָט דאָרט געשריבן אין יידיש, אָדער בלויז אין דער העברעיאישער אָפּטיילונג פֿון די „גאַזעטן" און אין דער ענגלישער פֿון „טאָגעבלאַט", און צי ער האָט דאָרט געשריבן אונטער זיין אייגענעם נאָמען, דאַרף נאָך אונטערזוכט ווערן, אויך איצט, ביים סוף יאָר 1943.

מער באַקאַנט איז וועגן זיין ליטעראַרישער טעטיקייט אין העברעיאיש, ענגליש און דייטש. מיט דער העברעיאישער פּרעסע איז גרשוני געווען פֿאַר־בונדן אַרום דרייסיק יאָר אַלס שרייבער, און אַמאָל אויך אַלס אַגענט (אין מאַי

*) זע אָנמערקונג אויף זייט 100.

1871 איז געווען אַנאָנסירט אין די „דזשואיש טיימס״, אַז מ׳קאָן קריגן דעם „המליץ״ ביי ה. גערסאָני אויף דעם אַדרעס פון אָט דער ענגליש־יידישער צייטונג אין ניו־יאָרק). איז אויך געווען דער גרינדער פון דער חברה „חובבי שפת עבר״ (ליבהאָבער פון העברייאיש). ער האָט מיט־געאַרבעט אין אַ סך העברייאישע צייטונגען און אויך אינעם זשורנאַל „השלח״, אונטער דער רעדאַקציע פון אחד העם, וואו ער, גרשוני, האָט אויפגעדעקט די עקאָנאָמישע מאָטיוון פונעם רעפאָרם־יידנטום. אין זיינע אַרטיקלען אין די אַמעריקאַנער העברייאישע אויסגאַבעס האָט גרשוני אויך געשריבן וועגן די „העכערע ביבל־קריטיק״. ער האָט עס אויך פאַרעפנטלעכט אין באַזונדערע בראָשורן (ניו־יאָרק, 1895).

די מערסטע פון זיינע ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע אַרבעט איז געשריבן אין ענגליש. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער „ניו־יאָרק סאָן״, „דהי אינדיפּענדענט״ און אַנדערע דעמאָלט הויך־אָנגעזעענע אויסגאַבעס. דאָרט האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט זיין סעריע אַרטיקלען איבער „יידישע רענע־סאַנס״ און איבער ליליענטאַלן, וועלכן ער האָט שאַרף קריטיקירט פאַר זיין שטעלונג צו די רוסישע יידן און פאַר זיין קאַריעריזם אין אַמעריקע. וועגן דער ניט־פריינטלעכער שטעלונג פון געוויסע יאַהודים צו די יידישע אימי־גראַנטן פון מזרח־אייראָפּע האָט גרשוני אויך פאַרעפנטלעכט אין ענגליש אַ בראָשור מיטן נאָמען „ייד קעגן ייד״. אָנהויב 1871 איבערזעצט גרשוני לאָנג־פעלאָס ליד „עקסעלסיאָר״ אין העברייאיש. לאָנגפעלאָ שיקט אים צו אַ דאַנק־בריוו און די „לאָנגפעלאָ ליטעראַרי סאָסייעטי״ דערוויילט אים, גרשונין, פאַר אַן ערן־מיטגליד.

אין 1873 פאַרעפנטלעכט גרשוני זיין פריער דערמאָנטן באַנד דערציילונ־גען: „סקעטשעס אָוו דזשואיש לייף ענד היסטאָרי״ (סקיצן פון יידישן לעבן און געשיכטע). דאָס בוך האָט די מאָטאָ: „כ׳זוך ניט רייכקייט און באַרימט־קייט, מיין ציל איז נאָר צו זיין ניצלעך״. די ערשטע צוויי דערציילונגען זיינען פונעם יידישן לעבן אין ליטע. איינע, „דעם משורדס נקמה״, איז אַ נאָכאָמונג פון מרדכי אהרן גינצבורגס „תקון לבן הארמי״, די צווייטע; „דער גלגול פון אַ ליטווישן ייִנגל״ (די לענגסטע דערציילונג אינעם בוך) שילדערט אין אַן אויטאָביאָגראַפישער פאָרם דאָס לעבן פון אַ יידישן בחור פון דער ישיבה ביז צום אוניווערזיטעט. אָן ספק האָט דאָרט גרשוני אַריינגעשפּונען אויך מאָמענטן פון זיין אייגענעם לעבן. די איבעריקע דערציילונגען זיינען היס־טאָרישע: „רבי אלחנן״, די לעגענדע פון אַ יידישן ייִנגל, וואָס איז געוואָרן אַ פּאַפּסט און נאָכדעם זיך צוריק מגייר געווען, פריי באַאַרבעט נאָך קאָמפּערט: „דער פאַל פון ביתר [בעטער] און די צען הייליקע מאַרטירער״; „דער גר־צדק״, די לעגענדע פון גראַף פּאָטאָצקי, וואָס האָט זיך מגייר געווען און איז

דערפאַר פאַרברענט געוואָרן אויף אַש דורך דער קאַטוילישער קירך אין ווילנע.

פון זיינע איבערזעצונגען פון רוסישער פּאָעזיע און פּראָזע אין ענגליש איז אַרויס אין בוך־פאָרם טורגעניעווס צוויי דערציילונגען „אַן אומגליקלעכע פרוי" און „אַסיאַ" (ניו־יאָרק, 1886).

צבי גרשוני האָט אויך אַליין אַרויסגעגעבן צוויי צייטשריפטן: אַ וואָכנ־בלאַט „דהי דזשואיש אַדוועַנס", אין ענגליש און דייטש, שיקאַגאָ (1878—1881) און אַ חודש־זשורנאַל „דהי מאַקאַביייען" (דאָרט, 1882). אין זיינע אַרטיקלען איבער אַרבעטער־פּראַגן אין זיין אייגענעם זשורנאַל דערקלערט גרשוני, אַז דער מיטלקלאַס וועט פאַרשווינדן. ס'וועלן בלייבן נאָר די גבירים און זייערע אָרעמע שקלאַפן. ער ווייזט אָן, אַז אַלץ ווערט אָפּגעקויפט פונעם „עם הארץ" פאַר געלט; אַז איינפלוסרייכע זשורנאַלן האָבן מורא צו שרייבן קעגן זייערע „אַדווערטייזער" (אַנאָנסן־געבער); אַז די רייכע פירמעס קאָנ־טראָלירן די פּרעסע. גרשוני דערקלערט, אַז רייכקייט קאָנטראָלירט ניט בלויז די פיזישע אַרבעטער, נאָר אויך די גייסטיקע. ער שרייבט אַזוי: „דער ערלעכער ליטעראַרישער אַרבעטער מוז פּאַקטיש זיך מקריב זיין פאַר זיין אידעאַל פון מענטשן־ליבע און פּראָגרעס."

אין דעם „מאַקאַבייען" געפינען זיך אויך פון גרשונין אַרטיקלען איבער ליטעראַטור, יידישע געשיכטע, דאַרווין, סאַלוואַדאָר (יידישער נאַציאָנאַלער דענקער אין פראַנקרייך), רענאַן א. אַ.

אַ געוויסע צייט האָט גרשוני פאַרנומען ראַבינער־שטעלעס אין דער סאַוט (מייקאָן און אַטלאַנטאַ) און אין שיקאַגאָ. אין 1878 איבערצייגט זיך גרשוני, אַז ער איז ניט גענוג גלויביקער צו זיין אַ ראַבאַי און אַז ער איז אַ קעגנער פון דער קירך בכלל, גיט ער זיך אָפּ פון דעמאָלט אָן בלויז מיט זיין ליטע־ראַרישער אַרבעט. אַ געוויסע צייט פלעגט ער נאָך אַמאָל האַלטן רעדעס אין ענגליש אין רעפאָרם־טעמפּלען, כאָטש ער איז געווען אַ קעגנער פון רעפאָרמיזם און איז אַרויסגעטראָטן קעגן זייער גאַנצער פילאָסאָפיע פונעם יידנטום. שפּע־טער, ווען ער בייט זיין דירה אין ניו־יאָרק, פאַרבייט אויך גרשוני, אין דער דירעקטאָרי, זיין באַצייכענונג אַלס „רעווערענד" אויף זשורנאַליסט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין קורצן לעבן איז ער געווען קראַנק און אָרעם. ער שטאַרבט אין עלטער פון 54 יאָר, דעם 17טן יוני, 1897. זיין פרוי, אַ גע־וועזענע „פּאַבליק־סקול"־לערערין, אַ טאָכטער פון אַ דייטש־יידישער משפחה, מאַרקס, איז געשטאָרבן אַרום צען יאָר שפּעטער. קיין קינדער האָבן זיי ניט איבערגעלאָזן.

דער ערשטער יידישער צייטונג־טראַסט*)

אינעם פרילינג 1894 האָט די „יידישע גאַזעטן" געפייערט איר 20טן געבורטסטאָג. זי איז דעמאָלט געווען די איינגעפונדעוועטסטע יידישע צייטונג אין אַמעריקע. זי האָט געהאַט אויך אַ רייכע טעגלעכע אויסגאַבע „דאָס יודישע טאַגעבלאַט" און האָט קאָנטראָלירט אַ ריי פּראָווינציעלע צייטונגען. אין איר יובילעי־אויסגאַבע, דעם 20טן אַפּריל, 1894, באַרימט זי זיך, אַז זי האָט באַזיגט אַלע אירע קאָנקורענטן און געזען אומקומען פערציק יידישע צייטונגען, „מייסטנס אַזעלכע, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען בלויז די גאַזעטן צו פאַרניכטן", און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט פילע פון זיי איינגעשלונגען.

מאָריס ראָזענפעלד באַזינגט זי דעמאָלט, אין איר יובילעי־נומער, אין אַ ליד מיטן נאָמען „דער שטאָלצער אייכנבוים":

„איך בין דער שטאָלצער אייכנבוים,
וואָס לאַכט פון שטורעם און פון ווילדעסטן וועטער."

אַ געוויסע צייט האָט עס טאַקע אַזוי אויסגעזען.

* * *

די „יידישע גאַזעטן" איז געווען די צווייטע צייטונג אין יידיש, וואָס כתריאל צבי שרהזאָהן האָט אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע. זיין ערשטע צייט־שריפט, „דיא ניו יאָרקער יידישע צייטונג" פון 1872, איז (ווי ער דערציילט אין דער פריער־דערמאָנטער יובילעי־אויסגאַבע) איז אַרויס וועכנטלעך, אין פּאַרק סטריט, נאָענט פון סיטי האָל. זי איז געווען „שען דייטש געשריבן אונד פיין געדרוקט אונד די מערסטע אַבאָנענטן, דייטשע אונד פּאָלנישע, האָבן עס גערנע געלעזן". נאָר „וועגן געוויסע זאַכן" איז זי „אין פיר־פינף חדשים איינגעגאַנגען. דער עקספּערימענט האָט ביז טויזנט דאָלער געקאָסט." **)

טויזנט דאָלער איז אין 1872 געווען פאַר אַ יידישן אימיגראַנט אַן אויסער־געוויינלעך ריזיקע סומע. דאָך, צוויי יאָר שפּעטער, אינעם פרילינג 1874, פאַר־אייניקט זיך שרהזאָהן מיט זיין שוואָגער יהלמשטיין, קריגן עטלעכע שותפים מיט געלט און הויבן אָן אַרויסגעבן אַ נייעם וואָכנבלאַט — די „יודישע גאַזעטן".

---

*) פאַרקירצט פון מיין אַרבעט „די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע מיט אַ דור צוריק" („פרייהייט", מערץ 31, 1928). צוגעגעבן אַן אָנמערקונג, וועלכע איז דאָרט אויסגעבליבן.

**) שרהזאָהן דערציילט אויך, אַז ער האָט די דאָזיקע צייטונג אַרויסגעגעבן „בשותפות מיטן דרוקער ע. שטענצעל", וועלכער איז „פריער געווען אַ גרויסער דרוקער אין שטעטין, וואו ער האָט געדרוקט ש"ס און פילע אַנדערע ספרים". לויטן „יובילעאום-נומער" פונעם „טאָגעבלאַט", 1910, איז אָט די „יידישע צייטונג" אַרויס „עטלעכע מאָנאַט" — „אין 1871 אָדער 1872", און איז געווען „די ערשטע ריכטיקע" יידישע צייטונג, „ווייל די „יודישע נייעס" אַ פּאָליגלאָטיזייטונג אין פיר שפּראַכן, וועלכע איז פריער דערשינען, איז נאָר געדרוקט געווען אַלס קאַמפּיין־צייטונג און דאַרום אין פיר שפּראַכן".

אין זיינע זכרונות פון די „גאַזעטן“, אין איר יובילײ־נומער (אַפּריל 20, 1894), דערציילט שרהזאָהן אַזוי:

„די ערשטע ניין מאָנאַטן האָבן די „גאַזעטן“ געהאַט שותפים מערער ווי אַ טערקישער פּאַשאַ האָט פרויען, ווייל קאַפּיטאַל איז געווען דער נויטיקסטער אַרטיקל, וואָס די „גאַזעטן“ האָט געפעלט, און יעדער וואָס האָט געזען דאָס דער גליקלעכער חלום איז נאָר אַ חלום פּשוט, האָט זיך אָפּגעוואָרפן, און די „גאַזעטן“ זיינען געבליבן נאָר ביי כתריאל צבי שרהזאָהן און ביי מרדכי יהלמשטיין. איין גאַנצן יאָר נאָכדעם האָבן מיר צוזאַמען זיך געקוועלט, ווייל די „גאַזעטן“ האָבן דעמאָלט געהאַט איין דרייפאַכן קאַמף, דהיינו: פאַנאַטיזמוס, משכיליזמוס אונד קאַפּיטאַליזמוס. דער פרומער ייד האָט געזאָגט, דאָס מען טאָר די „גאַזעטן“ אַם שבת ניט לעזן, מען מוז די צייט בעסער מיט תהלים זאָגן, אָדער חומש לערנען פאַרברענגען. די משכילים, וועלכע זיינען אימשטאַנדע געווען אַ דעפּעשע אין די [דייטשע] „שטאַאטסצייטונג“ צו לעזען, אָדער ווער רעדט נאָך דער וואָס האָט דעם „המגיד“ געלעזן, דיזע האָט גאָר ניט געפּאַסט די „גאַזעטן“ אין האַנט צו נעמען. אָבער דער שאַרפסטער קאַמף איז געווען מיטן — אָדער ריכטיגער געזאָגט, אָהן קאַפּיטאַל. דער געלט־מאַנגל, חסרון כיס האָט מיר, מער ווי איינמאָל אין פאַרצווייפלונג געבראַכט.“

די צרות פון אַ יידישער צייטונג אין די 70ער יאָרן איז געווען אומגעהייער גרויס. „די מייסטע איינוואוינער זיינען געווען דייטשן, הערצאָגטימער און פּאָלנישע יהודים, אָבער זייער ווייניק ליטווישע און גאָר קיינע רוסישע.“ שולן און חברות, אויף וועלכע אַן אָרטאָדאָקסישע צייטונג קאָן זיך שטיצן, זיינען דעמאָלט געווען זייער ווייניק. דאָס גלייכן זיינען געווען צו־ווייניק יידישע געשעפטס־הייזער (בלויז עטלעכע אויף איסט בראָדוויי), כדי זיך צו קאָנען שטיצן אויף אַדווערטייזמענטס (אַנאָנסן). נאָר די ערגסטע צרה איז געווען דאָס, וואָס אין גאַנץ ניו־יאָרק, און וואַרשיינלעך אין גאַנץ אַמעריקע, האָט זיך געפונען „בלויז איין־איינציקער יידישער שריפטזעצער“...

די צוויי שותפים און שוואָגערס (שרהזאָהן און יהלמשטיין) האָבן ניט געשטימט מיט זייערע „אידייען אין שרייבן; וואָס איינעם איז געפעלן, האָט דעם אַנדערן ניט געפּאַסט“.

שרהזאָהן האָט זיך געהאַלטן פאַר מער געשעפטסמאַן, נאָר יהלמשטיין איז געווען דער זעצער, און אָן אים האָט די צייטונג ניט געקענט אַרויס. (יהלמשטיין איז אויך שוין פריער אַדאַנק זיין שריפטזעצעריי־קונסט געווען אַ מיט־אַרויסגעבער פון בערנשטיינס „הצופה בארץ החדשה“ (אין 1871) און דער רעדאַקטאָר פונעם „ניו יאָרקער יזראַעליט“ (1875), אַרויסגעגעבן פון צוויי שותפים, גערמאַנסקי און ליבערמאַן.) צולעצט שטימען איין ביידע שוואָגערס, איינער (שרהזאָהן) זאָל זיין בלויז אַרויסגעבער און דער צווייטער (יהלמשטיין) בלויז רעדאַקטאָר. נאָר די פינאַנציעלע לאַגע איז דורכדעם ניט געוואָרן בעסער.

„מאַנכע וואָכן“, דערציילט שרהזאָהן, „זיינען די „גאַזעטן“ נאָך דער

צייט ערשינען און איינמאָל איינפאַך גאָרניט, ווייל עס האָט געפעלט די עטלעכע דאָלער פאַר פּאַפּיר און ווייל צו יענער צייט איז נאָר איין איינציקער יודישער שריפטזעצער געווען, איז גאַנץ לייכט געווען צו שרייבן די אַנדערע וואָך אַ תירוץ, דאָס דער זעצער איז קראַנק געווען און דערווייל האָט מען איין וואָך די הוצאות איינגעשפּאָרט..."

קיין אייגענע אותיות האָט דער „איין־איינציקער זעצער" ניט געהאַט, האָט מען געמוזט צאָלן דעם דרוקער מ. טאָפּאָלאָווסקי פאַר נוצן זיינע שריפט. איז זיך מיישב דער דרוקער און מאַכט, ווי שרהזאָהן איראָניזירט, אַזאַ קל־וחומר: „סטייטש, אַז שרהזאָהן האָט קיין שריפט און קיין געלט און האַלט זיך דאָך, אַ פּשיטאַ, אַז איך האָב דאָך אַן אייגענע דרוקעריי און אַ רייכע שוויגער, וואָס ביי איר וועט זיין אַ כבוד גדול צו האָבן אַן איידים אַ רעדאַקטאָר, וועט דאָך פון מיינע לופטשלעסער ווערן טאַקע ריכטיקע שלעסער."

די „גאַזעטן" בלייבט דעמאָלט „אָנע שריפט און אָן אַ זעצער, ווייל דעם זעצער האָט ער (טאָפּאָלאָווסקי) אויך צוגענומען." שרהזאָהן באַווייזט דעמאָלט, „אַז מען קען אַ גאַנצע צייטונג אָנע די נויטיקע שריפט אונד אַרבעטער העראויס־געבן"... זיין דערוואַקסענער זון יחזקאל ווערט מענעדזשער און קאָלעקטאָר. זיין 13־יאָריק מיידל און זיין 10־יאָריקן מוזיניק שטעלט ער אַוועק זעצן אותיות. די „פאָלקס־צייטונג", וואָס מ. טאָפּאָלאָווסקי האָט אַרויסגעגעבן און גוסטאַוו לאַנדוי האָט רעדאַקטירט, איז געווען „פיין געזעצט און עלעגאַנט אויסגעשטעלט מיט נייע שיינע שריפט". די „גאַזעטן" ווידער איז געווען אַזאַ אומגעלומפּערט שטיקל אַרבעט, אַז די דרוקערייען פלעגן עס ניט גערן וועלן נעמען אויף זייערע פּרעס־מאַשינען און יחזקאל שרהזאָהן פלעגט עס קוים אויסבעטן, אין מיטן נאַכט.

נאָר די לאַגע ענדערט זיך גאַנץ, ווען אַ רייכער קרוב העלפט אַרויס שרהזאָהנען מיט געלט. די „פאָלקס־צייטונג" דערפילט דעמאָלט די שווערע קאָנקורענץ און דער דרוקער פאַרקויפט איר צו די „גאַזעטן" (אין מאַי 1880) אויף אויסצוצאָלן.

פאַרוואָס מ. טאָפּאָלאָווסקי האָט אויפגעגעבן די „פאָלקס־צייטונג" קאָן מען אַרויסקריגן פון שרהזאָהנס רייד צוויי אורזאַכן. ערשטנס, ווייל ער האָט צוליב איר פאַרנאַכלעסיקט די דרוקעריי, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ בעסערער געשעפט ווי אַ יידישע צייטונג. צווייטנס, ווייל די „פאָלקס־צייטונג" האָט פאַרנומען צוויי־דריטל פון איר לעזע־שטאָף מיט ראָמאַנען און דערציילונגען. די „גאַזעטן" איז ניט געווען בכח צו געבן אַזוי פיל בעלעטריסטיק, האָט זי געמאַכט פון איר נויט אַ טוגנט און זיך ספּעציאַליזירט אויף „לעצטע יידישע נייעס" און „באַהאַנדלען יידישע פראַגן". שרהזאָהן האָט זיך אויך געמישט אין אַלע פראַגן פון יידישן לעבן און אַזוי געוואונען מער איינפלוס ווי די רייכע און שענער־אַרויסגעגעבענע „פאָלקס־צייטונג". נאָר „אַרויפגעאַרבעט" האָט

זיך די „גאַזעטן" ניט צוליב אירע „לעצטע יידישע נייעס" (וואָס זי פלעגט אַמאָל איבערדרוקן פון אַלע איראָפּייאישע צייטונגען), און אויך ניט צוליב איר „באַהאַנדלען יידישע פראַגן", נאָר צוליב די פּאָגראָמען פון 1881. די פּאָגראָמען־נייעס, די עמיגראַציע, די כלל־אַרבעט אַרום דעם הכנסת־אורחים א. ד. גל. מאַכן איר שטאַרק. איר ערשטער פאַרזוך צו ווערן טעגלעך אין מאַי 1881, באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין יעליסאַוועטגראַד און קיעוו, איז ניט געלונגען. ס'איז נאָך דעמאָלט אין אַמעריקע ניט געווען מעגלעך, דערציילט שרהזאָהן, „צו געפינען 1000 יידן, וואָס זאָלן זיך פאַרגינען די צייט צו לעזן אַ יידישע צייטונג".

נאָר די פּאָגראָמען און די אימיגראַציע האָבן ביסלעכווייז געשאַפן אין אַמעריקע אַלץ מער „יידן, וואָס זאָלן זיך פאַרגינען די צייט צו לעזן אַ יידישע צייטונג". און ווען דאָס איינציקע קאָנקורענץ־בלאַט, די „איזראַעליטישע פּרעסע" פון שיקאַגער נ. ב. עטלזאָן, איז אונטערגעגאַנגען, אָנהויב אַפּריל 1884, האָט די צען־יאָר־אַלטע „גאַזעטן" אַ פּאָר יאָר געהאַט אַ פריי פעלד. אַ יאָר שפּעטער, אין 1885, ווערט זי טעגלעך, כאָטש אונטער אַן אַנדער נאָמען, „טאַגעבלאַט", און אירע טעגלעכע און וועכנטלעכע אויסגאַבן צוזאַמען ווערן פאַר אַ לאַנגער צייט די שטאַרקסטע צייטונג־מאַכט אינעם לאַנד. צו איר 20טן יאָר האָט זי זיך באַרימט, אַז זי האָט אַריבערגעלעבט פערציק „ביטערע קאָנקורענטן", „מייסטנס זאָלכע, וועלכע זיינען ענטשטאַנען בלויז די „גאַזעטן" צו פאַרניכטן". צווישן אירע קאָנקורענטן ציילט זי אויך די העברייאישע בלעטער, „ווייל — זאָגט זי — „קוראים נכבדים" פון די מולי"ם (העברייאישע פאַרלעגער) זיינען אויך „געערטע לעזער" פון די זשאַרגאָן־בלעטער און די לשון־הקודש־צייטונגען האָבן די „גאַזעטן" קאָנקורירט גראַדע אַזוי גוט, ווי די זשאַרגאָנישע."

די אַמביציע פון די „גאַזעטן" איז דערפאַר געווען צו בלייבן איינע אין פעלד אָדער ווערן אַ מין צייטונגס־טראַסט, מיט טעגלעכע און וועכנטלעכע אויסגאַבן, אין ניו־יאָרק און אין פּראָווינץ, אין יידיש און אין העברייאיש צו־גלייך. זי האָט איינגעשלונגען אַ היפּשע צאָל צייטונגען: זיי אָפּגעקויפט און ליקווידירט אָדער בלויז איבערגענומען ביי זייער אונטערגאַנג זייערע אַבאָנענטן און חובות. אַ געוויסע צייט האָט זי אויך אַרויסגעגעבן אַ העברייאישן וואָכנ־בלאַט אין ניו־יאָרק און עטלעכע צייטונגען אין דער פּראָווינץ. און ס'האָט ווירקלעך אויסגעזען, אַז זי איז טאַקע „דער שטאַלצער אייכנבוים, וואָס לאַכט פון שטורעם און פון ווילדסטן וועטער".

צו זיין 54טן געבורטסטאָג, אין אַפּריל 1928, איז „דער שטאָלצער אייכנ־בוים" שוין געווען געבראָכן. די „יידישע גאַזעטן" און „טאַגעבלאַט" ווערן דאַן אַ טייל פון דעם „אַמעריקאַנער" און „מאָרגן־זשורנאַל".

די אַמעריקאַנער יידישע פּרעסע אין די זיבעציקער יאָרן *)

1

יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן האָבן זיך געפונען אין אַמעריקע שוין אין די 40ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט.

די ערשטע יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן זיינען געקומען פון פוילן. דאָס רוב זיינען עס געווען יונגעלייט, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון צאַרישן פּריזיוו.

אין יאָר 1843 האָט די צאַרישע רעגירונג אָפּגעשאַפט דעם אונטערשייד אין מיליטער־דינסט צווישן די יידן אין רוסלאַנד און פוילן. לויטן נייעם געזעץ האָבן די פּוילישע יידן געמוזט גיין דינען פאַר סאָלדאַטן אָנשטאָט צו צאָלן, ווי פריער, רעקרוטינג־שטייער. די איינציקע אויסנאַמע פאַר די פּוי־לישע יידן איז געווען, וואָס מ'האָט ביי זיי ניט גענומען קיין קאַנטאָניסטן און ניט איינגעפירט די קינדער־כאַפּעריי, ווי צווישן די יידן אין רוסלאַנד. אין פוילן האָט די צאַרישע רעגירונג גענומען פאַר סאָלדאַטן בלויז מענער צווישן 21 און 25 יאָר. נאָר די פּוילישע יידן האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ שרעקלעכער גזירה. זיינען אַ סך יידישע יונגעלייט אַריבער די גרענעץ און זיך באַזעצט אין עסטרייך, פּרייסן און רומעניע. ווען דאָרט איז ניט געווען מעגלעך צו פאַרבלייבן, האָבן זיי אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד. אַנדערע האָבן אַפילו זיך געוואָגט אין דער גאָר ווייטער און אומבאַקאַנטער אַמעריקע. דער הונגער פון יאָר 1846 האָט צוגעגעבן צו זייערע רייען אויך יידישע עמיגראַנטן פון ווייסרוסלאַנד און ליטע.

דאָס רוב יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן פון יענער צייט זיינען באַשטאַנען פון אומוויסנדיקע לייט. זייער איינציקער גייסטיקער אינטערעס איז געווען די רעליגיע פון טויט: „יאָרצייט", „קדיש", „יזכור" א. ד. גל. די ערשטע אינסטיטוציעס, וואָס אָט די יידן האָבן געגרינדעט אין אַמעריקע, זיינען געווען די אָרטאָדאָקסישע קהלות (קאָנגרעגיישאָנס). אין ניו־יאָרק האָבן די יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן שוין געהאַט אַזאַ אינסטיטוציע אין 1852.

די באַפרייאונג פון די פּויערים און דער פּוילישער אויפשטאַנד פון 1863 האָט שטאַרק פאַרערגערט די לאַגע פון אַ גרויסער צאָל יידן. אַ סך הענדלער,

*) פאַרקירצט פון מיין אַרבעט מיט אָט-דעם נאָמען אין דער „מאָרגן-פרייהייט" פאַרן 11טן און 12טן אַפּריל, 1931, און צוגעגעבן עטלעכע אָנמערקונגען.

קרעמער און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געלעבט אָרום פּריץ, האָבן פאַרלאָרן זייערע פריערדיקע פּרנסות. טויזנטער יונגע יידן וואַנדערן דעמאָלט אויס פון מערב־רוסלאַנד און פאַרמערן די יידישע ישובים אין אַמעריקע.

אַ גרויסן אימפּעט קריגט די עמיגראַציע פון מערב־רוסלאַנד נאָך אַמעריקע אינעם יאָר 1869. אין יענעם יאָר ווערט די פראַגע וועגן דער עמיגראַציע פון רוסישע יידן נאָך אַמעריקע דיסקוטירט ניט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אַמעריקע. די פּאָליטישע רעאַקציע און דער רעגירונג־אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך כּסדר געהאַלטן אין שטייגן, דער דורכפאַל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין דרום־רוסלאַנד און פון דער עמיגראַציע פון יידישע בעלי־מלאכות פון מערב־רוסלאַנד נאָך „טיף ראַסייע" האָט שטאַרק דערמוטיקט די יידישע עמיגראַציע נאָך אַמעריקע. די יידישע עמיגראַציע־פראַגע איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דעם הונגער פון יאָר 1868, וואָס האָט פאַראורזאַכט גרויס נויט ביי די ברייטע יידישע מאַסן פון מערב־רוסלאַנד אויך אין יאָר 1869.

אין סעפּטעמבער, 1869, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסע יידישע פאַרזאַמלונג אינעם „בני־ברית"־האָל פון סאַן־פראַנציסקאָ, מיט דעם צוועק צו גרינדן אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל העלפן אָרעמע רוסישע יידן קומען נאָך אַמעריקע. באַלד נאָך דעם טרעט אַרויס לייב שטרויס אין דער ניו־יאָרקער „דזשואיש טיימס" מיט אַ פּלאַן „ווי צו געבן אַ דויערנדיקע הילף צו די ליידנ־דיקע יידן אין מערב־רוסלאַנד". ער שלאָגט פאָר צו קויפן פאַר 300,000 דאָלער לאַנד און גרינדן אויף דעם אַ קאָלאָניע פאַר דריי הונדערט פאַמיליעס. יעדע פאַמיליע זאָל אויסצאָלן איר פּאַרם אינעם לויף פון פינף יאָר. דער יאַהודימשער אָרדן „בני־ברית" האָט געזוכט צו פאַרענטפערן די פראַגע פון דער יידישער אָרעמקייט אין מערב־רוסלאַנד דורך שתדלנות. די „בני־ברית"־קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן (נאָוועמבער 30, 1869) האָט זיך געווענדט מיט אַן אַפּיל צום פּרעזידענט גרענט, ער זאָל בעטן דעם רוסישן צאַר זיין גוט צו יידן... גרענט האָט באַלד איבערגעשיקט דעם אַפּיל צום רוסישן אַמבאַסאַ־דאָר, און אויך צוגעזאָגט צו שרייבן אַן אייגנהאַנטיקן בריוו צום צאַר...

די שתדלנות ביים פּרעזידענט גרענט האָט די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד ניט פאַרבעסערט. די יידישע עמיגראַציע פון ווייסרוסלאַנד, ליטע און פוילן הויבט זיך אָן שטאַרק פילן אין אַמעריקע. אַ טייל פון אָט דער עמיגראַציע ווערט רעגולירט פון דער פּאַריזער „אַליאַנס איזראַעליט", דורך איר קעניגס־בערגער קאָמיטעט. ס'ווערן אַזוי אַריבערגעשיקט נאָך אַמעריקע אָרום 4000 רוסיש־יידישע עמיגראַנטן אַ יאָר.

דער אָנקום פון מאַסן פּויליש־יידישע יידן אין אַמעריקע איז פון אַ היפּשן טייל פריערדיקע יידישע עמיגראַנטן, דייטשע יאַהודים, אויפגענומען געוואָרן

ניט גאָר פריינטלעך. איין יאַהודימשע צייטונג האָט אָנהויב 1870 געשריבן, אַז פרומע יידן פאַרלאָזן ניט רוסלאַנד. עס עמיגרירן בלויז הפקר־יונגען... אַנדערע יאַהודימשע צייטונגען („דזשואיש מעסענדזשער" און „היברו לידער") האָבן געזוכט אָפּצוהאַלטן די רוסיש־יידישע עמיגראַציע דורך אָפּשרעקנדיקע מעשיות פון „ברויטלאָזע שניידער", וועלכע דער „המגיד", אַ האַלב־אָרטאָדאָקסישע, העברייאישע צייטונג אין פּרייסן, ביים גרענעץ פון רוסלאַנד, האָט פאַרשפּרייט צווישן רוסישע יידן.

צבי גרשוני (הענרי גערסאָני), דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער צייטונג אין יידיש געדרוקט אין אַמעריקע, איז אין האַרבסט 1870 אַרויסגעטראָטן קעגן אָט די מעשיות. ער האָט דערקלערט, אַז פאָרלויפּיק פאָדערט נאָך אַמעריקע נייע אַרבעטער־הענט און די נאָכפראַגע איז גרעסער ווי דער אָנבאָט; אַז אין אַמעריקע קאָן קריגן גענוג אַרבעט אַפילו „אַ מיידל, וואָס קאָן נייען" („המליץ", אָקטאָבער 19—31, 1870). ער ציטירט אויך די „ניו־יאָרק העראַלד", די „סאַן", די „אילינאָיזער שטאַאַטס־צייטונג", און די „דזשואיש טיימס", וועלכע זיינען פאַר דער עמיגראַציע פון רוסישע יידן. דערביי וויל גרשוני כלל ניט דערמוטיקן די יידישע מאַסן אויסצואוואַנדערן פון רוסלאַנד נאָך אַמעריקע. פאַרקערט, גרשוני הייסט זיי זיך צוערשט גוט באַדענקען. ערשטנס, נעמען אין אַכט די בענקשאַפט אַהיים. צווייטנס, דאָס מוזן ווערן אויס פרומאַקעס.. דריטנס, אויב שוין יאָ אויסוואַנדערן, פאַרוואָס ניט פאָרן אין די אינעווייניקסטע גובערניעס פון רוסלאַנד? נאָר אויב ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, טאָ פאָרט קיין אַמעריקע און רעכנט זיך ניט מיט די מעשיות און ליגנס אין „המגיד" וועגן די צרות אין אַמעריקע. (גרשוני דערמאָנט דערביי אויך, אַז זיין פריינט בערנשטיין האָט דאָס זעלבע געשריבן אין די צייטונגען „הלבנון" און „המגיד".)

2

די יידישע עמיגראַנטן, וועלכע גרשוני האָט געטראָפן אין אַמעריקע, אָנקומענדיק אין ניו־יאָרק, דעם 27טן יולי, 1869, האָבן אים ווייניק באַגייסטערט. זייערע גייסטיקע פאָדערונגען זיינען אָן ספק געווען גרעסער, ווי די ביי עמיגראַנטן פון די 40ער און 50ער יאָרן, אַרום וועלכע ס'איז געווען גאַנץ אוממעגלעך פאַר אַ למדן אָדער משכיל צו קריגן אַ גייסטיקע באַשעפטיקונג. די לאַגע איז געווען אַ סך בעסער אינעם סוף פון די זעכציקער יאָרן. דאָך זעט נאָך גרשוני צווישן די יידישע פעדלער פון יענער צייט: אומוויסנהייט, פאַרגרעבטקייט, עגאָאיזם, שווינדל... זייער יוגנט דעמאָראַליזירט... זי שליאַיעט זיך אַרום אין די „קאָרנערס" (גאַסן־ראָגן)... באַשווינדלט די נייאַנגעקומענע אימיגראַנטן... („המליץ", נאָוועמבער 17—29, 1869.)

ניט קיין סך העכערן קולטורעלן מצב האָט געפונען ביי די יידישע פעדלער אין אַמעריקע אינעם מיטן פון די זיבעציקער יאָרן דער משכיל יעקב צבי סאָבעל, דער פאַרפאַסער פון דעם ערשטן ביכל יידישע לידער אין אַמעריקע, „ישראל דער אַלטע״ (ניו־יאָרק, 1877).*)

נאָר אויך אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן זיינען ניט אַלע יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע געווען פּעדלער. עס זיינען שוין דעמאָלט געווען אַ סך יידישע שניידער און אַ גאַנצע ריי אַנדערע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן טאָג און נאַכט געשקלאַפט אין שוויץ־שאַפּ פאַר זייער אָרעם שטיקל ברויט. יידישע „קעפּמייקער״ (קירזשנער) האָבן שוין געסטרייקט אין די זעכציקער יאָרן, און געהאַט אַ יוניאָן און אָנגעפירט אַ גענעראַל־סטרייק אינעם אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן. עס האָבן זיך אויך געפונען יידישע אַרבעטער אין די דייטשע און ענגלישע יוניאָנס פון יענער צייט. נאָר די העגעמאָניע איבער די יידישע מאַסן האָט דעמאָלט געהאַט דער פּעדלער, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ ביסל געלט און זיך גענומען ציילן אונטער „דזשענטל לייט״.

דער יידישער פּעדלער, וואָס איז אין דער „פּראָספּעריטי״־עפּאָכע אין די „גוטע יאָרן״ פון דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם, נאָכן בירגער־קריג, אַרויפגעאַרבעט געוואָרן צו אַן „אָלריטניק״ אָדער צו אַ „יענקי״, ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן, האָט זיך אָנגעהויבן קהלן. ער האָט געגרינדעט „קאָנגרעג־גיישאָנס״, געבויט גאָט־הייזער און דערציאונגס־אַנשטאַלטן. זיין נאָכפראַגע אויף אַ נייעם מין כלי־קודש שאַפט אין אַמעריקע מעגלעכקייטן פאַר יענעם טיפּ משכילים, וואָס פאַראייניקן אין זיך אמונה און השכלה. אָט די משכילים זיינען דאָס רוב געוועזענע וואויל־לערנער, „זיידענע״ יונגעלייט, איידימס אויף קעסט, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער נדן, באַנקראָטירט אָדער אַנטלאָפן פון פּריזיוו. די מערסטע פון זיי קומען פון סואוואַלקער גובערניע ביי דער פּרייסישער גרענעץ. זיי רעדן „קאַלוואַריער דייטש״ און קאָנען זיך גוט צופּאַסן צו אַזוינע קהלות, וואו עס געפינען זיך „פּאָלען אונד דייטשען בייא זאַממען״. זיי זיינען ניט קיין פּרינציפּיעלע קעגנער פון יידיש, ווי שפּעטערדיקע ציוניס־טישע העברייאיסטן, דאָך פּאַלט זיי ניט איין צו רעדן יידיש צו די יידישע מאַסן. אַפילו דער פּראָגרעסיווער צבי גרשוני, אַליין אַ ווילנער און אַ פאַרערער פון אייזיק מאיר דיקן, האָט געמיינט, אַז יידישע דערציילונגען ווערן געשריבן בלויז פאַר פרויען.**) דאָס רוב משכילים האָבן דערפאַר אויך אין אַמעריקע זיך פאַרנומען מיט העברייאישע חקירות און מליצות, וואָס זיי האָבן געשיקט אין דער העברייאישער פּרעסע אין אייראָפּע.

*) דאָ ווערן אויסגעלאָזן די אויסצוגן פון זיינע לידער, וועלכע זיינען שוין ציטירט אויף די זייטן 16-19.

**) זע זייט 8.

צו אַט דעם טיפּ משכּילים האָט אויך געהערט [דער שוין פריער דער־מאָנטער] צבי הירש בערנשטיין, וואָס האָט אין יאָר 1870 איינגעוואַנדערט אין אַמעריקע פון סואוואַלקער גובערניע. אַ פּאָר יאָר פריער וואָלט אַזאַ משכּיל ווי בערנשטיין געוואָרן אַ כּלי־קודש אָדער זיך אומגעקערט צוריק נאָך אייראָפּע, ווי דאָס האָט געטאָן שרהזאָהן, דער שפּעטערדיקער אַרויסגעבער פון די „גאַזעטן“, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין אַמעריקע, אין יאָר 1866. נאָר אין יולי, 1870, האָט אויסגעבראָכן דער פּרייסיש־פראַנ־צויזישער קריג, און דער געשעפטסמעסיקער בערנשטיין האָט גלייך איינגעזען די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אין ניו־יאָרק אַ צייטונג אין יידיש. בערנשטיין האָט געוואוסט, אַז אין מלחמה־נייעס זיינען פאַראינטערעסירט ניט בלויז די יידן פון דייטשלאַנד, נאָר אויך די פון אירע שכנים אין מזרח־אייראָפּע. בערנ־שטיין האָט וואַרשיינלעך געוואוסט, אַז דורך אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך אויך געגרינדעט דער „המגיד“ ביי דער גרענעץ פון רוסלאַנד.

די הויפּט־שוועריקייט אַרויסצוגעבן אין אַמעריקע אַ צייטונג אין יידיש איז דעמאָלט געווען די דרוק־פראַגע. אין גאַנץ ניו־יאָרק האָט זיך דעמאָלט געפונען בלויז איין־איינציקע יידישע דרוקעריי. דאָס איז געווען די דרוקעריי פון יוסף חיים (העברי) פראַנק, וואָס האָט אין יאָר 1850 געדרוקט דאָס ערשטע בוך אין יידיש־דייטש (מער דייטש ווי יידיש) — די איבערזעצונג פון „בן סירא“. נאָר אַט די שוועריקייט האָט דעם ענערגישן בערנשטיין ניט אָפּ־געשראָקן. ער האָט אויסגעשריבן יידישע בוכשטאַבן פון ווילנע און באַ־שטעלט ביי אַ ניו־יאָרקער פירמע אָפּצוגיסן פאַר אים אַזוינע בוכשטאַבן אין גרויסע קוואַנטיטעטן. שווערער איז אָנגעקומען בערנשטיינען דאָס אַראָפּ־ברענגען אַ פאַכמאַנישן זעצער פון ווילנע. נאָר אַט די שוועריקייט איז בערנ־שטיין איבערגעקומען דורך שליסן שותּפות מיט דעם גלענצנדיקן זשורנאַליסט, צבי גרשוני, וואָס האָט אויך געקאָנט שריפטזעצעריי, און אין אויגוסט 1870 דערשיינט זייער וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „די פּאָסט“. די געשעפטלעכע זייט איז אָנגעפירט געוואָרן פון צבי הירש בערנשטיין, און די רעדאַקציע פון צבי גרשוני.*)

*) אין אַלע עלטערע אַמעריקאַנער רשימות פון דער יידישער פּרעסע. און אויך אינעם בוך „דהי דזשואיש פּרעס“ (אין ענגליש) פון מרדכי סאָלטעס (ניו-יאָרק, 1925, זייט 15) ווערט דערמאָנט אַ צייטונג פון 1872 מיטן נאָמען „די יידישע פּאָסט“. די „יידישע גאַזעטן“ פון אַפּריל 1894 פאַרצייכנט אין איר רשימה אַזוי: „די יידישע פּאָסט“, געבאָרן אין ניו-יאָרק 1872. רעדאַקטאָר דר. ה. גרשוני און אַרויסגעבער ה. בערנשטיין. [איבער] מאַנגל אין לעזער, נאָך עטלעכע וואָכן געשטאָרבן.“ דאָס „טאַגעבלאַט“ („יובילעאום-נומער“, 1910) פאַרבינדט די דער־שיינונג פון אַט דער צייטונג מיטן אונטערגאַנג פון יעקב קאָהענס „יידישע נייעס“. ס'דערציילט אַזוי: „די יודישע שריפט פון קאָהענס צייטונג איז מגולגל געוואָרן

צבי גרשוני האָט רעדאַקטירט די „פּאָסט“ בלויז פיר־פינף וואָכן. געגנוי פאַרוואָס גרשוני האָט זי פאַרלאָזן, דערציילט ניט בערנשטיין. דער פאַקט, אַז צבי גרשוני, אין זיין פריער־דערמאָנטן בריוו אין „המליץ“ פון אָקטאָבער, 1870, דאָס הייסט נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרלאָזן די „פּאָסט“, רופט אָן בערנ־שטיינען „מיין פריינט“, באַווייזט, אַז זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אויף אַ פרידלעכן וועג. מעגלעך, אַז די אָנוועזנהייט פון גרשונין, וואָס האָט זיך געטויפט אין דער יוגנט, אַלס סטודענט אין פעטערבורג, איז געווען אַ שטער פאַר דעם דערפאָלג פון דער צייטונג. האָט דער פיינפילנדיקער גרשוני זיך צוריקגעצויגן אַזוי שנעל ווי די „פּאָסט“ האָט געקראָגן אַן אַנדער זעצער.**)

בערנשטיין דערמאָנט ניט, ווער עס איז געווען רעדאַקטאָר פון דער „פּאָסט“, נאָך דעם ווי גרשוני האָט זי פאַרלאָזן. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען מרדכי יהלמשטיין, וואָס האָט עטלעכע יאָר שפּעטער רעדאַקטירט די „יידישע גאַזעטן“ און דעם „ניו־יאָרקער יזראַעליט“. יהלמשטיין איז אויך שפּעטער געווען אַ שותף אין בערנשטיינס העברייאישער צייטשריפט און זיך אויך אויס־געלערנט די שריפטזעצעריי.

אורטיילנדיק לויט דער העברייאישער צייטונג „הצופה בארץ החדשה“, וואָס בערנשטיין האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ קנאַפּן יאָר שפּעטער (יוני 11, 1871), איז קלאָר, אַז צווישן אים און גרשונין איז געווען אַן אָפּגרונט. גרשוני איז געווען איינער פון די פּראָגרעסיווע קעמפערישע משכילים, בעת בערנ־שטיין איז געווען קאָנסערוואַטיוו און קאָמפּראָמיסלעך. גרשוני איז געווען קודם־כל אַ ליטעראַט און אַ וויסנשאַפטסמאַן, בעת בערנשטיין איז צום אַלעם ערשטן געווען אַ געשעפטסמאַן. גרשוני האָט געשריבן אין עטלעכע

פון די גרויסע דרוקעריי אין טשעטהעם סקווער, אין אַ קליינעם רום און אַ „ריער“-הויז אין 11 לודלאָוו סטריט, וואו גערסאָני און בערנשטיין האָבן עטלעכע וואָכן הערויסגעגעבן „די יידישע פּאָסט“ און דערפון איז געוואָרן דער „הצופה בארץ החדשה“ (פאַקטיש איז דער „הצופה“ אַרויס אין יוני 1871. אין בערנשטיינס פריער-דערמאָנטע זכרונות (אויף זייט 99) רעדט זיך נאָר וועגן דער „פּאָסט פון 1870).

**) אַ בילד פון צבי גרשונים פערזענלעכקייט האָט פאַר דעם אויטאָר גע-שילדערט דר. אבא ברעסלוי (בראַסלאַווסקי), דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער „ניו-יאָרקער יידישע פאָלקס-צייטונג (1886—1889) און דער „מאָרגנשטערן“ (1890):

— צבי גרשוני איז געווען קליין געוואַקסן, דאַר און שוואַך, דערצו מיט אַ הויקער. זיין „שוינער, ליכטיקער פנים מיט זיינע טיפע בלויע אויגן“ האָט אָבער אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט. „אין זיין געגנוואַרט האָט קיינער ניט געקאָנט אַרויס-רעדן קיין אומאנשטענדיק וואָרט, אָדער זאָגן אַ ליגן“. זיין ליבע צום יידישן פאָלק איז געווען „אָן אַ גרענעץ“.

שפּראַכן אויסער פּובליציסטישע אַרטיקלען אויך בעלעטריסטיק, ליטעראַטור־קריטיק און אָריענטאַליסטיק. ער האָט אויך איבערגעזעצט דערציילונגען פון רוסיש און העברייאיש אין ענגליש, און ענגלישע לידער אין העברייאיש. בערנשטיין האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דאָס „יידישע וואָרט" און מיט דער „הייליקער שפּראַך" הויפּטזאַכלעך צוליב פּראָפיט. ווען דאָס האָט זיך ניט באַצאָלט, איז ער אַריבער צו איינטרעגלעכערע געשעפטן, באַנקירעריי און ריעל־עסטייט. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אין בערנשטיינס „הצופה" רעכענען זיך צווישן די סאַמע חשובסטע לייט אין אַמעריקע אַזוינע פּערזאָנען, פון וועלכע גרשוני רעדט אין זיינע בריוו מיט פאַראַכטונג. בערנשטיינס מערסטע מיטאַרבעטער אין „הצופה" ווייזן ניט אַרויס קיין אינטערעס פאַר די נויטן פון די ברייטע יידישע מאַסן. זיי פאַרנעמען זיך ניט מיט לעבנס־פראַגן, נאָר שפּילן זיך אַרום מיט העברייאישע מליצות, אָדער פּלפּלען זיך איבער רעליגיעזע ענינים. גרשוני דערווייטערט זיך פון זיי. ער האָט זיך נאָך פריער אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן אינעם אָרטאָדאָקסישן „הלבנון" און אין האַלב־אָרטאָדאָקסישן „המגיד". ער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטאַרבעטן אין „הלבנון", ווייל זיין רעדאַקטאָר האָט געפאָדערט „פאַרוואונדערנדיקע פאַסירונגען" סענסאַציעס, וואָס זאָלן „אָנפילן די אויערן" פון די לעעזר. ער האָט אויך ניט געוואָלט זיך באַטייליקן אין „המגיד", ווייל „ער איז אַ צבועק. ער דרייט זיך אַהער און אַהין, כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון די פינסטער־לינגס, וועמעס גאַנצער ווערט איז פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן".*)

עס איז דערפאַר אַ גרויסער שאָדן, וואָס ביז איצט איז ניט געפונען געוואָרן קיין עקזעמפּליאַר פון דער „פאָסט" און באַזונדער פון דער צייט, וואָס גרשוני איז געווען איר רעדאַקטאָר. עס איז אַפילו נישט באַקאַנט קיין גענויע באַשרייבונג פון איר אויסזען. איר אינהאַלט, נאָכדעם ווי גרשוני איז פון איר אַוועק, האָט זיך וואַרשיינלעך וויניק אונטערשיידט פון די יידישע צייטונגען, וואָס זיינען אַרויס אַ פּאָר יאָר שפּעטער און וועלן דאָ באַלד באַשריבן ווערן. איר שפּראַך איז געוויס געווען פאַרדייטשט אויך אונטער גרשוניס רעדאַקציע.

ערשטנס, גרשוני האָט גערעדט און געשריבן דייטש נאָך איידער ער איז געקומען אין אַמעריקע. ער האָט אויך באַנוצט אַ סך דייטש אַפילו אין זיינע בריוו צו זיין שוועסטער, אַ געבאָרענער ווילנערין. ער שרייבט צו איר אַזוי:

„ביי אונז גיעבט עס ניכטס נייעס אונד דיא צייטען זינד [זיינען] ניכט גלענצענד — עס פעהלט אן אללען עקען אונד ענדען.

„איך וויים ניכט וואָס פיר איין זשורנאַל דער פּראָפעסאָר האַרפּער

---

*) אַלע ציטאַטן פון גרשוניס בריוו און מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען שוין ציטירט אין אַנדערע שטעלעס פון אָט דעם ווערק, ווערן דאָ אויסגעלאָזן.

שטיפטען וויל אונד וואָצו ער מיך נאָך שיקאַגאָ גערופען זאָללטען; איך האָב פאָן איהם נאָך ניכטס געהערט."

צווייטנס, אין די יידישע צייטונגען פון די זיבעציקער יאָרן האָבן גע־שריבן פאַרדייטשט אַפילו די, וואָס האָבן ניט געקאָנט רעדן קיין דייטש און האָבן אין פּערזענלעכן פאַרקער גערעדט אַ היימישן יידיש. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס אין יענע צייטן זיינען אַ גרויסע צאָל יידישע לייענער באַ־שטאַנען פון דייטשע, עסטרייך־אונגאַרישע און פּרייסיש־פּוילישע [פּויזענער] יידן, וואָס זייער יידיש איז געווען שטאַרק פאַרדייטשט.

3

די צווייטע [געדרוקטע] צייטונג אין יידיש איז אַרויס 5טן אַפּריל, 1871. זי איז געווען דער ערשטער פּראָוו פון אַן אַמעריקאַנער פּאָליטישער צייטונג אין יידיש. איר צוועק איז געווען צו „קאַמפּיינעווען" פאַר איר אַרויסגעבער, יאַקאָב קאָהן, וועלכער איז „געלאָפן" פאַר אַן „אָלדערמאַן עט־לאַרדזש".*)

ווערן אַ מאַכער אין דער ניו־יאָרקער שטאָט־רעגירונג איז דעמאָלט, אַזוי ווי היינט, געווען אַן איינטרעגלעכער געשעפט. מר. קאָהן האָט דערפאַר זיך פאַרנומען זייער גרויס. ווי זיין שותף, דער פריער־דערמאָנטער בערנשטיין, דערציילט, האָט מר. קאָהן געזאָלט שאַפן 30,000 דאָלער אויף אַן אייגענער דרוקעריי. בערנשטיין האָט דערפאַר ליקווידירט די „פּאָסט" און צוזאַמען מיט מר. קאָהן אַרויסגעגעבן די „היברו ניוס" (יידישע נייעס), אין פיר שפּראַכן: ענגליש, דייטש, העברייאיש און יידיש, כדי צו קאָנען אַגיטירן פאַר מר. קאָהנס קאַנדידאַטור צווישן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. לויט די „גאַזעטן" פון 20טן אַפּריל, 1894, און דאָס יובליי־נומער פון „טאַגעבלאַט", 1910, האָט מר. קאָהן נאָך זיין דורכפאַל ביי די שטאָטישע וואַלן ניט געהאַט מער קיין אינטערעס פאַר אָט דער צייטונג. בפרט, אַז זי איז ניט געווען קיין פינאַנציעלער דערפאָלג. האָט ער אָפּגעשטעלט די צייטונג**) און אַוועק־געשענקט די דרוקעריי אַ מתנה צום יידישן יתומים־הויז.

---

*) פאַרגלייך זייט 9. (דאָ ווערן אויסגעלאָזן אַ ריי איינצלהייטן, וועלכע זיינען שוין דערמאָנט אויף זייטן 98-99.)

**) דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע צייטונג איז נאָך אַרויס אין יולי 1871, ווי דאָס איז צו זען פונעם עקזעמפּלאַר „העברעאַ ניועס" אינעם ייוואָ, באַווייזט, אַז די דערציילונגען וועגן אָט דער אָנגעלעגנהייט, סיי אין די „גאַזעטן" און „טאַגעבלאַט" און סיי אין בערנשטיינס זכרונות, זיינען געשריבן אויגזייטיק.

4

י. ק. בוכנערס „דיא ידישע צייטונג" (אין ענגליש „דהי ניו־יאָרק היברו טיימס") *) איז געווען געשריבן און נאָכדעם ליטאָגראַפירט. זי האָט אָנגעגעבן, אַז זי דערשיינט אין די פרייטיקס, קאָסט דריי דאָלער אַ יאָר און זעקס סענט אַן איינצל־נומער. זי האָט געהאַט אַ וויניעטע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט צוויי ווייבלעכע פיגורן: „צדק" (גערעכטיקייט) און „אמונה". די מאָטאָ איז געווען אַ פסוק פון ישעיה — „והיה צדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו", אַז משיח וועט זיין פאַרגאַרטלט מיט גערעכטיקייט און גלויבן. דער נומער 10 פון אָט דער צייטונג, וואָס איז געווען פאָטאָגראַפירט אין האַרקאַוויס קאַלענדאַר פון 1899־1900, איז דאַטירט פעברואַר 19, 1873. די ערשטע זייט באַשטייט פון צוויי קאָלומס. דער ערשטער קאָלום האָט אַן אויפרוף פון דער חברה חנוך נערים ותלמוד תורה בניו־יאָרק. זי דערציילט, אַז זי האָט מיט צוויי יאָר צוריק געגרינדעט „איינע שוללע אונטער דעם נאָמען אַמעריקען העברו אינ־סטושען", וועלכע

„דען צוועקק פערפאָלגט אַרמע קינדער היער אין דער אונטערשטאַדט וועלכע איינע פאַרנאַכלעסיגטע ערציאונג האַבען ניכט נור אים העברעאישן אונד דער איהנען נאַטהיגען לאַנדעס שפּראַכע צו אונטעררכיטען, זאָנדערן אין דעמזעלבען איינעם ענטשפרעכענדעם האַנדווערק צו לעהרנען צו לאַססען דאַמיט זיא זעלבען קיינע לאַגע באַ דעם פעדעלער אָדער בעטלער צו ווערדען אום איהר ברייד צו געווינגען בענאַטהיגט זיין זאָללען."

דער צווייטער קאָלום איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאָליטישער. די רעדאַקציע דערציילט דאָרט אַזוי:

„וויר האַבן די הערויסגאַבע אונזערע צייטונג פיר איינינע צייט דעמ־האַלב איינגעשטעלט וויל וויר ווינשטן אונזערע לעזער מיט גוטע נאַכריכטען צו ערפרייען. אָבער ווידער וואָלען אום אונזערע ווינשע ניכט געלינגען און דער אַלטען אונד נייען וועלט איזט נור שטאַרבען אונד פערדאַרבען, פער־ברענגען אונד איבערשוועמען, ערקראַנקונגען, ערמאָרדונגען, בעטריגערייען אונד שווינדלערייען צוא פערנעהמען. דיעזער קליינער רוים אין אונזערע צייטונג ערלויבטע אַבער נור וועניגע דער אַרט מיטצוטהיילען די פאָן וויכ־טיגסטען. אין ענגלאַנד שטאַרב דער קייזער לועס נאַפּאָלעאָן. אין עסטרייך די פריהערע קייזערען די מוטטער דעם קייזער פראַנץ. אין רוסלאַנד ער־קראַנקטע שווער דעם קייזער אַלעקסאַנדערס אַלטעסטער זאָהן אונד אין פּרייסן דער פירסט ביסמאַרק. היר אין ניו יאָרק שטאַרב אונזער געליבטע פריינד האָרעסס גרילע דער צום פּרעזידענטען דער פאַראייניגטענשטאַאַטען פאָן די גערעכטעסטען אונד עהרליכסטען מאַננער אונזערעס פּאָלקעס ערוואַהלט וואָרדען איצט. זאָ שטאַרב אויך גענעראַל סעוואַרד. אויך וויר יודען האַבען

*) זע אָנמערקונג אויף זייט 100.

פיעלע געאַכטעטע מאַננער דורך דעם טאָדט פערלאָרען, אין אַלטונע שטאַרב דער ראַבינער ר"ה עטלענגער ז"ל... און אין לאָנדאָן דער הויפט דער דיקס פלעם זינאַגאָגע ר' שמעון חזן נ"ע. אויך היר אין אַמעריקע זינד מעהרערע חזנים פרעזידענטען אונד מעהרערע רייכע פאָן אונז געשידען. זאָ שטאַרב אים פאָריגען מאָנאַט איש תם זקן נכבד בעיר ר' מנחם גאָלדשמיד ז"ל. ה"י ימלא חסרונינו וישמור אותנו מכל צרה ויגון אמן."

נאָך אָט דעם „פאָליטישן איבערבליק" פאַרעפנטלעכט דער רעדאַקטאָר די פאָלגנדיקע „פערקינדיגונג":

„אין נעכסטע נוממערען ווערדען וויר דיא פאָרטרעטע דער אויסגע־צייכענסטען ידישן מאַננער נעכסט איהר לעבענס־געשיכטע געבען. ווי ער־זוכען דאַהער די היזיגען געלערטען זאָ וויא דיא ערען מאַננער, די ניכט נור דעסהאַלב זיך יודען גאַנגען וויל זיא דען פאַנאַטיסמוס אָדער דעם אַבער־גלויבען אונטער דען יודען צו דערהאַלטען זוכען, אונס צו דיעזעם צוועקקע צו אונטערשטיצען."

5

(דאָ ווערט אויסגעלאָזן דער קאַפּיטאַל וועגן דער שרהזאָהן־פרעסע, וואָס איז שוין באַשריבן געוואָרן פריער. ווי דאָרט איז שוין געווען דערמאָנט, האָט די „יידישע גאַזעטן", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין 1874, די ערשטע יאָרן זיך שטאַרק געמאַטערט, כאָטש זי האָט זיך באַרימט (אין „אַ רוף [צו] די לעזער", אָקט. 20, 1876), אַז „אין דען ערשטן דריי מאָנאַטן נאָך ערשיינען דער ערשטן נומער" האָט זי „איינע פערברייטונג געפונדען, וועלכע אַנדערע צייטונגען אין פילע יאַרען ניכט פינדן, אונד איינע צאָל פון סובסקרייבערס די זאַך מיט דער צאָל פון צייטונג די שאָן 20 יאַרן בעשטעהען מעסען קאַן." איינער פון אירע שותפים, שרהזאָהנס שוואָגער מ. יהלמשטיין, ווערט דערוויל דער רעדאַקטאָר, און מעגלעך אויך דער זעצער, פון אַ קליין בלעטל מיטן נאָמען דער „נוא יאָרקער יזראַעליט", וואָס איז אַרויס אין 1875.)

דער נוא־יאָרקער יזראַעליט" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון צוויי שותפים, די ברידער גערמאַנסקי און ליבערמאַן. ביי זיי האָט צבי בערנשטיין געדרוקט זיין העברייאישע צייטונג „הצופה בארץ החדשה", נאָכדעם ווי ער האָט פאַרקויפט זיין דרוקעריי צו זיין זעצער משה טאָפּאָלאָווסקי. (ס'זעט אויס, אַז אין יענער צייט האָט דער לעצטער אויך איבערגענומען זייער דרוקעריי. וויל אויף דעם „יזראַעליט" איז אָנגעגעבן, אַז ער איז געדרוקט ביי מ. טאָפּאָ־לאָווסקי). לויט דער עדות פון די „גאַזעטן" איז דער „יזראַעליט" געלייענט געוואָרן „פון מער דייטשע אונד גרויספּוילישע יידן, אַלס פון ליטוואַקעס". קיין דרום־רוסישע יידן זיינען נאָך דעמאָלט אין ניו־יאָרק ניט געווען.

דער „יזראַעליט" איז אַרויס אין 4 קליינע זייטן, צו 2 קאָלומס. פּרייז 5 סענט אַ נומער. ער פלעגט איבערגעבן בקיצור די נייעס פון וואָך אין אַ

גוטן יידיש פאַר יענער צייט. פון זיינע נייעס זעט מען, אַז נאָך אין מיטן פון די זיבעציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט שוין ניו־יאָרק געהאַלטן אין אונטערזוכן אירע פאַרברעכנס און אירע פּאָליציי־כאַבאַרניקעס. די „וועלט־לעכע נייעס" אין „יזראַעליט" נומער 7 (אויגוסט 4, 1875) הויבט זיך אָן אַזוי:

„נויאָרק. וויר האַבען אין נומער 5 פֿון דיזער צייטונג בערייטס אונזערע לעזער ערצעהלט, דאַס אין סיטי האָלל זיצט איין קאָמיטע, און אונטערזוכט די אורזאַכע וואַרום אין אונזער שטאָדט נויאָרק קאָממען פאָר זאָ פיעלע פערברעכען. אויך האַבען וויר דערצעהלט, דאָס דיא קאָמיטע האָט ערפאַהרען אונד ערפיהרט מיט יעדען טאָג מער, דאָס פיעלע פון דער היזיגען פּאָליציי האַבען שולד דאַראַן. ווייל זייא זיינען געשטאַנדען אין פערבינדונגען מיט פיעלע פערברעכערישע הייזער, און האָבען געלד פון דיעזע פערברעכער הייזער גענומען און האַבען זייא דאַפיר געלאַססען זיך אויסברייטען אין אונזער שטאָדט, און פערברעכען פערמערען אָהנע זיי צו בעשטראָפען. ביז אונבעשטראָפט און זאָגאַר געשיצט זאָלכע פערברעכער, ווי נפקא־הייזער, יעצט האָט דאַס קאָמיטע נור ערפאַהרען, דאַס דיא פּאָליציי האָט געלאַססען שפּיעל־הייזער, פּאַליסי־הייזער און דער גלייכען. אָבער אַם פערגאַנגענעם פרייטאָג איז געקאָממען פאָר דעם קאָמיטע איין מאַנן מיטן נאָמען קאָנקלין, איין געוועזענער פּאָליסמאַן און דעטעקטיף און האַט ערצעהלט איינע גע־שיכטע, פון וועלכע, אָב זיא זאָלל זיין וואַהר, ווייזט אויס, דאַס די פּאָליצייא זאָלל האַבען געשיצט זאָגאַר זאָלכע שרעקלעכע פערברעכער ווי מערדער און נאָך דערצו פאַטער־מערדערס.

„פיעלע פון אונזערע לעזער ווערדען געוויס זיך נאָך עראינערען. דאַס פאָר 5 יאַהר, אין 18טען אויגוסט 1870, האַט מאַן היער אין דער 23טען שטראַססע געפונדען ערמאָרדעט אין זיינעם אייגענעז הויז דעם רייכען יודישען באַנקיר בענדזשאַמין נאַטאַן.*) דער באַנקיר איז איין טאָג פריהער געקאָממען פון זיין זאָממער וואָהנונג פון ניו־דזיערסי נאָך נויאָרק, ווייל ער האָט געהאַט יאַהרצייט נאָך זיינער מוטטער. זאָ וואָלטע ער צו יאַהרצייט אין שול זיין. און אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מען איהן געפונען ער־מאָרדעט אויף איינער שרעקליכער אַרט. דיא רציחה האָט דאַמאָלס געמאַכט דען גרעסטין אויפרוהר אין דער גאַנצען שטאַדט, ווייל דער ערמאָרדעטע וואַר זעהר אַנגעזעהען. די באַנקירס פון דער בירזע האַבען בעשטימט איין פּרייז פון $10,000 פיר דעם וואַס ווערט אויסזאַגען ווער דער מערדער איז געוועזען. און דער מאיר פון שטאדט האָט נאָך $20,000 צו געגעבען. זאָ וואַרען דרייסיג טויזינד דאָלאַרס פון לאָרדמער פערשפּראָכען, צו געבען דעם, ווער עס ווירד אויסזאָגען, ווער דער מערדער וואַר. דאַס האַט אויך ניט געהאָלפען דען מערדער אויסצוגעפינדען.

„יעצט זאָגט קאָנקלין, וועלכער וואַר אין 1875 דעטעקטיף, דאַס ער האַט אויף מאָרגען נאָך דער רציחה אַרעסטירט איינען געוויסען פערברעכער מיכל ריאַן. ביי דעם ריאַן האַט ער געפונדען איינען לייזענען ראָק, וועלכער וואַר

---

*) דער דאָזיקער מאָרד איז אויך באַשריבן געוואָרן פון צבי גרשוני, אין זיינער אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ", אין אָקטאָבער 1870.

שטאַרק בעפלעקט מיט מענשען בלוט. און דער ריאַן האָט געקלאָגט פאַר קאָנקלין, אוי, דיזער ראָק ווירד מיך ברייננגען אויפן גאַלגען [תליה]. אָבער איך אָרימער ווערדע האַבען צו ליידען דעם טאָדט פיר דאָס פערברעכען פון איין רייכען. אויך זאָל דער עלטערער זאָהן נייטאַנס ערקענט האַבען דען ראָק, דאָס דער ראָק האָט געהערט זיינעם אינגערען ברודער וואשינגטאָן נייטאַן. דאָס אַללס האט דער דעטעקטיוו דאמאָלס ערצעהלט זיינעם קאַפּטין, אום דאָס מאַן זאָלל דעם מיכל ריאַן שטרענג פאַרשען און שטרענג אונטער־זוכען, אָבער זיין קאַפּיטען האָט אים איין פערוויז געגעבען, דאָס ער זאָלל געהען אויף זיין פּאָסטען נאָך הארלעם, און ער זאָלל ניט מעהר רעדען פון דעם נייטאַנס מאָרד. פּערן [אינעם פאַל] ווען ער ווירד נאָך איין מאָל דאריבער ריידען, ווירד ער אין 24 שטונדען ווערדען אַבגעזעצט פון זיין אַמט.

„דען מיכל ריאַן האָט מען שפּעטער לייפען געלאַססען און מען וויים ביז יעצט ניט וואוהין ריאַן איז הינגעקאָממען.״

צווישן די אַנאָנסן אין „יזראַעליט״ פון קליינע פאַבריקאַנטן געפינט זיך אויך איינע פון דעם שפּעטערדיקן מחבר פון דער העברייאישער ענציקלאָ־פּעדיע, י. ד. אייזענשטיין, אַז אין זיין שאָפּ, 82 לודלאָו סטריט, ווערן געמאַכט די בעסטע „אָבערהעמדען״ פאַר 12 דאָלער אַ טוץ.

6

אינמיטן פון די זיבעציקער יאָרן איז שוין אויסגעוואַקסן אַ היפּשע יידישע באַפעלקערונג אין שיקאַגע. האָט דער דאָרטיקער דרוקער בענדזשאַמין (נחמן־בער) עטעלזאָהן ביים אויסברוך פונעם טערקיש־רוסישן קריג, אין 1877, אָנ־געהויבן אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג — די „איזראַעליטישע פּרעסע״.

די שיקאַגער „איזראַעליטישע פּרעסע״ איז אַרויס וועכנטלעך אין 8 זייטן, צו דריי קאָלומס. איר פאָרמאַט איז געווען אַ העלפט די גרויס פון די היינטיקע צייטונגען. דער פּרייז איז געווען 2 דאָלער אַ יאָר פאַר אַמעריקע, 3 דאָלער פאַר אויסלאַנד; 5 סענט אַן איינצעלנער נומער. זי האָט אויך געהאַט אַ העברייאישע ביילאַגע, „היכל העבריה״ (דער העברייערינס פּאַלאַץ). דאָרט האָבן מיטגעאַרבעט רבנים און אָרטאָדאָקסישע משכילים. לויט ווי עטעלזאָהן האָט מיט יאָרן שפּעטער מיר דערציילט, איז די „איזראַעליטישע פּרעסע״ גע־גאַנגען „איבערן גאַנצן לאַנד״. דאָס האָט אים וואָרשיינלעך דערמוטיקט אַריבערצופירן די „איזראַעליטישע פּרעסע״ נאָך ניו־יאָרק. „וואָרשיינלעך״, ווייל ווען נ. ב. עטעלזאָהן האָט מיט מיר גערעדט פון דער „איזראַעליטישער פּרעסע״ *), האָט ער בלויז דערמאָנט אירע דריי יאָר אין שיקאַגע (1877—1879). די ניו־יאָרקער „איזראַעליטישע פּרעסע״ האָט עטעלזאָהן גאַנץ פאַר־

*) „דער ערשטער יידישער רעדאַקטאָר פון שיקאַגע״ פון קלמן צבי [מרמר], אין „יידישן רעקאָרד״, שיקאַגע, סעפּטעמבער 1916.

שוויגן, נאָר פון אַנדערע קוועלן ווייסן מיר, אַז זי האָט דאָרט עקזיסטירט ביז דעם 9טן אַפּריל, 1884, ווען זי איז אונטערגעגאַנגען, ניט קאָנענדיק אויסהאַלטן די קאָנקורענץ מיט די „יודישע גאַזעטען". עטעלזאָהנס מיט־רעדאַקטאָר אין שיקאַגע, ש. ל. מאַרקוס, האָט שפּעטער מיטגעאַרבעט אין די „גאַזעטען" און אין טאָגעבלאַט".

דער נומער 14 פון דריטן יאָרגאַנג „איזראַעליטישע פּרעסע", וואָס איז אַרויס אין שיקאַגע דעם פרייטיק פאַר פּסח (4טן אַפּריל) 1879, האָט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„תקות אנוש רימה, תקות יאַקוב כהאַן כלימה". פּערשידענע נייעס. סינסינאַטי, בערלין, וויען, וואַרשאַ. ובכן ויהי בחצי הלילה. ובכן ונאמרתם זבח פסח. סאַנפראַנציסקאָ. אויבינו פּלילים. דער שטראַפנאַי. היכל העבריה. אנצייגען."

איבער דעם „פּאָליטישן" לייט־אַרטיקל מיטן העברייאישן גראַם קומט אַ מעלדונג פון דער רעדאַקציע, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„כל מלאכה לא תעשו

מקרא קודש יהיה לכם:

„איבער די הייליגע פּסח־פייערטאַגען, ווירד אונזער בלאַטט נעכסטע וואָכע ניכט ערשיינען. וויר ווינשען דעם לעזערן אינס געזאַממט איינען העכסט פריידיגן אונד פערגניגענדען יו"ט."

דער „פּאָליטישער" לייט־אַרטיקל איז וואַרשיינלעך געשריבן פון מאַר־קוסן. צוערשט רעדט ער אַרום דעם צושטאַנד פון דער מלחמה צווישן ענגלאַנד און אַפגאַניסטאַן. נאָכדעם ווערט דערציילט, אַז די „ליבעס־ווירדיגע קעניגין וויקטאָריאַ" פירט אויך מלחמה מיט די זולוס אין אַפריקע. דערביי ווערט ברייט ציטירט דער רייזענדער דר. האָלוב, וואָס האָט געשילדערט דעם העלדנ־מוט פון די זולוס אין זייער ניט־גלייכן קאַמף מיט דער ענגלישער וועלט־מאַכט.

7

דער „נוא־יאָרקער יזראַעליט" פון 1875 האָט עקזיסטירט בלויז עטלעכע חדשים. נאָך זיין אונטערגאַנג איז די „יודישע גאַזעטען" געבליבן אַ פּאָר יאָר די איינציקע אין פעלד. ערשט אין יוני 1878 האָט דער פריער־דערמאָנטער דרוקער משה טאָפּאָלאָווסקי געגרינדעט די „יודישע פאָלקס־צייטונג".

די „יודישע פאָלקס־צייטונג" האָט נאָך איר נאָמען צוגעגעבן די ווערטער: „דיא גרעסטע אונד ביללינגסטע יודישע צייטונג אין אַמעריקע". איר פּרייז אין

ניו־יאָרק איז געווען $1.50 אַ יאָר (מיט אַ דאָלער ביליקער ווי די „גאַזעטן“), 40 סענט פאַר דריי מאָנאַט און 4 סענט אַן איינצעלנער נומער. איר רעדאַקטאָר, גוסטאַוו לאַנדוי, איז געווען אַ געניטער צייטונגס־מאַן פאַר יענער צייט. איר נומער 13 (אָקטאָבער 4, 1878) האָט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„פּאָליטישע נייעס. פּאָליטיש איבערזיכט. יודיש נייעס. אויסלענדיש נייעס. שענע צושטענדע. דער קאַיזער. די צייטונגען אונד דיא ניהיליסטען. ראַכע דער ניהיליסטען. איין וויבליכער רייבער הויפּטמאַנן. סולימאַן פּאַשאַ אונד דאָס קריעגסגעריכט. איין אַזיאַטישער פירסט אונד זיין זאָהן. איין וואָרט פיר די עפענטלעכקייט. דער יודישע פּעדלער (אָריגינאַל ראָמאַן). אַנ־צייגען.“

די „פּאָליטישע נייעס“ זיינען שפּאַנענדיק געשריבן. צווישן אַנדערע זאַכן ווערט דאָרט אויך דערציילט פאָלגענדעס:

„דיא ניהיליסטישע פּאַרטהיי ווירד אין רוסלאַנד מיט יעדעס טאַגע שטערקער. עס הייססט, דאַסס זיא איינע צייטונג הערויסגעבען ווירד, דיא אין פּרייסען נאַהע בייא דער רוססישען גרענצע ערשינען ווירד. דיא רוססישע פּאָליציייא האַט פאָן דער רעגירונג דען באַפעהל באַקאָממען אין אַללע פאַבריקע רעוויזיאָנען צו האַלטען אונד אַללע אַרבייטער דיא אין פערדאַכט שטעהען צו דען ניהיליסטען צו געהערען, צו אַרעסטירען.“

אין פּאָליטישן איבערזיכט ווערט אינטעליגענט אַרומגערעדט די לאַגע אין אַזיע און אייראָפּע. די „יודישע פאָלקס־צייטונג“ האַלט ניט שטאַרק פון לאָרד ביקאָנספילדס נצחון אויפן בערלינער קאָנגרעס. זי האַלט, אַז ענגלאַנד האָט זיך ניט געדאַרפט אַוועקשטעלן קעגן רוסלאַנד, און זי וואָרנט דעם ענג־לישן שטאַט, „דאַסס רוססלאַנד אַללעס אַנווענדען ווירד, אום ראַכן אַן איהם צו נעהמען“...

די „יודישע פאָלקס־צייטונג“ ווערט געשטעמפּלט פון דער ענגליש־יידישער ענציקלאָפּעדיע פאַר אַ „סאָציאַליסטיש־אַטעאיסטישע וואָכנשריפט“. דאָס איז אַ חוזק. סיי איר אַרויסגעבער, דער דרוקער טאָפּאָלאָווסקי און סיי איר רעדאַקטאָר, לאַנדוי, זיינען געווען ווייט פון אַזוינע אידייען. נאָר פון דער אַנדער זייט איז ניטאָ קיין צווייפל, אַז די „יודישע פאָלקס־צייטונג“ איז געווען ניט בלויז די שענסטע יידישע צייטשריפט פון די זיבעציקער יאָרן אין אַמע־ריקע, נאָר אויך די אינטעליגענטסטע און די פּראָגרעסיווסטע.

זוכצעטל

א. פערזאָנען

אַדלער, יעקב — 35.
אַדלער, דר. נתן — 104.
אַדלער, דר. שמואל — 106, 107.
אוואַראַוו, גראַף — 103.
אחד העם — 111.
איבסען, הענריק — 59, 66.
אייזיקס, אברהם ס. — 98.
אייזיקס, שמואל הלל — 19, 101.
אייזנשטיין, יהודה דוד — 19, 47, 128.
„אַן אָפּעריטאַר אויס ראָטשעסטער"—52.
אָפּאָטעקער, דוד — 35, 36, 37, 49, 54.
אַקסלראַד, פּאַול — 35.
אַרטמאַן, אייזיק — 36.
אַשמיאַנסקי, יוסף — 36.

באָושאָווער, יוסף — 89-96.
באַכראַך, יעקב — 97.
באַנדי, יאַנאַס — 98.
באַראַנאָוו, מ. (משה) — 32.
באַרסקי, ישראל — 35, 37.
בוכהאַלטער, יהודה — 110.
בוכנער, י. ק. — 10, 19, 100, 125.
בוקאַנסקי, מאַקס — 37.
בורשטיין, ה. וו. — 36.
בלומענזאַן, יוליוס — 47.
בעלאַמי, עדוואַרד — 35.
בעראַנזשע, פּיער זש. — 26.
בערלין, נתן — 28, 30-31, 36.
בערנסאַן, לואיס — 36.
בערנע, לודוויג — 43, 52.
בערנשטיין, צבי הירש — 6-9, 19, 97-99, 101, 102, 109, 110, 119, 121-123, 124, 126.
בראַסלאַווסקי, דר. אבא — 34, 35, 37, 122.
ברוקס, דזשאַן — 54.
ברעסלוי (זע בראַסלאַווסקי).

גאָלאָמב, הירש ניסן — 7, 107.
גאָלאָפּ, קאָנסטאַנטין — 31, 48.
גאָלדאָווסקי, ב. מ. — 147.
גאָלדפאַדן, אברהם — 35, 36, 54, 68.
גאָלדשטיין, דוד — 35, 49, 54.
גאָרדאָן, מיכל — 68.
גאָרדין, יעקב — 37.
גוטעסווילן, ז. — 35, 37.
גינצבורג, מרדכי אהרן — 111.
גירדזשאַנסקי, דר. מאַקס — 36.
גליק, יוסף זעליג — 53.
גערמאַנסקי, ברידער — 114, 126.
גערסאָני, הענרי (זע גרשוני).
גרילי, האָרייס — 125.
גרינבוים, מאַקס — 100.
גרינבערג, דוד — 35, 40, 49, 53.
גרענט, פּרעזידענט — 14, 118.
גרעץ, פּראָפ. היינריך — 105.
גרשוני, צבי — 6-9, 19, 98, 99, 102-112, 119, 120, 121-123, 127.

דאַליצקי, מנחם מענדל — 37.
דאַרווין, טשאַרלז — 112.
דזשאַנס, ערנסט ט. — 26.
דיומאַ, אַלעקסאַנדער — 37.
דעליאַן, דעניעל — 58.

האַכשטיין, יעקב — 47.
האַרפּער, פּראָפ. וויליאַם ר. — 123.
האַרקאַווי, אַלעקסאַנדער — 35, 36, 37, 42, 125.
הוגאָ, וויקטאָר — 26.
הוד, טאָמאַס — 24, 57, 61.
היינע, היינריך — 26, 43, 68, 82.
הילקאָוויץ, מ. — 35, 37, 42, 52.
הילקוויט, מאָריס (זע הילקאָוויץ).
הלוי, יהודה — 68.
הערדער, מ. — 52.
הערוועג, געאָרג — 27.
הערמאַלין, דוד משה — 35, 36, 37, 42, 49, 54.
הערמאַן, שמואל יעקב — 47.
הערשמאַן, היימאַן — 52.
הפּניני, ידעיה — 63.

וואַגמאַן, יהושע — 35, 37.
וואַלפסאַן, אַניוטאַ — 87.
ווידאַווער, ח. ג. — 107, 109.
וויינשטיין, ב. (בערנאַרד) — 35
וויסמאַן, רובענס — 35, 36.
ווינטשעווסקי, מאָריס — 24-28, 31, 41, 42, 80, 83, 84, 85, 86, 89, 90, 93.
וויערניק, פּעטער (פּרץ) — 35, 42.
וועקסלער, דר. מאָריס — 47.

זאַהיק, דוד (זע גרינבערג).
זאַלאַטאַראָף, דר. הלל — 35, 36, 49, 51-52.
זאַלאַטקאָף, לעאָן — 33-34, 35.
זאַמעטקין, מ. (מיכאל שמואל) — 37.
זאַסלאַווסקי, ז. — 35, 52.
זאַקס, פּיליפּ — 35.
זאַקש, שניאור — 105, 106, 108, 109.
זייפערט, משה — 35, 36, 37, 38-39, 49.
זילבערבערג, י. — 37.
זילבערמאַן, אליעזר ליפּמאַן — 109.
זילבערשטין, א. — 15-16, 19.
זילבערשטיין, שלום יוסף — 35.
זעליקאָוויטש, געצל — 35, 36, 37, 47, 49, 54.

חזא"ל (זע עליאַשעוויטש).

טאָמאַס (טאָמאַשעווסקי), פּנחס — 36.
טאַנצמאַן, אברהם יצחק — 36.
טאָפּאָלאָווסקי, משה — 11, 115, 126.
טורגעניעוו, איוואַן — 7, 112.
טענענבוים, אבנר — 37, 49.

יאַנאָווסקי, ש. (שאול יוסף) — 35, 36.
יאַפּפּאַ, יוסף — 28, 33, 35, 36, 37.
יהלל — 19.
יהלמשטיין, מרדכי — 11, 19, 113, 114, 122, 126.
יוסף, ר' יעקב (רב הכולל) — 7, 53.
יעקב בן דוד — 39.

כוואָלסאָן, פּראָפ. דניאל — 103.

לאַנגעפעלאַ, הענרי וו. — 111.
לאַנדאַו, גוסטאַוו — 11, 19, 115, 130.
לאַסאַל, פערדינאַנד — 39.
לואיס, ראָמאַן ג. — 35, 36, 37.
לוקאָווסקי, יוסף — 36.
ליבערמאַן, אהרן — 19, 23-24, 28, 56, 66.
ליבערמאַן, דרוקער — 114, 126.
ליליען, אברהם משה — 72.
ליליענבלום, משה לייב — 13, 57.
ליליענטאַל, דר. מאַקס — 111.
ליפּצין, קעני — 35.
לעווין, יהושע — 36.
לעווין, דר. מ. — 49.

מאַגולעסקאַ, זיגמונט (זעליג) — 35.
מאַגיל, א. — 35.
מאַגיליאַנסקי, יוסף — 35.
מאַלאַכאָווסקי, הלל — 36.
מאַקיי, הענרי — 90.
מאָריס, וויליאַם — 24, 26, 43.
מאָריסזאָן, יעקב — 47.
מאַרקוס, שמואל ל. — 11, 19, 129.
מאַרקס, פּראָפ. דוד וואָלף — 106.
מאַרקס, עלינאָר — 24.
מאַרקס, קאַרל — 24, 35, 39.
מאַרקס-גרשוני, פּרוי — 112.
מוזיקאַנט, יוסף — 35.
מיכאַלאָווסקי — 15, 19.
מילער, לואיס ע. — 37.
מינץ, דר. מאָזעס — 34, 35.
מינץ, מיכאל (מייקל) — 36.
מלבי"ש — 32.
מעריסאָן, דר. י. א. (יעקב אברהם) — 35, 36.
משה-רבינו — 39.

נאַגלע, בערטע — 35, 49, 52.

סאַבעל, יעקב צבי — 12-15, 16-19, 54, 55, 120.
סאַלאָמאָנס, דזש. פּ. — 107.
סאַלוואַדאָר, יוסף — 112.
סאַלאָוויטשיק, דר. י. — 36.
סאַקאַלסקי, חיים — 97.
סאַראַזאָן (זע שרהזאָהן).
סטאָן, אייזיק — 28-29, 31.
סמאָלענסקין, פּרץ — 8, 97, 106, 108.

סעגאַל, טויבע (טאַטיאַנאַ) — 36, 37, 49.
ספּיוואַקאָווסקי (ספּיוואַק), דר. חיים — 35.
עדעלשטאַט, דוד — 35, 36, 37, 44, 48, 54, 80-96.
עטעלזאָהן, נחמן בער — 11, 19, 116, 128-129.
עליאַסאַף, חיים (הערמאַן) — 19, 105.
עליאַשעוויץ, חיים זלמן — 104.
עלינדזשער, מאָריס — 98.
עקס וו. ר. (זע ראַיעווסקי).
עקס י. ז. (זע זאָלאָטאַראָף).
ערליך, אברהם — 15, 19.
פּאַטאַצקי, גראַף — 112.
פּאַטיע, אייזשען — 26.
פּאַליי, יאָהאַן — 36, 37, 42, 54.
פּאַרסאָנס, אַלבערט — 43, 82, 87.
פּיסאַרעוו, דימיטרי — 35.
פּעטריקאָווסקי, יוסף — 35, 36, 37.
פייגענבוים, בנימין — 28, 31, 52.
פייוול, בערטאָלד — 79.
פיינמאַן, זיגמונד (זעליג) — 35, 36.
פין, יהודה — 36.
פירמאַן, שרגא — 52.
פראַנצאָז, קאַרל עמיל — 12, 35.
פראַנק, יוסף חיים — 98, 121.
פריידוס, אברהם זלמן — 36.
פרייליגראַט, פערדינאַנד — 27.
פרימאַן, סיימאָן — 28, 32.
צונזער, אליקום — 28, 37, 54-55, 68.
ציטראָן, שמואל לייב — 105.
צעדערבוים, אַלעקסאַנדער — 13, 102.
צעטקין, אָסיפּ — 33.
צעטקין, קלאַראַ — 33.

קאַהאַן, אב. — 34, 36, 37, 42, 52.
קאָהן, אַלבערט — 106.
קאָהן, יעקב — 9, 98, 121, 124.
קאָהן, דר. מיכאל — 35, 37.
קאַטאָן, הירש — 9.
קאַטץ, מ. (משה) — 36.
קאַמינער, דר. יצחק — 57.
קאַמפּערט, לעאָפּאָלד — 111.
קאַנטאָר, ד. — 34.
קראַנץ, פיליפּ — 28, 31, 33, 37, 41.
ראַבינאָוויטש, יצחק — 36.
ראַבינאָוויטש, מאיר — 19, 35.
ראָזענפעלד, בעסי — 68.
ראָזענפעלד, מאָריס — 35, 36, 37, 41-47, 48, 50, 53, 54, 55, 64, 68-79, 80, 83, 84, 86, 92, 93, 113.
ראָזענצווייג, גרשון — 36.
ראַיעווסקי, דר. טשאַרלז — 34, 35, 42, 51.
ראַכלים, א. — 35, 37.
ראַמבראַ, יעקב (זע פיליפּ קראַנץ).
רינג, מאַקס — 37.
רענאַן, ערנסט — 112.
שאַרקאַנסקי, אברהם מיכל — 37.
שוואַרץ, דר. — 107.
שור, וואָלף — 36.
שור, סאַמועל — 35, 42, 50.
שטענצעל, ע. — 113.
שטרויס, לייב — 118.
שייקעוויטש, נחום מאיר (זע שמ"ר).
שמ"ר — 35, 37.
שעלי, פּערסי ב. — 26.
שרהזאָהן, יחזקאל — 10, 110, 115.
שרהזאָהן, כתריאל צבי — 6, 10, 11, 12, 19, 47, 113, 114, 121, 126.

ב. צייטשריפטן און ביכער

„אהבת ציון" — 8.
„אַן אומגליקלעכע פּרוי" — 112.
„די איזראַעליטישע פּרעסע" — 11, 116, 128-129.
„אילינאָיזער שטאַאַטס צייטונג" — 119.
„דהי אינדיפּענדענט" — 112.

„אַלאַרם" — 87.
„אַמעריקאַנער" — 116.
„דער אמת" — 59.
„די אמתע וועלט, אָדער איין רייזע אין גיהנום" — 30-31.
„די אנוסים" — 12.

„אסיא" — 112.
„אספת חכמים" — 56.
„אסתר" — 65.
„אַרבּיטער פריינד" — 26, 31, 32, 33, 34, 41, 42, 48, 54, 58, 69, 84, 89.
„אַרבּייטער צייטונג" — 31, 36, 44, 84.

„באָבע משעה" — 16.
„בוסתנאי" — 12.
„די ביבל" — 21.
„די בינען" — 35.
„די בלומענקעטע" — 44.
„בן-סירא" — 121.

„גאַזעטן" — 9-12, 15, 34, 35, 47, 110, 113-116, 121, 123, 124, 126, 129, 130.
„גאָלדעצקע די מלוהטע" — 49.
„דער גוט יום טוב ביטער" — 12.
„די גלאָקע" — 42, 43-44, 52.
„דער גלגול פון אַ ליטווישן יינגל" — 111.
„אַ געהיימער יהודי" — 12.
„דער גר צדק" — 111.
„גראַף מאָנטע קריסטאָ" — 37.
„די גרויסע בייטש" — 36.
„דזשואיש אַדוועגס" — 112.
„דזשואיש טיימס" — 98, 111, 118, 119.
„דזשואיש מעסענדזשער" — 98, 119.
„דיילי ניוס" (1870) — 108.
„דערציילונגען פון קאַמף" — 59.

„האבות והבנים" — 8.
„האמת" — 24, 56.
„הגדה" (פּאַראָדיע) — 34.
„הויז פריינד" — 33, 37.
„היברו לידער" — 98, 119.
„היכל העבריה" — 129.
„הכרמל" — 97.
„הלבנון" — 97, 108, 109, 119, 123.
„הללס הויז" — 37.
„המגיד" — 56, 97, 104, 105, 108, 109, 114, 119, 121, 123.

„העברעאָ ניועס" — „היברו ניוס" (זע „יידישע נייעס").
„הפסגה" — 36.
„הצופה בארץ החדשה" — 10, 99, 114, 122, 126.
„הקול" — 56.
„השחר" — 8, 56, 106, 108.
„השלח" — 111.

„וואָכנבלאַט" — 47.
„וואַרהייט" — 33, 36, 44, 48, 51, 89.
„ווינער איזראַעליט" — 11.
„וועקער" — 58.

„חיים ברבורימס ווערטערבוך" — 62.

„טאַגעבלאַט" — 8, 9, 10, 34, 47, 53, 110, 113, 116, 121, 124, 129.
„טויזנט און איין נאַכט" — 16.
„טריי ביזן טויט" — 12.

„די ידישע צייטונג" — 10, 100, 125.
„דער יזראַעליט" — 11, 114, 122, 126-128, 129.
„יהי אור" — 57.
„ייד געגן ייד" — 111.
„יידישער אינקוויזיטאָר" — 12.
„יידישע גאַזעטן" (זע „גאַזעטן").
„יידישער העראָלד" — 36, 55.
„יידישעס וואָכנבלאַט" (זע „וואָכנבלאַט").
„יידישעס טאַגעבלאַט" (זע „טאַגע-בלאַט").
„יידישע נייעס" — 9-10, 113, 121, 124.
„יידישע פאָסט" — 121-122.
„יידישע פאָלקס צייטונג" — 11, 115, 130.
„יידישער קעמפּער" — 71.
„ילקוט מערבי" — 99.
„ישראל דער אַלטע" — 16-17, 120.

„כלומרשט אַ חתונה" — 65.

„לוין אַרבעט און קאַפּיטאַל" — 35.
„לוקינג בעקוואָרד" — 35.
„לידער-בוך" — 68.
„ליטוואַקל" — 33.

„דאָס לעבן און טויט פון ישוע הנוצרי" — 15-16.
„דער לעצטער נאַבאָר" — 65.

„דהי מאַקאַבייען" — 112.
„מאָרגן-זשורנאַל" — 116.
„מאָרגנשטערן" — 37, 44, 122.
„דער מירער עילוי" — 65.
„מנצח בנגינות" — 7.
„מסכת אַמעריקע" — 63.
„מסכת פורים" — 63.
„מפה" — 10.
„דער משוגענער פילאָסאָף אין ענגלאַנד" — 19.
„משומדים" — 105.
„דעם משוררס נקמה" — 111.

„נאָרא" — 59.
„ניו-יאָרק היברו טיימס" (זע „דיא ידישע צייטונג").
„ניו-יאָרק העראַלד" — 119.
„ניו-יאָרק סאַן" — 111, 119.

„ניו-יאָרקער יזראַעליט" (זע „יזראַע-ליט").
„ניו-יאָרקער יידישע פאָלקס צייטונג" — 34-35, 37, 41, 47, 50, 55.
„ניו-יאָרקער יידישע צייטונג" (שרה-זאָהנס) — 10, 113.
„ניו-יאָרקער יידישע צייטונגס" (וועקס-לערס) — 47.
„די נייע צייט" — 34.

„דהי סאַן" (זע „ניו-יאָרק סאַן").
„ספרי היחוס לכתב אשורי" — 97.
„סקעטשעס אָוו דזשאויש לאַיף ענד היס-טאָרי" — 105, 111.
„עיט צבוע" — 8.
„ערינערונגען" — 59.

„די פאָסט" — 6, 8, 9, 98, 99, 102, 110, 121-123.

„דער פוילישער אידל" — 24, 28, 31, 32, 41, 50, 57.
„דער פאַל פון ביתר [בעטער] און די צען הייליקע מאַרטירער" — 111.
„פאָלקס-אַדוואָקאַט" — 19, 35, 36, 44.
„פאָלקס געדיכטע" — 84.
„פאָלקס-צייטונג" (זע „יידישע פאָלקס-צייטונג").
„די פאַרוועקסלונג" — 12.
„פאָרווערטס" — 58, 72, 73.
„אַ פאַרקערטע וועלט" (זע „יהי אור").
„דער פאַרשטעלטער בחור" — 12.
„פרייע אַרבעטער שטימע" — 37, 84, 86, 88.
„פרייע וועלט" — 58.

„צוקונפט" (ניו-יאָרקער) — 64.
„צוקונפט" (לאָנדאָנער) — 57.
„צעשלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָסאָף" — 58.

„קאָמוניסטישער מאַניפעסט" — 85.
„דאָס קאַפיטאַל" — 35.
„קול לעם" — 57, 60.
„קול מבשר" — 102.
„איין קורצע לעבנס באַשרייבונג פון איין לאָנדאָנער שניידער" — 28-30.
„די ראָזע צווישן דערנער" — 40.
„רב אלחנן" — 111.
„רב חיימל קאַצין" — 8.
„רב חייציקל אַליין" — 8.
„דהי רעפאָרם אַדוואָקאַט" — 105.

„די שטאַאַטס צייטונג" — 114.
„די שיינע נייטערין" — 49.
„שיר זהב לכבוד ישראל הזקן" — 16.
„שמעון און מרים" — 12.

„תולדות ישוע הנוצרי" — 15.
„תקון לבן הארמי" — 112.
„תם ומועד" — 15.
„תפילה פון טויזנט ממען" — 63.

The Birth of Yiddish Literature in America

(1870-1890)

By KALMAN MARMOR

NEW YORK
YIDDISHER KULTUR FARBAND — YKUF
1944